STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06201

# NOVELN

M. Ghitzis

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. היצים

# באוועגן!

פארלאג ש. צעשינסקי־שיקאגא

אילוסטרירט פון
מ. ציפּאָרין
און
מ. טאָנסקי

Copyright by M. Ghitzis
Chicago, Ill. 1932

A. POSY PRESS
617 North Second Street, Milwaukee, Wis.

# אין שאָטן פון הימלקראַצערס

# אין שאָטן פון הימלקראַצערס

דער פאַרנאַכט איז אָנגעקומען מיט אַמאָל. עס האָט געשנייט.

סולין איז געלעגן אַף זיין בעט, און געקוקט אַף די ווייסע שניי־עלעך, וואָס זיינען געפאַלן רואיק און טריב. אין צימער איז געווען טונקל. פון ערגעץ וואו האָבן זיך געהערט שטימען. ווערטער האָבן זיך געצויגן טריב און רואיק, ווי די שנייעלעך אין דרויסן. אין ווינקל האָט די פאַרע אין ראַדיאַטאָר אויסגעזונגען אַ לידל... אויך רואיק און טריב. אַט האָט זיך קעגן פענצטער אָנגעצונדן אַ לאָמפּ, און שנייעלעך האָבן אָנגעהויבן טאַנצן אַרום דער שיין.

סולין האָט דערהערט ווי עמיצער זוכט מיטן שליסל דעם לאָך אין דער טיר. אָדער דער באַלעבאָס, אָדער די באַלעבאָסטע, האָט ער אַ טראַכט געטאָן. ביידע אַרבעטן זיי, און ביידע קומען זיי אַהיים שווייגנדיק, ניט צופרידענע. קוקן אַף אים בייז, און אָפט דוכט זיך אים, אַז זיי וואָלטן אים אַזוי גערן אָנגענומען בײַ די הענט און בײַ די פיס און אַרויסגעוואָרפן.

סולין טראַכט וועגן דעם רואיק, אָן האַס. פאַרוואָס זאָל ער זיי האַסן. דערפאַר וואָס ער איז אַ שלימאַזל? וואָס זיינען זיי שולדיק, וואָס ער אַרבעט ניט, וואָס ער האָט ניט קיין געלט צו באַצאָלן פאַרן צימער?

דער באַלעבאָס איז אַריינגעקומען, אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם שניי און אַריינגעגאַנגען אין קיך.

סולין האָט געהערט, ווי ער פּאַרעט זיך דאָרט מיטן טשייניק. די שיין פון אַ שוועבעלע האָט אַציטער געטאָן אַף די וואַנט. טיי... טיי... אַ גלעזל זיסע טיי מיט ברויט... ווי געשמאַק עס איז. וועט ער אים אַריינרופן טרינקען טיי? אַמאָל פלעגן זיי אים רופן, נאָר פון זינט ער האָט אויפגעהערט צו צאָלן, רופן זיי אים ניט מער. ער ווייסט ס'איז ניט פון קאַרגשאַפט, אָדער פון שלעכטקייט. ס'איז פּאַשעט דערפאַר, ווייל זיי ווייסן, אַז וואָס בעסער זיי וועלן זיין

צו אים, אלץ ערגער וועט עס זיין פאר זיי. זיי מוזן דאך פאטער ווערן פון אים, און ווי קאנען זיי פון אים פאטער ווערן, אז זיי וועלן זיין גוט צו אים.

דער באלעבאס איז צוגעקומען צו דער טיר. ארייננעקוקט. געפרעגט שטיל... געמיינט מיסטאמע, אז סולין שלאפט:

— מיסטער סולין, איר שלאפט?

— ניין, איך שלאף נים.

— מיסטער סולין, איך האב אייך געוואלט בעטן איר זאלט היינט באפרייען דאס צימער.

סולין האט גארניט געענטפערט. ער הערט עס ש׳יין נים דאס ערשטע מאל. און וואס פאר א טערעץ זאל ער אים ווידער געבן. זיי ווייסן דאך, אז ער ארבעט ניט, אז ער האט נים וואוהין צו גיין. און אז ער היסט אים באפרייען דאס צימער, מיינט ער עס דאך. ער זאגט עס דאך נים גלאט אין דער וועלט אריין.

— איר ווייסט דאך, מיסטער סולין, — האט דער באלעבאס נערעדט אומעטיק און דערשלאגן. — איר ווייסט דאך...

ער און זיין ווייב ארבעטן דאך אזוי שווער. ער פעדלט ארום אין די הייזער און זי ארבעט אין שאפ, און פון דער גאנצער ארבעט קאנען זיי קיין לעבן נים מאכן. צו וואס האבן זיי אים אריינ־געגומען, אויב נים צו פארגרינגערן זיך. אט זיצט ער שוין דא, מיסטער סולין, זעקס כאדאשים אן ארבעט. און צאלן צאלט ער נים, און ווען וועט ער צאלן? האבן זיי דען אים עפעס געזאגט די ערשטע צייט? אוואדע האבן זיי גארניט געזאגט. זיי האבן געזען: א מענטש גייט ארום אן ארבעט, וועלן זיי ווארטן. זיי ווייסן וואס ס׳הייסט ארומגיין אן ארבעט. ס׳מוז דאך אבער נעמען א סאף. זיי האבן געווארט א כוידעש, און צוויי, און דריי, און יעדע וואך ליינט ער אפ אף דער צווייטער, יעדן טאג אפן צווייטן. זיי זיינען אים שוין מויכל וואס ס׳קומט. זאל ער גיין געזונטערהייט. זיי דארפן דאך דאס צימער צו פארדינגען. זיי קאנען אליין נים צאלן. זיי קומען קוים אוים. מיסטער סולין איז דאך נים א קינד. ער דארף דאך פארשטיין. זאל ער גיין צו פריינט, צו באקאנטע. זיי האבן שוין דאס צימער פארדונגען צו אנאנדערן און יענער וועט נאך היינט באנאכט קומען. וואס קאנען זיי זיך העלפן? מע קאן

זיך עפּעס העלפן?

סולין איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן. געהערט דעם אָר־מעטיקן אויסגוס פון דעם באַלעבאָס. געהערט, ווי אין סיך זידט דער משיינים. פאַרגעשטעלט זיך, ווי די הייסע פּאַרע רייסט זיך פון דעם דעקל...

באַלד וועט קומען די באַלעבאָסטע. זי וועט מיטברענגען מיט זיך אַ פּעקל געשמאַקע מייכאָלים. וועט אָנגיסן טיי. זי וועט צום צענטן מאָל דערציילן, ווי דער פאָרמאַן טשעפּעט זיך צו איר אַרבעט. דערנאָך וועט זי אָפּרעג טאָן: נו, ער איז נאָך דאָ? נאָך ניט אוועק־געגאַנגען?

סולין האָט זיך אויפגעהויבן. געבליבן זיצן אָפן בעט, אָנ־געשפּאַרט אָף די הענט. אַקוק געטאָן אָף דעם באַלעבאָס:

— גוט, מיסטער ווינער. איך גיי.

— איר זעט דאָך אַליין, מיסטער סולין... — האָט מיסטער ווינער צעפּירט מיט די הענט. — ניט מיין שולד. וואָס קאָן מען טאָן. עס מוז דאָך אַמאָל נעמען אַ סאָף. זעקס כאַדאָשים איז דאָך ניט זעקס טעג, און...

— איך ווייס, איך ווייס, מיסטער ווינער. נעמט זיך ניט צום האַרצן.

סולין האָט זיך אָנגעטאָן אין זיין ראָק, און איז אַרויסגעגאַנ־גען. געבליבן שטיין אָף די טרעפּ.

דער שניי איז געפאַלן אַזאַ ווייסער, אַזאַ לייכטער און ווייכער... און סולין האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז ס׳וואָלט, עפּשער, גוט געווען אַנידערלעגן זיך אָף דעם שניי, און ליגן אַזוי אומבאַוועגלעך, און קוקן אָף די ווייטע שטערן, אָף די בלאָע שאָטנס, אָף די פּיס פון די פאַרבייגייער. ליגן אַזוי און קוקן, ביז דער ווייסער פּוך וועט אים איינגאַנצן פאַרדעקן, ביז ער וועט אַנטשלאָפן ווערן, אָף אייביק אַנטשלאָפן ווערן.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָלנער. איצט וואָלט גוט געווען פאַררויכערן, האַלטן אַ ציגאַר אין מויל און שפּאַנען. גיין וואוהין די אויגן טראָגן. ער האָט דען וואוהין צו גיין? צו וועמען זאָל ער גיין? באַקאַנטע האָט ער ווייניק. און אויך זיי קוקן אָף אים מיט קרומע אויגן. אומעטום איז ער שולדיק און צאָלן די

כּוויוועס... מיט וואָס? וואו זאָל ער נעמען? אָט האָט ער היינט געלייענט, אַז אַ פרוי וועלכע איז געווען היימלאָז און הונגעריק פּונקט ווי ער, האָט גענומען אַ שטיין און אויסגעזעצט די פענצטער אין אַ באַנק. האָט מען זי אַרעסטירט. איז זי שוין איצט באַזאָרגט מיט אַ געלעגער און מיט עסן אַף אַגאַנצן כוידעש. עפּשער זאָל ער אויך אַזוי טאָן? אין וועלכן קאָדעקס שטייט געשריבן, אַז ער מוז הונגערן נאָר דערפאַר ווייל עמיצער וויל אים קיין אַרבעט ניט געבן — ווייל עמיצער האָט ערגעץ עפּעס, וואָס הייסט אַרבעט, האָט ברויט און הייזער און ער סולין האָט גאָרניט און מוז הונגערן? הם... די פרוי האָט געהאַט מוט — מער פון אים — ער קאָן עס ניט טאָן.

ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ מיידעלע. דערפילט דעם רייאַך פון פרישן ווארעמן ברויט, וואָס זי האָט געטראָגן. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און נאָכגעקוקט. אַהונגעריקער הונט — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — בלייבט אויך מיסטאָמע, שטיין אָט אַזוי, ווי איך, ווען ער דערשמעקט דעם רייאַך פון ברויט. דער הונט גייט נאָך מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן עק און מיט אַ שטומען געבעט אין די אויגן. און וואָס זאָל ער טאָן... ער — סולין. ער איז דאָך אַ מענטש. אַ הונגעריקער מענטש. זאָל ער אַרויסרייסן באַ איר דאָס ברויט, אַנט־לויפן ערגעץ אין אַ פּאַרק און זעטיקן זיין ליידיקן מאָגן?...

ער איז אַרום אַף דער גרויסער ברייטער עוועניו. עלעקטרישע שילדן האָבן געשפּילט מיט פאַרבן. אָטאָמאָבילן זיינען ווי פאַר־פאַנצערטע כאַיעס געפלויגן אין אַלע ריכטונגען. מענטשן האָבן געהיילט, יעדער צו זיין היים, צו זיין טיש, צו זיין בעט. ער וואָלט דאָך אויך באַדאַרפט לויפן ערגעץ וואו אָט פּונקט ווי זיי. וואוהין? צו וועמען? צו וואָס?

אָפּגעשטעלט זיך באַ די פענצטער פון די קראָמען. באַ די קינאָס. געקוקט אַף די בילדער, געקוקט אַף די פרויען. אַזוי פיל שיינע פרויען...

— ברודער... קאָנסטו מיר געבן אַפּאָר סענט אַף קאַווע?...

סולין האָט זיך אַדריי געטאָן. מיינט מען דאָס אים? אָט דער מאַן מיט דער צעפּלעטשטער נאָז און אונטערגעשלאָגענע אויגן בעט באַ אים אַף קאַווע? ! כאַ־כאַ־כאַ! פאַרוואָס האָט ער אונטערגע־

שלאָגנגע אויגן דער מאַן?

עפּשער האָט ער זיך מיט עמיצן געשלאָגן איבער פינף סענט. צו עפּשער האָט ער אויסגעריסן בא עמיצן א שטיק ברויט צו זעטיקן זיין הונגער.

דער מאַן האָט אקוק געטאָן אף סולינען מיט זיין אפּאַטישן בליק און איז אוועקגעגאַנגען.

וואוהין גייט ער? — האָט סולין א טראַכט געטאָן. וואוהין קאָן א שטייגער, אזא מענטש, ווי ער גיין. האָט ער א צימער, א בעט, א לאָך ערגעץ וואו ער פארגראָבט זיך אף באַנאַכט, וואו ער ליגט א צונויפגעקאָרטשעטער און כאָלעמט פון ברויט, פון פלייש און פרויען... ער גייט מיסטאמע, צו דער בריק. אהינצו, וואו אונטער די קאָלאָנעס פון שטיין און אייזן זיינען זיך צונויפגעלאָפן די היימלאָזע און הונגעריקע באַשעפענישן — מענטשן. אָט אזעלכע מענטשן, ווי ער אליין. ליגן מענטשן אונטער דעם בריק און קאָרטשן זיך אין יעסורים פון הונגער און קעלט... און אויבן אף דעם בריק... יאָגן זיך טויזענטער מאַשינען און פירן מענטשן צו פארגעניגנס, צו זאַטקייט, צו ליכט און ווארימקייט, עפּעס גאָר אנדערע מנטשן. דוכט זיך די זעלבע כאַיעס מיט פּונקט אזעלכע קערפּערס ווי בא די, וואָס ליגן אונטן און דאָך... אנדערע. אנדערע, ווייל זיי זיינען זאַט. אנדערע, ווייל זיי זיינען אָנגעטאָן, ווייל זיי האָבן ווארעמע הייזער, ווארעמע בעטן און ווייבער מיט ריינע אויסגעוואַשענע לייבער.

סולין האָט זיך געלאָזט גיין נאָך דעם מאַן.

אָט גייט ער אים נאָך. גייט דאָרט דער שיקזאַל אין דעם געשטאַלט פון דעם מאַן און פירט אים אהינצו צום אָפּגרונט, וואו עס קאָרטשן זיך אין ליידן מענטשן... מענטשן, וואָס קאָנען ליבן, פילן, דיינקען... מענטשן!

סולין האָט זיך אַרומגעקוקט. האָט קיינער ניט געהערט ווי ער שרייט? מ׳וועט אים אָנגעמען פאַר א מעשוגענעם. וואָס האָט ער זיך צעשריגן דאָ אף דער ליכטיקער עווניו? ! ניין, קיינער האָט ניט געהערט. ניט באַמערקט אים אפילע. וואָס איז ער דען? און אז ער וועט שרייען וועט מען דען הערן. און אז ער וועט פּלוצים צולויפן צו די רייכע פענצטער וואו עס שיינען בריליאַנטן, און

אַז ער וועט זיי צעברעכן מיט זיינע דאַרע פּאַרבלוטיקטע הענט, וועלן זיי דען פאַרשטיין? וועט מען אים דען פירן צו אַ וואַרעם געלעגער? וועט מען דען אים געבן עסן? צווישן אייזערנע ווענט וועט מען דאָך אים פאַרשפּאַרן. אַ וועכטערס אויג וועט דאָך אויף אים קוקן ווען ער וועט עסן.

אָט גייט ער איצט נאָך דעם מאַן מיט די אונטערגעשלאָגענע אויגן.

וואָס לויפט ער אים נאָך, דעם אומגליקלעכן?

וועט ער דען אָנשטאָפּן די נאַסע הויזן און דעם ראָק מיט צייטונגען ווי אַ טשוטשעלאָ און אַנידערלעגן זיך דאָרט לעבן אים אויף דעם קאַלטן אַספאַלט און טוליען זיך צו אים, און וואַרעמען זיך מיט דער וואַרימקייט פון זיין לייב? וואוהין לויפט ער אים נאָך? דאָרט קאָן ער זיך פאַרקילן... שטאַרבן... נו, און אַז שטאַרבן, איז וואָס? איז וואָס, וואָס, וואָס? ! איז דען דער היינט וויטער און דער מאָרגן נאָנטער צום סאָף? איז דען ניט דאָס לעבן דער גרויסער מייסטער, וואָס פירט דיך צו די אינטערעסאַנטסטע איבער־לעבונגען? האָט ער דען איבערגעלעבט אַמאָל אַזאַ נאַכט? האָט ער דען ניט געכאַלעמט אַמאָל פון אַט־אַ־די־דאָזיקע איבערלעבונגען? פלעגט ער דען ניט, ליגענדיק באַוואונדערן אַט־אַ־די מענטשן, און די דרייסטקייט מיט וועלכער זיי רייסן זיך דורך אין לעבנס קאַמף?

וועט אים דען ניט האַנאָע טאָן אַמאָל, ווען ער וועט זיך דער־מאָנען אָדער דערציילן פון אַט־אַ־די־דאָזיקע נעכט אונטערן בריק.

און פּונקט ווי אַמאָל ווען ער איז געווען אַ אינגל און געכאָלעמט און געשטרעקט די ברוסט און געהויבן די קאָפּ קעגן די געפאַרן און קעגן די סאָנים וועלכע ער האָט געזען אין זיין פאַנטאַזיע, פּונקט אַזוי האָט ער אויך איצט אויפגעהויבן זיין קאָפּ צום הימל. דערזען דעם ריזיקן פּראָדזשעקטאָר אויף דעם הימלקראַצער. ער האָט אים דאָך פריער אויך געזען — ס'איז אָבער געווען אַזוי גוויינלעך. אָט פּונקט ווי די עלעקטרישע שילדן צו וועלכע ער איז אַזוי צו־געוואוינט. איצט אָבער האָט דער פּראָדזשעקטאָר אָנגערעגט אים מיט מאָדנע געדאַנקען און געפילן. אָט זוכט ער דער פּראָדזשעקטאָר מיטן פייערדיקן אויג איבערן הימל. שטעלט זיך ניט אָפּ אויף קיינעם. דרייט זיך אַזוי אַן אויפהער אַרום און אַרום.

פאַרוואָס שטעלט ער זיך ניט אָפּ.

אָט, ווען ער שטעלט זיך אָפּ אױף אים. אױף אים אַליין. אָט אַזוי, אַז דער ריזיקער בלווילעכער פּאַס ליכט זאָל ווי דורך אַ קישעף צע־ברענען זיינע קליידער, זיי זאָלן ווי דין אַש אַראָפּפאַלן פון זיין נאַקעט לייב. איינגאַנצן אַ נאַקעטער. אונטערן בלענדנדיקן ליכט אױף דער ברייטער רייכער עוועניו. אַלע מאַשינען וואָלטן שטיין געבליבן. אַלע מענטשן וואָלטן זיך צונויפגעלאָפן. און דאַן וואָלט ער אויפגעהויבן די האַנט און געזאָגט:

ליידיס ענד דזשענטלמען, אָט אַ דאָ אונטערן ליכט פון דעם פּראָדזשעקטאָר שטייט פאַר אייך אַ זייער אינטערעסאַנטער עקזעמ־פּלאַר פון דעם מין כאַיע, וואָס מ׳רופט מאַמאַל. די באַשעפעניש רופט זיך אויך — מענטש. די כאַיע — מאַמאַל — מענטש איז די אינטערעסאַנטסטע און געניאַלסטע קרעאַציע פון דער נאַטור. קוקט זיך צו, ליידיס ענד דזשענטלמען. די כאַיע — מאַמאַל־מענטש איז אַ מין מאַשין. און אָט אַ די קרעאַציע רופט זיך — איך, איך — ווייל דער מאַשין קאָן דיינקען. איך — ווייל דער מאַשין קאָן ריידן, ווייל ער קאָן שאַפן, ווייל ער קאָן פילן. מיט דער קאָמפּלי־צירטער סיסטעמע פון נערוון, דריזן, האַרץ, לונגען און מיט דער הילף פון אָט דעם זעקל וואָס רופט זיך מאָגן, און וועלכער איז איצט ליידיק (פּראָדזשעקטאָר, מער ליכט! זאָלן די ליידיס און דזשענ־טלמען זען), אָט מיט דער סיסטעמע באַוויזט דער מאַשין וואונדער איבער וואונדער . אין די דורכשניטלעכע צוואַנציק טויזנט טעג, וואָס דער מאַשין לעבט, קאָן ער שאַפן די וואונדערבאַרסטע זאַכן, וואָס אייער פאַנטאַזיע קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן. איין זאַך מוזט איר אָבער וויסן, ליידיס ענד דזשענטלמען, נעמלעך: אום דער מאַ־שין ־כאַיע ־ מאַמאַל־ מענטש זאָל קאָנען עקזיסטירן און פּראָדוצירן מוז אָט די קליינע טייל אין זיין מעכאַניזם, וואָס מ׳רופט מאָגן, ווערן רעגלמעסיק אָנגעפילט מיט פאַרשיידענע זאַכן, וואָס מ׳רופט שפּייז. אָט פּונקט אַזוי, ווי איר פילט אָן אייער אָטאָמאָביל מיט גאַזאָלין, ווען איר ווילט ער זאָל אייך פירן. ליידיס ענד דזשענטל־מען! אָט שטייט פאַר אייך דער מאַמאַל מענטש, וואָס רופט זיך — איך, און בעט זיך, נעמט מיך! פילט אָן מיין מאָגן מיט אַ ביסל שפּייז פון דעם בארג שפּייז, וואָס ער האָט פּראָדוצירט פאַר אייך! ניט אים

א קליין ווינקל אין די טויזענטער הימלקראַצערס, וואָס ער האָט גע־בויט פאַר אייך! נעמט מיך! נעמט מיך! איך וועל אַרבעטן, שאַפן! נעמט! קיינער? אַ? קיינער? לײַדים ענד דזשענטלמען. איך האָב אייך פאַרגעסן צו זאָגן, אַז דער מאַמאַל מאַשין האָט אין זיך נאָך איין אייגנ־שאַפט, וואָס קיינע פון אייערע שטאָלענע מאַשינען האָט נים. נעמליך: ער קאָן שאַפן פאַר אייך נײַע מאַשינען. געטרײַע פּערפעקטע קאָפּיעס פון זײַן אייגענעם איך! נו? נעמט איר מיך? ניין? ! קיינער וויל נים דעם וואונדערבאַרן מאַשין? איר לאַכט? כאַ־כאַ־כאַ! מעשוגע זאָגט איר בין איך? ! כאַ־כאַ! אידיאָטן! פּאַראַזיטן! פּאַ־ראַ־זיטן!!!

סולין האָט זיך צעלאַכט אין זיך: דײַן סאַטירע בײַסט נים קיינעם, סולין. פּרוּוו דײַנע ציין. ער האָט דערפילט, אַז ס׳איז אים קאַלט. ער האָט באַמערקט, אַז דער שניי, וואָס איז פריער געווען אַזוי לײַכט, ווי פעדערן, איז פלוצים געוואָרן דין און שטעכיק. געפאַלן ווי אַ רעגן פון קאַלטע אײַז־נאָדלען. אַ ווינט פון יאַם האָט פלוצים אָבגעריסן געטאָן מיט פּראַסט. דאָס אויג פון דעם פּראָדזשעק־טאָר האָט ווי אײַנגעשפּאַרט געצירקלט דעם הימל. — אָט אַזוי זײַנען אויך די אויגן פון די מענטשן. טראָגן מיט זיך צוויי פּראָדז־שעקטאָרס. קוקן מיט קאַלטער ליכט און זעען גאָרנים... גאָרנים...

סולין האָט דערזען דעם בריק. אָטאָמאָבילן זײַנען, ווי צוויי שטאָלענע פּאַסן אַף אַ ריזיקן מאַשין געפלויגן הין און צוריק.

עפּעס האָט אים אַנאָג געטאָן באַם האַרצן, ווען ער האָט זיך געלאָזט אַראָפּגיין די טרעפּ. דעם מאַן מיט די אונטערגעשלאָגענע אויגן האָט ער שוין נים געזען. ער האָט אַראָפּגערוקט זײַן הוט איבער די אויגן און איז אַרונטער. אַרום אַ פײַער זײַנען געזעסן און געשטאַנען טונקעלע סילועטן. אין די ווינקלען און באַ די קאַ־לאָנעס זײַנען זיי געלעגן... ווער מיט פאַרמאַכטע אויגן און ווער קוקנדיק אַפּאַטיש און פאַרגליווערט אַפן פײַער און אַף די טאַנצנדיקע, שפּרינגנדיקע שאָטנס. אַ יעדער אַ וועלט פאַר זיך.

פון ווײַטנס זײַנען געשטאַנען גרופּנווײַז מענטשן. דאָס זײַנען געווען מענטשן פון אויבן. מענטשן פון וואַרעמע הײַזער, פון ריינע בעטן. מענטשן מיט אָנגעפּילטע מאָגנס. מענטשן, וואָס זײַנען גע־קומען אָנקוקן און באַדויערן די אַרויסגעשטויסענע — די אונטערשטע.

אָט שטייט דאָרט איינער. שטייט אַליין באַם לאַמטערן און

שרייבט עפּעס אין זיין נאָטיץ ביכל. א רעפּאָרטער מיסטאמע. א געלונגענער געדאנק, מיסטאמע איינגעפאַלן, פאַרשרייבט ער אים. האָט מוירע ער וועט פאַרגעסן.

סולין איז צוגעגאַנגען צו אים.

— איר זיינט א רעפּאָרטער? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ. איר זיינט אויך א רעפּאָרטער?

— ניין. — האָט סולין געענטפערט.

— אָ, איר זיינט פון זיי...

— יאָ, פון זיי.

— ווי אזוי האָט עס מיט אייך פּאַסירט, וואָס איר זיינט געקומען צו דעם?...

— וואָס אינטערעסירט אייך אזוי...

— איר ווייסט דאָך... איר וועט מיר עפּעס דערציילן, א צווייטער וועט מיר עפּעס דערציילן, און אזוי ארום וועל איך האָבן א „סטאָרי" און מענטשן וועלן לייענען און וויסן פון אייך.

— און אז זיי וועלן שוין וויסן ווי אזוי איך, און דער, און יענער זיינען געקומען צו דעם, וועלן זיי שוין לייזן די פּראָבלעם פון ארבעטסלאָזיקייט, פון היימלאָזיקייט? — האָט סולין געפרעגט..

— אָ, מענטשן לייענען, פאַרטראַכטן זיי זיך, העלפן זיי ווער מיט וואָס ער קאָן.

— א, א, — האָט סולין א שמייכל געטאָן. — איר העלפט אונדז, דערציילענדיק זיי פון אונזערע ליידן. איר נעמט אונזער הונגער, אונזער נויט און פוצט עס אויס מיט שיינע סענטימענטאַלע פראַזן, און דערנאָך פאַרקויפט איר עס צו זיי פאַר דריי סענט א שטיק און זיי לייענען און פילן מיט. ניט אזוי?

— יאָ, אזוי, דאָס וועקט זייער געוויסן און זיי העלפן.

— א, דעם געוויסן. מיסטער רעפּאָרטער, וואָס איז עפּעס מיט אייער געוויסן?

— וואָס מיינט איר? — האָט דער רעפּאָרטער געפרעגט.

— איך מיין צו זאָגן — האָט סולין געענטפערט, — אז אויב זייער געוויסן ווערט אויפגעוועקט נאָר פונם לייענען, האָט דאָך אייער געוויסן פון צוזען דאָס אַליץ באַדאַרפט רעוואָלטירן אוואדע

און אוואדע!

— און פון וואנען ווייסט איר, אז מיין געוויסן איז רואיק.

— לאָזט מיך העלפן בארואיקן אים.

— ווי אזוי?

— אָט נעמט מיך אהיים צו זיך. גיט מיר עפּעס אָפּצוועסן און א בעט צו שלאָפן. איך וועל אמאָל געפינען ארבעט, וועל איך אייך באצאָלן.

— ליידער קאָן איך עס ניט טאָן. איך וואוין בא פרעמדע. אָבער, איך האָב א דאָלער, איז אויב דאָס וועט אייך העלפן, וועל איך זיין צופרידן.

— און אייער געוויסן וועט זיין רואיק? !

— איר דארפט ניט זיין אזוי סארקאסטיש, מיין פריינט.

— אָ, איך בין ניט סארקאסטיש. ס'איז אָבער עמעס. איר וועט געבן א דאָלער און איר וועט זיך באריאיקן. און אָט יענע דאמע, וואָס שטייט דאָרט און ווארט מ'זאָל איר בעטן א ניקל, וועט זיך אויך בארואיקן. איר זעט, זי שטייט אָנגעגרייט צו העלפן. און אז מ'וועט בעטן; וועט זי א וואָרף טאָן צו די הינט א ביינדל און זיי וועלן זיך ארויפוואַרפן, ווי די וועלף, בייסנדיק און גראבלענדיק איינער דעם צווייטן. זי וועט אויך אהיים גיין א בארואיקטע מיט א ריינעם געוויסן.

— וואָס זשע וואָלט איר געוואָלט מ'זאָל טאָן? וואָלט איר בעסער געווען?

— צו איך וואָלט בעסער געווען, ווייס איך ניט. אָבער וואָס מ'דארף טאָן — דאָס ווייס איך יאָ.

— וואָס? — איז דער רעפּאָרטער געוואָרן נייגעריק.

— קריכט ארויף אַף יענעם הימלקראצער, איר זעט? און איך וועל ארויפגיין אַף דער עווענוי. איר וועט אָפּשטעלן דעם פּראָדזשעקטאָר, אז דער פּאָס ליכט זאָל פאלן אַף מיר. און איך וועל זיך אויסטאָן נאקעט. און אז די מענטשן וועלן זיך צונויפלויפן אַף דעם בייז וואונדער, וועל איך אויסשרייען: אָט אזוי זיינען מיר געבוירן געוואָרן אלע — נאקעטע.

— איר פּרואווט כוויזעק מאכן פון מיר? — האָט דער רעפּאָרטער געפרעגט.

— וואָס זשע? איז דאָס ניט אַן אָריגינעלער איינפאַל פאַר אַ סענסאַציאָנעלער „סטאָרי"? דאָס איז דאָך אַלץ וואָס איר דאַרפט. שטעלט אייך פאָר, איך היים אייך אָנשרייבן אַזוי: בירגער, כאַווײרים, ברידער, אָדער דער טייוול ווייסט, ווי אַזוי מ׳דאַרף אייך רופן דאָרט, וואָס הונגערט איר? ! וואָס שלעפט איר זיך אַרום, ווי דערשלאָגענע קרעציקע הינט און קעץ? וואָס שלעפט איר זיך אַרום אין די אונ־טערגעסלעך און זוכט אין קופעס שמוץ אַ ביינדל אָפּצולעקן. נעמט שטיינער, נעמט אייזנס, נעמט ביקסן, באַוואָפנט זיך און צעשמעט־טערט, פאַרניכטעט די רויבער, וואָס האָבן צוגענומען פון אייך אייער ברויט, אייערע הייזער, אייער געזונט, אייער כּאָלעם און זיסקייט פון לעבן! אַ? וואָלט איר אָנגעשריבן אָט אַ די פּאַשעטע ווערטער? וואָלט מען עס אָפּגעדרוקט אין אייער צייטונג? ניין? אַוואַדע ניין!

— זיינט איר פון יענע, פון די קאָמוניסטן?

— וואָס פאַר אַ פראַגע! ווען אַ פערד וואָלט געקאָנט ריידן און ער וואָלט אייך געזאָגט, אַז ער איז הונגעריק און האָט ניט וואו צו באַשיצן זיך פון דעם פראָסט און דעם ווינט אין דער צייט, ווען אַ קופּע אינטערנאַציאָנאַלע רויבער האָבן טויזנטער לײדיקע הייזער און פאַרבערגן מיליאָנען קוישן ברויט, וואָלט איר אים, מיסטאָמע אויך געפרעגט צו ער איז ניט פון יענע, פון די קאָמוניסטן. מיסטער רעפּאָרטער, איך בין פון יענע, וואָס זיינען הונגעריק און האָבן ניט וואו צו שלאָפן. וואָס איז אייער נאָמען?

— לאַמבערט.

— און וואו אַרבעט איר?

— אין די „טיימס".

— אָלרייט. גיט מיר אייער דאָלער. איך וועל אָפּגעבן.

לאַנגזאַם און ניט גערן האָט דער רעפּאָרטער אַרויסגענומען דעם דאָלער פון דער קעשענע און אָפּגעגעבן צו סולינען.

סולין האָט גענומען דעם דאָלער, געשטאַנען אַ ווײלע און געטראַכט. דערנאָך אַ קוק געטאָן אויף דעם רעפּאָרטער:

— לאַמבערט? די „טיימס"? אָלרייט. אַגוטע נאַכט. ער האָט זיך געלאָזט גיין אַרויף. אַהין צו דער אַוועניו. אַרויפקומענדיק אויף דעם בריק, און אַריינלייגנדיק די הענט אין די קעשענעס, איז

סולין פּלוצים געבליבן שטיין. דער דאָלער, דער דאָלער... ער האָט דאָך אים ערשט אַריינגעלייגט אין דער רעכטער קעשענע. דער דאָלער איז ניטאָ.

עס האָט אים אָנגעהויבן שווינדלען אין די אויגן. ער איז אַראָפּ די טרעפּ, און בא דער שיין פון דעם לאַמטערן, האָט ער דערזען דעם דאָלער. מוירע האָבנדיק, אַז דער ווינט זאָל אים ניט אַוועקבלאָזן, האָט ער זיך אַוואָרף געטאָן און אויסגעשטרעקט די האַנט. אין דעם זעלבן אויגנבליק האָט עמיצער אַנאַנדערער אויך אויסגעשטרעקט די האַנט און אָנגעכאַפּט דעם דאָלער.ביידע האָבן זיך אויפגעהויבן, יעדער פון זיי האַלנדיק איין זייט פון דאָלער, און קוקנדיק איינער אַף דעם צווייטן.

— דער דאָלער איז מיינער. ער איז אַרויס פון מיין קעשענע און אַראָפּ.

— אַ, יע? ! — האָט דער מאַן געענטפערט. — דיינער? איך האָב געזען דעם דאָלער ליגן אָט דאָ, ווען דו ביזט נאָך געווען אַף דעם בריק.

— אָבער איך זאָג דיר, דער דאָלער איז מיינער. אַ רעפּאָרטער האָט אים מיר געגעבן.

— אַ רעפּאָרטער? ! פון ווען אָן טיילן אויס רעפּאָרטערס דאָלערס צו באָמס? לאָז אָפּ דעם דאָלער.

— הערזשע, — איז סולין געוואָרן אויפגערעגט — איך ווייס אַז דו דאַרפסט דעם דאָלער פּונקט אַזוי גוט ווי איך. דער דאָלער איז אָבער מיינער. נאָר איך וועל דיר געבן אַ האַלבן דאָלער. מיר וועלן זיך צעטיילן.

— צעטיילן? ! דו ביזט אַ טייערינקער! — ער האָט אַרויס געטאָן דעם דאָלער און סולין איז געבליבן מיט אַ שטיקל אין דער האַנט.

— הער זשע, — האָט אים סולין אָנגעכאַפּט בא דער האַנט. — זיי ניט קיין כאָכעם . איך וועל דיר דעם דאָלער ניט אַוועקגעבן אפילע ווען דו שפּרינגסט אין יאַם אַריין.

— אַ, יע? ! — האָט יענער אַרויס געטאָן זיין האַנט.

— יע. — האָט סולין ווידער אים אָנגעכאַפּט.

דער מאַן איז געשטאַנען אַוויילע, קוקנדיק אַף סולינען מיט

אַ בייזן שמייכל דורך זיינע האַלב פאַרמאַכטע אויגן. און פּלוצים אַ זעץ געטאָן אים אין פּאָנים אַריין.

אַ בלוטיקער נעבל האָט אַ שוועב געטאָן פאַר סולינס אויגן. אָנשטריינגענדיק אַלע קויכעס האָט ער אַ זעץ געטאָן מיט זיין האַנט אין דעם מאַנס קערפּער, ניט זעענדיק זיין פּאָנים, נאָר פילנדיק אינסטינקטיוו, אַז ער מוז שלאָגן, שלאָגן, שלאָגן... פּאַכנדיק מיט די הענט, האָט ער געפילט, ווי עמי־צער רייסט אַף אים די קליידער, דעם קאָלנער, גראָבט זיך איין אין זיין באַק און גראַבלט מיט שאַרפע נעגל. ער איז אַנידערגעפאַלן, פאַרשטעלנדיק דאָס צעבלוטיקטע פּאָנים מיט די הענט. געזעסן אַזוי אַפּאָר מינוט, ניט ווויסנדיק וואו ער איז און ניט פאַרשטייענדיק נאָך וואָס עס איז געשען.

אין זיין צונויפגעדרוקטן פויסט האָט ער דערפילט דאָס אָפּ־געריסענע שטיקל פון דעם דאָלער. ער איז געוועז בייז אַף זיך. נעווישט מיט די פאַרבלוטיקטע הענט דאָס בלוט פון די צעדראַפּעטע באַקן, און געפילט, אַז אין דעם מאָמענט וואָלט ער געקאָנט אויפ־רייסן די גאַנצע וועלט.

— נו, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — צוריקגיין. אַראָפּ. צו זיי... וואוהין דען קאָן ער גיין?

ער איז אַראָפּגעגאַנגען, געזוכט מיט די אויגן אַ ווינקל. דערזען אַ ליידיק פּלאַץ לעם אַ קאָלענע. אָני־דערגעזעצט זיך, איינגענורעט זיך און פאַרמאַכט די אויגן. געזעסן, ביז ער האָט דערפילט, אַז דער פראָסט און ווינט נעמען דורך זיינע ביינער.

אַקוק געטאָן אַפן זייגער, וואָס האָט געשיינט פון דער־ווייטנס אַף אַ הימלקראַצער. ס'איז שוין געוועזן שפּעט. ער האָט אָנגענומען מיט די הענט אַביסל שניי און אַוויש געטאָן איבערן פּאָנים. אָפּגעווישט זיך און אָנגענומען נאָך אַ האַנט שניי. אָנגענומען אַ פול מויל און געפילט ווי דער שניי ווערט צעגאַנגען אין אים און לעשט די טרוקענע היץ... דער־נאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן און געלאָזט זיך גיין אַרויף.

אַרויפגעקומען אַף דער ליכטיקער עוועניו, און דערפילט אַ

שטעכעניש אין אַלע זיינע איוורים. צוגעגאַנגען צו דער טיר פון אַ רעסטאָראַן און געשטעלט זיך באַם לאָך אין דער וואַנט פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן אַ וואַרים־קיים. געשטאַנען אַזוי און איינגעאָטעמט אין זיך דעם וואַרימען רייאַך, וואָס האָט זיך געטראָגן פון קיך, מיס־טאַמע. פלוצים האָט ער זיך דערזען אין שפיגל וואָס איז געהאַנגען באַ דער זייט אין פענצטער, און קוקנדיק אין שפיגל האָט ער אַ שוידער געטאָן. אַפאָר אונטערגעשלאָ־גענע אויגן האָבן געקוקט אָף אים. אַ פאַרבלוטיקט פּאָנים מיט אַ רויטער נאָז. אַ צעריסענער קאָלנער און אַ צעקנייטש־טער הוט.

בין איך דאָס? ! איך, סולין? אָט, אָט בין איך דאָך שוין אויך אַ פאַרטיקער. איצט וויים איך דאָך שוין ווי אַזוי מ'קריגט אונטער־געשלאָגענע אויגן.

סולין האָט זיך אָפּגעקערט פון שפיגל. ביטער אַ שמייכל געטאָן און פאַרמאַכט די אויגן.

דערפילט, עמיצער שטייט לעבן אים. געעפנט די אויגן און דערזען אַ מאַן מיט אַ פרוי. זיי זיינען געשטאַנען אַזעלכע צופרי־דענע, גליקלאַכע, געקוקט אין די פענצטער פון רעסטאָראַן. אָט וועלן זיי אַריינגיין. זיי וועלן עסן, טרינקען, טאַנצן, זיי וועלן...

— דזשענטלמען... דזשענטלמען: — און מיט אַ מעפיסטאָפעלישן שמייכל צו זיך אַליין: פאַרענדיק די שפיל, ברודערל, פאַרענדיק.

— דזשענטלמען, גיט מיר אַ ניקל אָף קאַווע...

זיי האָבן אַקוק געטאָן אָף אים. זי מיט גרויסע פאַרוואונדערטע אויגן און ער בייז, מיט עקל...

סולין האָט זיך צעלאַכט. געריבן די פאַרפרוירענע הענט, גע־קוקט אָף זיי מיט פאַרבלוטיקטע אויגן און אַ העפקער געפיל האָט אים פּלוצים אַ כאַפּ געטאָן און אַ שלעפּ געטאָן... צום בריק... צום בריק... ווי אין אַ שטורם פון האַס און צאָרן האָט עס אים געטראָגן צו זיי... און שטייענדיק שוין אָף די טרעפּ האָט ער אין רויטן פיבער הייזעריק געשריגן:

— העי! העי! איר! וואָס ליגט איר דאָ אונטן ווי די

### אין שאָטן פון הימלקראַצערס

ראַצן?! אויבן זיינען דאָ קראַמען פול אָנגעשטאָפּט מיט עסנוואַרג! אויבן זיינען דאָ האָטעלן מיט ריינע וואַרעמע בעטן! אויבן איז דאָ ברויט... איר ראַצן! ברויט!!! ברויט! ברויט!...

# זריע אַפן ווינט

אין צימער איז געווען האַלב טונקל. די פּאַרנאַכטיקע בלויקייט האָט זיך געפּוצט אין קאַלירפולע פאַרבן פון קרישטאָלענע לאָמפּן. די אויל בילדער האָבן אראָפּגעקוקט פון די ווענט, ווי כאַלוימעס פון אַנדערע וועלטן. סטאַטועטקעס אױף טישלעך און ביכער אין די שאַפעס, ווייכע שטולן און אָריענטאַלישע טעפּיכער האָבן זיך, ווי אָפּגעשמועסט צו באַרוישן און צעטומלען דעם אַלטן לייבישן. שטומערהייט האָבן זיי איינגערוימט אין זיינע אויערן מאָדנע געדאַנקען וועגן מאַזל, וועגן גאָט, וועגן לעבן און טויט. נו, טאַקע... וואָס איז דער כידעש? דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, אַז ער זיצט אין אַזאַ רייך הויז. עמעס, דאָס הויז איז איציקס, אָבער... איציק איז דאָך שוין איצטער גאָר אַן אַנדערער, גאָר אַן אַנדערער... איזאַק הייסט ער איצט.

אָט זיצט ער און רויכערט דעם גראָבן ציגאַר און אױף זיין ריין געגאָלטן פּאָנים איז נאָך פאַראַן עפּעס פון יענעם אַמאָליקן איציקן. נע... אַז מ׳לעבט זעט מען זיך נאָך.

לייביש זיצט און גלעט זיך די באָרד, און וואַרט, אַז איזאַק זאָל אים נאָך עפּעס פרעגן. און איזאַק פרעגט, טאַקע. וואָס מאַכט רייזעלע דאָרט אין דעטראָיט? און צו האָט זי עפּעס אַ פיינעם מאַן? און ווי גלייכט ער, דער פעטער לייביש, אַמעריקע... שוין פיר כאַ־דאָשים, אַז ער איז דאָ, אַ? טאַקע, פאַרביינקט זיך נאָך די קינדער און פאַרלאַזט לענקאָוויץ... נו, זאָל ער דערציילן, ביז עסטער וועט דאָרטן צוגרייטן עפּעס צום עסן.

און דער פעטער לייביש דערציילט: וועגן דער מילכאָמע, און וועגן דער רעוואָלוציע, און ווי אַזוי מ׳האָט אַלץ כאָרעוו געמאַכט, און ווי אַזוי מ׳האָט געהונגערט. דערציילט ווי דער טיפּוס האָט געשניטן, ווי מיט אַ קאָסע, רעכטס און לינקס. נו, האָט עס אים געטראָפן. די מומע איז געשטאָרבן... איז ער געבליבן אַליין, אַן

עלנטער. געוואוינט אין דאָרף און אויפגעהאַלטן זיך, ווי ס'ניט איז. די לעצטע צייט האָבן די קינדער געשיקט אים געלט. נו, וואָס טויג אים דאָרט געלט, וואָס? ער וועט עפּענען אַ בעסער קלייטל, אַ גרעסער קלייטל? ס'איז דאָך ניט דאָס רוסלאַנד פֿון אַמאָל. ס'איז דאָך גאָר אַ נייע מעדינע, אַ נייע וועלט. נו, אַז ער האָט דערזען, אַז די עלטער איז שוין אַף די פּלייצעס, און די קינדער האַלטן אין איין בעטן, ער זאָל קומען צו זיי, האָט ער זיך באַרעכנט, פֿאַרקויפֿט דאָס קלייטל, משטיינס געזאָגט, און האָט באַשלאָסן צו גיין קיין אַמעריקע. אָט איז ער אין אַמעריקע. שוין פֿיר כאָדאָשים, דאַנקען גאָט. ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס ערשטע האָט ער געפֿרעגט דאָ אַף אים, אַף איציקן. רייזעלע זאָל לעבן, האָט אים דערציילט, ווי אַזוי ער איז רייך געוואָרן, און וואָס פֿאַר אַ גרויסער מענטש ער איז. נו, האָט ער אים אָנגעשריבן אַ בריוול. און, אַז איציק שיקט אים אַף הויצאָעס און בעט ער זאָל זיך דורכפֿאָרן צו אים... טאָ, ווי אַזוי פֿאָרט מען ניט, אַ? פֿאָרט אַ פֿעטער, און איציק איז פֿאָרט געווען בײַ אים ווי אַן אייגן קינד.

איזאַק איז געזעסן און געשמייכלט. דערהערט, אַז עסטער רופֿט זיי עסן, האָט ער אָנגענומען דעם פֿעטער לייביש אַרום דער פּלייצע און אַריינגעפֿירט אים אין עסצימער. און, זיצנדיק בײַם טיש, האָבן זיי זיך דערמאָנט אָן די אַמאָליקע יאָרן, אָן איציקן, אָן זיינע עלטערן... אײ, זיינען דאָס געווען טייערע מענטשן! — האָט לייביש גערעט מער צו עסטערן, ווי צו איזאַקן. — ער, דער פֿאָטער זיינער האָט דאָך געפֿירט די גאַנצע פּאָסעסיע בײַ אַ גרינגבערגן. און איציקל אַליין פֿלעגט איבערליגן בײַ אים אין קלייטל. די מומע האָט געהאַלטן פֿון אים אַ וועלט! ער איז דאָך געווען הויך און שיין, ווי אַ סאָסנע. איצט אויך ניט צו פֿאַרזינדיקן, אַ? איצט קוקט ער שוין אָבער אויס מער, ווי אַן אַמעריקאַנער, און דעמאָלט... אַלע שיקסעס פֿלעגן דאָך ווערן די קאַפּאָרע פֿאַר אים...

ווען זיי האָבן אָפּגעגעסן זיינען זיי צוריק אַריינגעגאַנגען אין פֿראָנט צימער, און איזאַק האָט דערציילט לייבישן וואָס פֿאַר אַ גרויסע „בעלט פֿעקטאָרי" ער האָט. לעדערנע רימענס מאַכט מען דאָרטן. דערציילט אויך, אַז דער אָווטאָמאָביל זיינער קאָסט זעקס טויזענט דאָלער, און, אַז ערשט ניט לאַנג צוריק האָט ער „דאָנייטעט"

מויזנט דאָלער פאַר דער דזשוּאִיש עיד סאָסייטי. דערנאָך האָט איזאַק ווידער אַמאָל אָנגעהויבן איבערצופרעגן וועגן רוסלאַנד. וואָס הייסט, איז טאַקע, מעגלעך, אַז ס'זאָל דאָרט ווערן עפּעס, אַז ס'זאָל גיין אַ גאַנג, אַ? הייסט עס, מע בלאָפט דאָ, אַז מענטשן שטאַרבן דאָרט פון הונגער? נו, און וואָס זאָגן די נאַיִם דאָרט אין לענד־קאָוויץ? אַזוי! ? פאַראַן צופרידענע, אַפילע, „איז דעמס סאַ"? ! נו, און די אידעלעך זיינען צופרידן? מ'איז זיכער מיטן לעבן — דאָס איז גוט... אָבער, ער פאַרשטייט נים, ווי אַזוי נעמט מען עפּעס און מ'קערט איבער אַ לאַנד מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף... וועל... ער וועט זיך נאָך דורכפאָרן אַמאָל. ער מוז עס נאָך זען מיט זיינע אייגענע אויגן.

עסטער איז אַריינגעקומען און אויך צוגעהערט זיך צו די מאָדנע זאַכן, וואָס גייען אָן אין רוסלאַנד.

דערנאָך זיינען זיי אַלע דריי אַרויסגעפאָרן אין מאַשין ווייזן דעם פעטער די שטאָט. אַרומגעפאָרן אַ פּאָר שאָ און אַהיים גע־קומען. דער פעטער לייביש איז געווען מיד, איז ער גלייך געגאַנגען שלאָפן.

---

אינדערפרי, ווען איזאַק איז אויפגעשטאַנען, האָט ער שוין גע־טראָפן דעם פעטער לייביש אין פראָנטצימער. ווען זיי האָבן אָפּ־געגעסן פרישטיק האָט אים איזאַק מיטגענומען מיט זיך אין דער „פעקטאָרי." ער האָט אים אַרומגעפירט איבער אַלע דעפּאַרטמענטס, געגעבן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי יעדע מאַשין אַרבעט. און דערנאָך האָט ער אים אַריינגעפירט צו זיך אין אָפיס, אַרויסגעשיקט דאָס מיידל אין צווייטן צימער און זיי זיינען געבליבן אַליין.

לייביש איז געזעסן, געקוקט אַף די פּאַפּירן און אַף די מאָדנע מאַשינקעס אַרום זיך. איזאַק האָט אַרויסגענומען אַ שאַכטל מיט גראָבע ציגאַרן, פאַרויכערט און צוגערוקט דאָס שאַכטל צו לייבישן.

— פעטער לייביש, פאַרויכערט אַ ציגאַר. איר האָט מיסטאָמע, אַזעלכע ציגאַרן נאָך קיינמאָל נים געראויכערט.

לייביש האָט פאַרזיכטיק און מיט אַ שמייכל גענומען אַ ציגאַר,

אפגעשניטן מיטן מעסערל דעם שפיז, ווי איזאק האט עס געטאן און געפרואווט רויכערן. ער האט אבער לאנג ניט גערויכערט. ער האט זיך עפעס געשעמט, וואס ער האלט אין מויל אזא ציגאר, וואס זעט אויס, ווי א שטעקן. ניין... ער וועט שוין בעסער פארדרייען א ציגארעטל פון זיין אייגענעם טוטין.

— ווי געפעלט אייך מיין ווייבל, פעטער לייביש? — האט איזאק א פרעג געטאן.

— אזא יאר אף מיר, איציק. אין לענקאוויץ האט מען אזעלכע ווייבלעך ניט געזען. אבער איך האב דיך געוואלט פרעגן, איציקל, פארוואס האט איר ניט קיין קינדער? איר ווילט ניט, צו...

— וועלל... פעטער... ווילן, וויל איך, זי קאן אבער ניט האבן קיין קינדער.

איזאק האט ארויסגעלאזט דעם רויך, פארטראכט זיך אוויילע און גערעדט, ווי צו זיך אליין. פארוואס זאל ער ניט וועלן קיין קינדער? ער איז רייך. ער האט אזא גרויסע פעקטארי, ער איז פאראינשורט, ס׳הייסט פארסטראכירט אף פערציק טויזנט דאלער...

נו וועמען וועט ער דאס איבערלאזן? עסטערן? וואס דארף זי אזויפיל געלט. אוודע, וואלט ער געוואלט האבן קינדער. נו, קאן זי ניט. וועלל, ער וועט זען. זיי האבן, קימאט, ווי באשלאסן צו אדאפטירן א פרעמד קינד. אסאך מענטשן טוען עס. נו, ווייסט ער אבער, אז ס׳וועט אים ניט באפרידיקן. גיי רעד זיך איין, אז א פרעמד קינד, עמיצנס א קינד איז פלוצים געווארן זיין קינד. עפעס קאן ער זיך אזוינס ניט פארשטעלן. אבער נאך אלעמען, וואס קאן ער טאן? יע... יע... יע...

דער פעטער לייביש האט צוגעשאקלט מיטן קאפ און געקראצט זיך די בארד.

איזאק האט זיך אויפגעהויבן, אנגעהויבן שפאנען איבערן צי־מער, געבליבן שטיין און ווידער געשפאנט. צוגעגאנגען צום טיש און גענומען זוכן עפעס דארטן און, זוכנדיק האט ער אזוי זיך, גלייך, ווי אין דער וועלט אריין א פרעג געטאן.

— זאגט נאר, פעטער לייביש... דארט אין לענקאוויץ האט געוואוינט אמאל א גוי יעפים... א הויכער געזונטער גוי אזא...

— יעפים?... צו איך געדיינק יעפימען? שוין לאנג געשטארבן.

א וואוילער גוי געווען.

— דער יעפים האָט געהאַט אַ טאָכטער מאַטריאַנאַ... דוכט זיך מאַטריאַנאַ האָט זי געהייסן.

לייביש האָט זיך גענומען פּאָרען באַ זיין פּושקעלע מיט טאַבאַק:

— יע, אוואדע וויים איך. צו איך קאָן מאַטריאַנען! אויך אַ וואוילע גויע. זי פּלעגט דאָך איבערליגן באַ מיר אין קלייטל. די מומע האָט געהאַלטן פון איר אַ וועלט!

— איר מאַן לעבט נאָך?

— גאַווריליאַ? געשטאָרבן. אַ שיקער אַ גוי געווען.

— האָט זי קינדער, די מאַטריאַנאַ?

— יאָ, אַ שייגעץ.

— וואָס טוען זיי?

וואָס טוען גאָים אין דאָרף? מאַטריאַנאַ האָט אַ שטיקל פעלד און אַ קו. און ער דער שייגעץ, איוואַן, ער איז אַ לערער, טאַקע אין דאָרף אין דער שקאָלע.

— אַזוי... אַ לערער?

— יאָ, געווען אַ סאָלדאַט באַ די רויטע. דערנאָך אהיים גע־קומען אין דאָרף, געוואָרן אַ גאַנצער מאַכער אין סאָוועט. דערנאָך איז ער אַף אַ פּאָר יאָר פארשוואונדן געוואָרן און מעגולגל געוואָרן אין אַ לערער. אַ וואוילער שייגעץ, נאָך אַלעמען...

איזאַק האָט ווידער אַמאָל אָנגעהויבן שפּאַנען איבערן צימער. ווידער צוגעגאַנגען צום פּעטער, געריכערט און געקלאַפּט מיט די פינגער אָן גלאָז.

לייביש האָט געקוקט אַף אים און ניט געוואונדערט זיך, וואָס איזאַק האָט זיך פּלוצים דערמאָנט אָן יעפימען און מאַטריאַנען. איזאַק ווייסט, מיסטאָמע, גוט, אַז ער, דער פּעטער לייביש געדיינקט נאָך די גאַנצע מייסע, אָבער אַזוי זיינען שוין מענטשן. מ'האָט ליב צו נאַרן זיך און יענעם, פאַרשווייגן, ניט דערזאָגן. נו, איז דאָס געווען גלאַט אַזוי אַ שמועס וועגן איוואַנען און מאַטריאַנען. זאָל זיין אַזוי.

דער פּעטער לייביש האָט באַשלאָסן אהיימצופאָרן דעם זעלבן טאָג, פאַרנאַכט. וואָס וועט ער זיצן דאָ? געזעגן זיך, דאַנקען גאָט, אָפּגעגעבן אַ גערוס פון לענקאָוויץ, מעג ער שוין צוריק פאָרן צו די

קינדער. גענוג. האבן זיי אים אפגעפירט צו דער סטאנציע. ארײַנ־געגאנגען מיט אים אין וואגאן און איידער דער באן האט זיך באדארפט רירן, האט אים איזאק ארײַנגערוקט אין דער האנט א בלוי פאפירל און אנגעזאגט, ער זאל עס גוט היטן. ס'איז א טשעק און ס'איז גוט, ווי גאלד.

דערנאך זײַנען זיי אוועק אין דער אפערע. איזאק איז די גאנצע צײַט געזעסן א שווײַגנדיקער, א פארטראכטער. און ווען זיי זײַנען אהיים געקומען און עסטער האט אים געפרעגט פארוואס ער איז אזוי פארטראכט און ניט צופרידן, האט ער א זיפץ געטאן, א קוק געטאן אף איר, און זי האט געזען, אז ער קוקט ערגעץ דורך איר... קוקט און זעט זי ניט. באנאכט האט ער זיך געדרייט פון איין זײַט אף דער צווייטער, געלעגן מיט אפענע אויגן און געטראכט. בילדער פון זײַן איבערגעלעבטן לעבן זײַנען ווי געלאפן פאר זײַנע אויגן. דער־מאנט... דערמאנט...

---

ס'איז דעמאלט געווען גאר אן אנדערע צײַט און גאר אן אנדערע וועלט. און עפשער איז עס געווען אנדערש, ווײַל ער, איציק איז געווען נאך יונג און זײַנע אכצן יאריקע אויגן האבן געזען בלויע הימלען און ברייטע סטעפעס. וואס האט אים געפעלט? דער טאטע איז געווען דער גאנצער באלעבאס אף דער אדאיע; א הויז האבן זיי געהאט א גרויסע; פינף צימערן, ווי די וועלדער. פון די פענ־צטער האט מען פון איין זײַט געקאנט זען, ווי עס זילבערט זיך באטאג דער טײַך, און ווי עס שפיגלט זיך די לעוואנע אין די כוואַ־ליעס באנאכט. און פון דער אנדערער זײַט האבן זיך געצויגן גרינע, ברוינע און שווארצע פאסן פעלד און טיפע וועלדער אין וועלכע ער פלעגט קלייבן יאגאדעס און ליגן צווישן די געדיכטע בוימער, קוקן אפן הימל און וואונדערן זיך, וואס גייט ווײַטער, ווײַטער נאך ווײַטער. וואס האט אים געפעלט?

ווינטער פלעגט ער לערנען אין שטאט. ער האט אבער ניט ליב געהאט די שטאט. עפשער דערפאר, ווײַל ער האט באדארפט לערנען; און עפשער דערפאר, ווײַל ער האט זיך געפילט, ווי געצווימט, ווי

געפענטעט, ווי א יונגער זשערעבעץ אין א פארשפארטער פארווירע. פלעגט איינשטיין עפעס בא א קארעוו אין הויז. איז דאס עסן דארט קיין עסן נים געוועז, און זי, די קרוויווע, פלעגט טאג און נאכט נאר רעדן פון אירע קינדער. צוויי מיידלעך האט זי געהאט. און יידע אזעלכע בלייכע. איינער האט אלעמאל געדונגען פון אן אויער, און די צווייטע האט אלעמאל געלאכט. און ווען זי פלעגט לאכן, פלעגט זיך אים אויסווייזן, אז זי וויינט. אין אים האט דאס בלוט געזאטן, געברויזט און ארום אים האט אלעס, ווי געוויאנעט. אזוי זיינען אוועק פיר ווינטערן אין דער שטאט. געענדיקט די שולע און אהיים געקומען. אלעס ארום איז געווען פול מיט שעפע. פלעגט ער אפט פארפאלן ווערן מיטן אוריאדניקס שרייבער אפן יאגד. פלעגט קומען דער פארנאכט — איז דאס העמד צעכראסטעט, דאס היטל מיטן גלאנצנדיקן דאשעק אפן קאפ, די שטיוול אויסגעפוצט, די באליע־וועס ווי א גארמאניקע, אין דער האנט א כליסט, און היידע אין דארף אריין. דער טאטע פלעגט זיך בייזערן: סטיטש, וואס וועט זיין דער טאכלעס מיטן באכער, וואס וועט ווערן פין אים. נו, וויל ער נים לערנען, זאל ער ארויסהעלפן אין דער ארבעט. האט דאס אים נים נעארט. פארקערט, ער איז געווען צופרידן. ער האט זיך אויס־געקליבן אף דער אדאיע א יונגן לאשיק און אנגעהויבן ארויסצו־פארן אבטונג געבן, ווי די גאים ארבעטן. אין די פארטאגן פלעגט די זון באגעגענען אים א גאלדענע, א שמייכלענדיקע. ארום און ארום פלעגט שמעקן מיט פרישקייט, מיט מיאטקע און מיט היי. די שקאצים און שיקסעס פלעגן ארבעטן און ער פלעגט ארומפארן אפן פערד און שרייען מייסע באלעבאס, און פארנאכט פלעגט אים באגלייטן די זון א צעפרידענע, א פולע. די קי קערן זיך אום פון דער טשערעדע, אין מעריקען, די לאשיקלעך ארום הירזשען. אך, די פארנאכטן...

אין הערבסט, פלעגט דער פאסעסאר גרינבערג אפקויפן די סעדער בא די גאים, און עפענען לאזניצעס צו טריקענען פלוימען. דעמאלט האט זיך אנגעהויבן נאר א ניי לעבן. פלעגן זיצן שיקסעס אין האלב טונקעלע באראקן, אנפילן די קעסטלעך מיט פלוימען און זינגען לידער. און ער, איציק, פלעגט זיך ארייננבאפן אהינצו, זיצן און הערן, און ווען קיינער האט נים געזען, אפטאפן א שיקסע

אין אַ פינצטער ווינקל און אהיים גיין מיט אַ האַרץ ברייט צעב־ראָסטעט; די גאַנצע לופט, דעם גאַנצן דרויסן, פלעגט זיך אים, דוכטן, האָט ער איינגעשלונגען, און עס טראָגט אים, ווי אַ לופט באַלון. פלעגט ער ליגן דערנאָך אין בעט מיט אָפענע אויגן, צו הערן זיך, ווי דער סאָלאָוויי קנאַקט מיט טרעלן און צעגיסט זיך, איבער פינצטערע סעדער מיט טיאַכקענדיקער זיסקייט; ליגן, ברענען אין אייגענעם פייער, און דערנאָך מיט פאַרמאַכטע אויגן זען פול־ברוסטיקע שיקסעס מיט פאַרהאַלעטע שטאַרקע נאַקעטע פיס; ליגן, און קרעכצן פון ניט באַפרידיקטן, פון ניט אויסגעלאָשענעם גלוסט.

אין אַזאַ נאַכט האָט ער איינמאָל געטראָפן מאַטריאַנען. זי איז געקומען צום פעטער לייביש אין קלייטל. ער האָט געקוקט אויף איר, ווי זי שטייט אַזאַ הויכע, אַזאַ שלאַנקע, מיט גאָלד בלאָנדע צעפּ... הויכע פולע קלובעס און הויכע שפּיציקע בריסטן האָבן אים גערייצט. זי האָט געקוקט אויף אים מיט אירע בלויע אויגן, געשפּילט זיך מיט די פּאַצערקעס און קאָרעלן און געשמייכלט. און ווען זי האָט זיך געלאָזט אהיים גיין מיט דער שמאָלער סטעזקע דורכן גאָרטן, איז ער איר נאָכגעגאַנגען, און ווען זיי זיינען צוגעקומען נאָענט צום יאַר הינטערן בערגל האָט ער אָרויף געטאָן:

— מאַטריאַנאַ...

— זי איז געבליבן שטיין. געקוקט אויף אים און געשוויגן. און ער האָט געקוקט אויף אירע צעפּ, אויף איר שטערן, וואָס האָט געשיינט מיט אַ מאָדנער ווייסקייט אונטער דער לעוואָנע שיין. געוואָלט זי אַ כאַפּ טאָן, אַרומער דרייען די הענט און אַ דריק טאָן צו זיך, ווי ער פלעגט עס טאָן מיט אַנדערע שיקסעס. ער האָט עס אָבער ניט געטאָן.

— מאַטריאַנאַ... גייסט אהיים?

— יאָ. — האָט זי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— קום אָראָפּ שפּעטער צום יאַר, איך וועל וואַרטן אויף דיר.

— ני'...

— מאַטריאָנאַ...

ער האָט זי אַכאַפּ געטאָן בא די הענט, האָט זי זיך ניט געוועדט. האָט ער אָנגעהויבן קושן איר האַלדז, אירע אַקסלען... — מאַטריאָנאַ...

זי האָט זיך אויסגעריסן פון אים און איז אַוועק.

— איך וועל וואַרטן דאָ אױף דיר! — האָט ער נאָכגעשריען.
— איך וועל וואַרטן...

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אױפֿן גראָז אין יאַר. געזעסן און צוגעהערט זיך ווי די זשאַבעס קוואַקען, ווי די גאָים ריידן צווישן זיך, אַנטרינקענדיק די פערד באַם ברונים; ערגעץ האָט אַ פֿױערטע געזונגען אַ נאָגנדיקע ליד; אַ הונט האָט זיך צעוואָיעט און נאָך אים האָט זיך אַ גאַנצע טשאַטע צעהאַוועט. די פֿױערים מיט די פערד זיינען שוין אַוועקגעפֿאָרן; אַ פֿור איז דורכגעפֿאָרן סקריפֿנדיק.

איציק האָט דערהערט שטילע פֿאָרזיכטיקע טריט, און דערזען מאַטריאָנען. איז ער אַרויף צו איר, צוגעדריקט צו זיך און אַ שלעפּ געטאָן נאָך זיך אין יאַר אַריין.

די טעג זיינען געוואָרן קורצער און די נעכט לענגער. פֿאַר איציקן אָבער, זיינען די טעג געוואָרן לענגער און די נעכט קורצער. ווי נאָר די נאַכט פֿלעגט אַראָפּפֿאַלן אױף דער ערד, איז שוין מאַט־ריאָנא געווען אין זיינע אָרעמס אין פֿעלד אױף אַ סטויג היי, אָדער אין אַסאַד אונטער די קוסטעס, אָדער אין אַ שיפֿל אױפֿן טייך.

די נעכט זיינען געוואָרן קילער. דער הערבסט האָט לאַנגזאַם און רואיק געפֿאַרבט דאָס דאָרף אין געל, ברוין און רויט. די סטויגן זיינען געשטאַנען טרויעריקע און געקוקט אױף נאַקעטע פֿעלדער. אין דאָרף האָט זיך געטראָגן דער רייעך פֿון עפּל, פֿון קוואַס און פֿון געבראָטענע פֿלוימען. פֿון די מילן אױפֿן טייך פֿלעגן ווינקען באַנאַכט פֿייערלעך, ווינקען און שפּילן מיט ציטערדיקע זיגזאַגן אין די קאַלטע כוואַליעס.

איציק און מאַטריאָנא האָבן מיט אומזעבאַרע פֿלאַמען געב־ברענט און געצונדן איינער דעם צווייטן. די קאַלטע לעוואָנע שטראַלן פֿלעגן הײס ווערן אױף זייערע ליפּן, און דאָס שמעקנדיקע היי פֿלעגט זיך קוויקן אונטער זייערע הייסע לייבער. אַזוי האָבן זיך געצויגן די טעג און געפֿלויגן די נעכט.

איציקס עלטערן האָבן עפּעס אָנגעהויבן ארומגיין אָנגעבלאָ־זענע און בייזע. און יעפֿים האָט איינמאָל אין קלייטל בײַ לייבישן אַזוי אַקוק געטאָן אױף איציקן, אַז ס׳האָט זיך אים געדוכט ער וועט באַלד כאַפּן אַ האַק און מיטן גאַנצן קויאַך אַזעץ טאָן איבערן קאָפּ. אַפֿילע די מומע האָט איינמאָל געפּרוּווט געבן אָנצוהערענישן.

האָט איציק אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז מענטשן ווייסן. דער טאַטע האָט אויך אַפּאָר מאָל אַ פרעג געטאָן, וואו ער שלאָיעט זיך אום גאַנצע נעכט. מאַטריאָנאַ האָט אָנגעהויבן אַרויסצוקומען צו אים זעלטענער. די מאַמע האָט אָנגעהויבן פּלאָנעווען אָפּצושיקן אים אין שטאָט אַריין לערנען. איז ער אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אַריין צו דער קרוויווע אין הויז אַריין. דאָס לערנען איז אים אָבער ניט גע־קראָכן אין קאָפּ אַריין. פאַר די אויגן האָט געשוואומען מאַטריאָנאַ, און די סטויגן אַף די לענקאָוויצער פעלדער האָבן גערופן... און די וואַסערן פון טייך זיינען ווי אַריין אין זיינע בלוטן און געשלאָגן מיט הייסע, ברויזנדיקע כוואַליעס. איז ער אָפּגעוועזן אַ כוידעש אין דער שטאָט און אַהיים געפאָרן. און ווען מאַטריאָנאַ האָט אים דערזען באַ לייבישן אין קלייטל, האָט זיך אין אירע בלויע אויגן צעגאָסן אַ פרייד. און דערנאָך, ווען זיי זיינען געשטאַנען אין דרויסן אונטערן פּלויט, האָט זי אים אַרומגעכאַפּט און געקושט, און גע־ווײנט, און געפּליסטערט אין זיין אויער אַ סאָד... איז ער געשטאַנען אַ צעטומלטער, אַ פאַרנעבלטער און געפילט, ווי עס זינקט אונטער אים די ערד. און ווען זי איז אַוועק פון אים, האָט ער ניט געוואוסט וואָס צו טאָן און וואָס צו טראַכטן. די שטיבער אין דאָרף, האָט זיך אים אויסגעוויזן, גייען אים נאָך, רינגלען אים אַרום, רוקן זיך צו אים, ברעכן פּאַרקנס און וואַרפן האָלץ אַף אים... פון יעדן פענצטער, האָט זיך אים אויסגעוויזן, קוקן יעפּימס אויגן אַף אים. ער איז אַהיים געגאַנגען, אַריין צו זיך אין צימער און פאַרשפּאַרט זיך דאָרט. דערנאָך האָט ער מיט אַ פאַרפלאַמט פּאָנים אַלץ דער־ציילט דער מוטער, און באַנאַכט, ווען דער פאָטער איז אַהיים גע־קומען פון דער שטאָט און האָט דערהערט, וואָס די מוטער האָט ציטערנדיק און בעטנדיק דערציילט אין דער שטיל, איז ער אַראָפּ אַ נאַקעטער פון דעם בעט, אַרומגעלאָפן איבערן שטוב און געריסן זיך באַ די האָר: נו, אַ? אַ בען־יאָכיד, אַ?! איינגעזונקען זאָל ער ווערן...

אין צוויי וואָכן אַרום האָט מען איציקן אַריבערגעפּעקלט די גרעניץ און אָפּגעשיקט צו די קרויווים קיין אַמעריקע.

פון איציק איז ער געוואָרן איזאַק.

די יאָרן זיינען געפלויגן פאַרביי. דאָס לעבן האָט געפירט איבער טויזנטער לאַבירינטן, דער ציל אין לעבן איז געוואָרן געלט, און מיט געלט האָט ער באַזיגט אַלץ. די עלטערן אין לענקאָוויץ זיינען געוואָרן אַ כאָלעם. געשיקט זיי געלט אין אַ לאַנד, וואָס איז אַף יענער וועלט. די ערשטע יאָרן פלעגט אַמאָל דורכשווימען פאַר אים אַ פּאָר אויגן — מאַטריאָנאַס אויגן. אַמאָל. אַמאָל... און שוין. ניט זיי האָבן געשריבן פון איר, ניט ער האָט זיך אָנגעפרעגט. געוועזן אַמאָל אַ שיקסע, מאַטריאָנאַ און אַ יונג, איציק, און זיי זיינען שוין ניטאָ מער. עפּשער דאָרט אין לענקאָוויץ איז נאָך עפּעס פאַרבליבן, אָבער ניט דאָ. אַזוי האָט ער אָפּגעציילט אין אַמעריקע פינף און צוואַנציק יאָר. און ווען דער פעטער לייביש האָט אים אָנגעשריבן אַ בריוול, אַז ער איז דאָ אין אַמעריקע, האָט דאָס בריוול, ווי אויסדריים שטאָף צעטרייסלט זיינע פינף און צוואַנציק יאָר אין אַמע־ריקע, און פון דעם פאַרפּאַנצערטן איזאַק האָט זיך אַיסגעשיילט דער אַמאָליקער איציק, דער איציק פון ווייטן לענקאָוויץ.

---

איזאַק איז געוואָרן מעלאַנכאָליש. פלעגט אַהיים קומען באַ־נאַכט, אַנידערזעצן זיך באַם טיש, עסן און שווייגן.

פלעגט ליגן גאַנצע נעכט און טראַכטן, און פאָרשטעלן זיך, ווי ער שטאַרבט און מענטשן קומען צו זיין לעוואַיע. עס גייט אַוועק אַ יאָר און צוויי און מען פאַרגעסט. און פון אים איז גאָרניט, גאָרניט געבליבן. נאָר געלט, געלט... נו, וואָס האָט ער פון דעם געלט און פון דעם אַלעמען? צו וואָס האָט ער אָט אַ די אַלע יאָרן געקעמפט און געזאַמלט און געריסן שטיקער פון די אַרבעטער, פון דער גאַנצער וועלט? צוליב וועמען, צוליב וואָס? אָט וואוינט דאָרט ערגעץ אַ גויע מאַטריאָנאַ. לעבן איר ציט זיך צו דער זון און וואַקסט און קעמפט, אַ טייל פון זיין פלייש און בלוט, און צעוואָרפט שוין אַליין זיין זריע ווי אַ בוים; און ווייסט ניט, אַפילע, אַז ערגעץ אין אַ ווייט, ווייט לאַנד לעבט איינער איזאַק, וואָס האָט אים געגעבן דאָס פלייש פון זיין פלייש און דאָס בלוט פון זיין בלוט. און ווייסט ניט אַפילע! ! אַך, ווי שרעקלעך, ווי שרעקלעך! און פאַרוואָס זאָל ער ניט וויסן? און פאַרוואָס זאָל אויך ער אַליין אויך ניט וויסן, ניט

זען, ווי עס קוקט אויס יענער... יענער איוואן, דער גאישער זון זיינער? עפשער, אז ער וועט אים דערזען, וועט דאס לעבן איננאנצן באקומען אן אנדער זין, אן אנדערע נעשאמע? עפשער...

האבן זיך געצויגן אזוי די דאזיקע גערדאנקען אין די אפיס שטונדן, אונטערן גערויש און גרילץ פון קלוגע מאשינען; און באנאכט אונטערן געברום פון דער שטאט. און דאס לעבן האט פארלוירן דעם זין, און די מענטשן זיינען געווארן נימעס, און דאס געלט איבעריק.

---

טעג האבן זיך געקייטלט אין וואכן, און וואכן אין כאדאשים. דער זומער האט שוין געברענט און מענטשן האבן אנגעהויבן ציען זיך צו דער „קאנטרי״, צו דער פרייער נאטור.

איזאקן איז פלוצים אריין א מאדנער גערדאנק אין קאפ. ער וויל זיין וואקאציע פארברייננגען אף א פארם בא א פאשעטן ארעמן פארמער. ער וויל ס'זאל אים דערמאנען אן דעם שטילן רואיקן לענקאוויץ. עס ווילט זיך אים געוואלט נאך ליגן אמאל אין פעלד און עסן געבראטענע קוקורוזעס, און זען ווי די זון גייט אויף, און ווי די לעוואנע... אך, ער איז שוין מיד פון דעם יאם, און פון די באד קאסטיומען. ער וויל ניט זען די פארפוצטע דאמען, וואס בייטן זייערע קליידער דריי מאל א טאג; און די מענער מיט די ווייסע געפרעסטע הויזן אין די רייכע אויטאמאבילן. ער וויל זיין אין אן אמעריקאנער לענקאוויץ... ליגן אפן היי און טרינקעןווארעמע, ערשט אויסגעמאלקענע מילך.

עסטער האט געמוזט נאכגעבן און זיי זיינען אוועק אף א פארם. ער האט זיך געקויפט פאשעטע פארמער קליידער און עסטער האט זיך אויך אנגעטאן, ווי א פארמערקע. די ערשטע פאר טעג האט דאס לעבן אפן פארם געררייצט מיט נייקייט. עסטער פלעגט זיך שפילן מיט די הינדעלעך און מיט באזיירימלעך, און איזאק פלעגט זיצן באם טייך און כאפן פיש, קוקן אף דעם שטילן, שטייענדיקן וואסער און טראכטן פון מאטריאנאן. וואס וואלט געווארן פון א מאטריאנא, דא אין אמעריקע און וואס וואלט געווארן פון עסטערן דארט אין לענקאוויץ; און ווער איז גליקלעכער, ווער איז הערלעכער, נאטירלעכער? זיי דא, צי יענע דארט? און וואס איז

בעסער: צו ליגן באַגראָבן אין אַ גאָלדענעם קאַסטן, אויסגעבעט מיט פּליוש, צי פּאַשעט גלאַט אַזוי אין דער מאַמע ערד, וואָס נעמט דיך אַרום פון אַלע זייטן און שלינגט דיך איין, און זאַפּט דיך איין אין זיך און דו גייסט אויף, ווי אַ גרעזעלע, ווי אַ פּאָספּאָרישער פּייערל, עפּשער...

אַזוי זיינען אַוועק עטלעכע טעג אַפן פאַרם. ער איז מיד געוואָרן כאַפּן פיש, און גיין איבער די פעלדער און זען די אויטאָ־מאָבילן וואָס יאָגן זיך פאַרביי, און קוקן אַף די ריזיקע „בילבאָרדס" וואָס דערמאָנען אים אַף יעדן שריט און טריט, אַז ס'איז אַמעריקע... די ציוויליזירטע אַמעריקע, ניט לענקאָוויץ. עסטער איז מיד געוואָרן שפּילן זיך מיט די הינדעלעך און לערנען זיך מעלקן די קי. זי האָט אָנגעהויבן אַרומצוגיין אַ ברויגעזע, אַ לאַנגווייליקע. געלעגן אַגאַנצן טאָג אין וויג בעטל און געליינט. און באַם עסן האָט זי געזוכט אַ צאָן העלצל פאַר די ציין, און פאַטענטירטע געווירצן צום פלייש; און אינדערפרי האָט זי זיך דערמאָנט אָן יאַם, אָן איר באַד קאָסטיום, וועלכן זי האָט נאָך אַפילע, איינמאָל ניט אָנגעטאָן. איזאַק האָט געהערט און געשוויגן. אַפן פערטן טאָג, אינדערפרי געהייסן איר פאַרפּאַקן די זאַכן. און פאַרנאַכט איז שוין זייער אויטאָמאָביל גע־שטאַנען באַ דעם „באַמאַנד" האָטעל אין דעם רייכן אַריסטאָקראַטישן זומער פּלאַץ „בעלמאָנט". זיי זיינען געזעסן אַף דער וועראַנדע און געהערט דעם אָרקעסטער שפּילן „דזשעז". און עסטער האָט, אַן אויס־געפּוצטע געטאַנצט.

אַזוי איז אַוועק דער זומער, דערנאָך דער האַרבסט און דערנאָך דער ווינטער. און ווען סאַיז ווידער געקומען אַ זומער, האָט שוין אין איזאַקס מויעך געהאַנגען אַ באַשלוס, ווי אַ רייפע פרוכט: עסטער פאַרט קיין „בעלמאָנט", און ער פאַרט קיין לענקאָוויץ. מ'קאָן ניט אָפּלעבן אַזוי אַ לעבן און שטאַרבן ניט וויסנדיק, ניט זעענדיק נאָך אַמאָל מאַטריאָנען און יענעם, וואָס איז זיין בען יאָכיד, זיין איינציק־קער זון... זיין זון.

איזאַק האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן אין וועג אַריין. עסטער איז גע־ווען ברויגעז, אָבער שטערן אים פאָרן זען די אַלטע היים, דאָס האָט זי ניט געוואָלט. און פאַרוואָס זאָל ער ניט פאָרן, פלעגט זי טראַכטן. וואָס דאַרף זי מוירע האָבן פאַר זיין פאָרן? זי וואָלט אויך געוואָלט

מאכן די רייזע מיט אים, האָט ער זיך אָבער איינגעשפּאַרט, אַז ער וויל פאָרן אַליין. וועלל... זי איז מענטשלעך, זי פאַרשטייט, אַז אַ מענטשן ווערט נימעס דאָס איינגעזעסענע לעבן. עס ווילט זיך ווערן פריי אַף אַ ווײַלע, זיין אַליין, אַליין אין דער אַרומיקער וועלט. וועל... זאָל ער פאָרן.

און אַזוי איז געווען. עסטער איז אַוועקגעפאָרן קיין „בעל־מאָנט" און איזאַק קיין אייראָפּע.

---

סאיז געווען אַ הייסער יולי־טאָג. איזאַק איז אַריינגעקומען אין האָטעל אַ פאַרשוויצטער. דער באַלעגאָלע, וואָס האָט אים ערשט געבראַכט פון דעם בייס־אוילאָם, איז געשטאַנען אין דרויסן און געקלאַפּט אין דער בוזים קעשענע, וואוהין ער האָט אַריינגעלייגט דאָס פעטע פאַרדינסטל, וואָס דער אַמעריקאַנער האָט אים געגעבן. האַלוואַי אַף אַלע וואָך געזאָגט געוואָרן אַזעלכע אַמעריקאַנצעס, — האָט ער זיך געטראַכט. ער דאַרף נאָר זען היטן אים. כאָטש ער האָט זיך מיט אים אָפּגעשמועסט, אַז מאָרגן פאַרטאָג דאַרף ער אים אָפּפירן קיין לענקאָוויץ, קאָן אָבער דער רואָך אָנטראָגן אַ אַנדער באַלעגאָלע, וואָס וועט אונטער די הענט אַרויסרייסן דעם אַמערי־קאַנער.

אַפן צווייטן טאָג, פאַרטאָג, איז שוין דער באַלעגאָלע מיטן פאַעטאָן געשטאַנען באַם האָטעל און געוואַרט אַף איזאַקן. איזאַק איז שוין געווען פאַרטיק און זיי האָבן זיך געלאָזט פאָרן.

די גאַסן זיינען נאָך געשלאָפן. מאָדנע גאַסן איצט אין דעם שטעטל. אַזוי אויך די איבעריקע שטעטלעך, וואָס סאיז אים אויס־געקומען דורכצופאָרן. קוקן אויס ווי באַגאַנוועטע... גאָר ניט קיין געוויינלעכע אידישע גאַסן פון אַמאָל. ניטאָ קיין ראַאַש אין די קלייטלעך, ניטאָ קיין שילדן אַף זיי. וואו ניט וואו זעט מען אַ שילד, קאָן ער אים קוים איבערלייענען. און אַז ער לייענט שוין איבער, ווייסט ער ניט וואָס עס מיינט. דוכט זיך די זעלבע שטאָט, ווי אַמאָל... דאָ אַ נייע הויז, דאָרט אַ ברוקירטע גאָס, און דאָך, גאָר, גאָר אַן אַנדערע. אָט פאָרט ער שוין אַרום קימאַט צוויי וואָכן איבער גרויסע און קליינע שטעטלעך, און ער פּרוּווט צונויפנעמען די צעריסענע, צעפּליקטע איינדרוקן און געדאַנקען און איינשליסן זיי

אין אַ קאָמפּאַקטער, קאָנקרעטער פאָרמע, וועלכע ער זאָל קענען אַרומנעמען און באַטראַכטן, ווי ער פלעגט דאָס טאָן מיט די באַ־שטעלונגען, וואָס פלעגן אַריינקומען אין פעקטאָרי, קאָן ער אָבער ניט. סאיז גלייך, ווי אימעצער האָט אים אָנגעטאָן אַ פּאָר מאַגישע ברילן און די ברילן האַלטן אין איין פאַרפירן און אָפּנאַרן אים. אָט ווייזט זיך אים אויס, אַז אַלץ וואָס ער זעט אַרום זיך, איז ראָזע, קוקט ער זיך איין, ווערט עס פּלוצים שוואַרץ; און אָט גייען פאַרביי זיינע אויגן מענטשן, הייזער, גאַסן... און אַלע זיינען שוואַרץ, ווי באַגאָסן מיט טרויער און אומעט — קוקט ער זיך צו, — „באַי־גאָלי”... סאיז גאָר רויט... אַזוי אַלע מאָל, אַרום און אַרום. ווען ער איז מיט די מענטשן און ווען ער איז אַליין. און ווען מענטשן פרעגן אים: — נו, וואָס זאָגט דער אַמעריקאַנער, ווי געפעלט אים דאָ, — דערציילט ער זיי וועגן די מאַגישע ברילן, און זיי לאַכן און ענטפערן: נישקאָשע, דאָ באַ זיי איז נאָך אויך פאַראַן גענוג לייצים, וואָס טראָגן אַזעלכע ברילן. איין זאַך האָט ער אָבער יאָ באַשלאָסן: אַז ער קאָן ניט און טאָר ניט אָפּשאַצן די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר. ער וועט זיך צוקוקן, וואָס עס קומט פאָר, ער וועט זיך אָננעמען מיט איינדרוקן, ער וועט דורכפירן דאָס, נאָך וואָס ער איז געקומען, וואָס איז אַפילע ניט רייף אין זיין געדאַנק און ער ווייסט נאָך אַליין ניט אין וואָס עס באַדאַרף זיך אויסדריקן... ער ווייסט נאָר, אַז דאָס, צוליב וואָס ער איז אַהער געקומען, דאַרף אַרומנעמען זיין לעבן, ווי מיט רייפן, ווי מ׳נעמט אַרום אַ פאַס... און האַלטן אים אַ באַפרידיקטן, אַ פולן מיט אינערלעכער רואיקייט.

אָט די אַלע געדאַנקען פלעגן אים נאָכגיין, ווי באַגלייטער. און פאָרנדיק אין פּאַעטאָן האָט ער געטראַכט, אַז באַלד, באַלד וועט ער די צוויי אָפּגעריסענע צעהאַקטע לעבנס זיינע פאַראייניקן אין איין מאָמענט עפּשער... אין דעם מאָמענט, ווען ער וועט דערזען מאַטריאַ־נען און אים... איוואַנען.

אָט האָט זיך צעלייגט דאָס פעלד פאַר זיינע אויגן. די ווינט־מילן מיט די לאַנגע פליגלען זיינען ווי געלאָפּן אַנטקעגן אָפּגעבן אים אַ גערוס פון יענע טעג, ווען ער פלעגט גיין פאַרביי מיט די שי־לער אין וואַלד אַריין. אָט טראָגט זיך, ווי אַ ריזיקע שיינענדיקע לענטע דער זילבער־גרויער טייך צו לענקאָוויץ און פון לענקאָוויץ

ווייטער, ווייטער... די פערד קלאפן אף די שטיינדלעך און איילן זיך ניט, זיי ווייסן, זיי וועלן אי"ה אנקומען. דער באלעגאלע אף דער קאזלע זינגט עפעס אונטער דער נאז און וואונדערט זיך וואס דער אמעריקאנעץ דארף דארט אין לענקאוויץ. עמיצער וועט דארט שוין אפלעקן א ביינדל. — זאגט נאר, זייט זשע מויכל, וואו קען מען זיך אפשטעלן אין לענקאוויץ? — האט ער דערהערט דעם אמערי־קאנעץ פרעגן.

— וואו? בא שלוימע קאצאפ. — האט ער זיך אויסגעדרייט צו איזאקן, ווי ווארטנדיק אף דער געלעגנהייט. — געווען דארט א איד אמאל, דער פעטער לייביש... נו, איז ער אוועקגעפארן קיין אמעריקע. איבערגעגעבן דאס קלייטל צו שלוימען... דאס קלייטל איז פונקט באם וועג. אז מ'פארט דורך צום באן, קאן מען אמאל כאפן א שנעפסל בא אים.

ער האט געוואלט אנהויבן נאך עפעס דערציילן, האט אים איזאק פלוצים געהייסן בלייבן שטיין. עס האט זיך אים פארגלוסט צו גיין צופוס. א מאך געטאן צו אים ער זאל פארן ווייטער און געלאזט זיך גיין נאכן פאעטאן.

די זון האט זיך שוין צעגאסן מיט רויטער ווארימקייט. פוי־ערים אף פורן האבן אנגעהויבן קומען אנטקעגן. די פעלדער ארום זיינען געווארן ליכטיקער, ברייטער. איזאק האט זיך דערפילט יונ־גער, די פרישע לופט האט אים געטראגן, ווי אף פליגל. דער בא־לעגאלע האט זיך אלעמאל אומגעקוקט און געקוועטשט מיט די פלייצעס... נע... אז דער אמעריקאנער וויל גיין צופוס — זאל ער גיין. זיין גאנץ לעבן געפארן, מיסטאמע... נו, וויל ער פארזוכן דעם טאם פון גיין.

איזאק איז צוריק אריין אין פאעטאן אביסל א מידער און א פארשוויצטער. ווייזט אויס, אז ער איז שוין טאקע אלט. די יארן וועגן אראפ, אפילע דאן, ווען מ'דערפילט זיך יונג.

אט ... לענקאוויץ ליגט פאר אים פארפוצט אין גרינעם. ליגט רואיק און קוקט אפן בלויען הימל, ווי ס'איז געלעגן מיט פינף און צוואנציק יאר צוריק. שקאצימלעך לויפן נאך אוןווארפן שטיינער, ווי אמאל... אט לויפן הינט פון די פאדווירעס און בילן. א פויערטע מיט צוויי עמער וואסער אף די פלייצעס איז געבליבן שטיין און

קוקט נאָך. באַם קלויסטער שטייט אַן אַלטער גוי און ציילעמט זיך.

אַט איז דאָס קלייטל. דעם פּעטער לייבישעס קלייטל. דער דאַך פּליכעוואַטע, מיט לעכער אין שטרוי, דער פּאַרקן אַרום צעבראָכן. שלוימע קאַצאַפּ שטייט אין דרויסן. דערזען דעם רייכן גאַסט, האָט ער זיך פאַרוואונדערט און דערפרייט אין דער זעלבער צייט.

— קאָן מען דאָ איינשטיין באַ אייך אַ פּאָר טעג? — האָט איזאַק געפרעגט.

— צי מען קאָן? וואו דען קאָן מען? באַ מיקיטאַ קאַקאַט?

— אָלל־רייט. — האָט איזאַק גענומען דעם מאַנטל און איז אַריין אין קלייטל.

דער באַלעגאָלע האָט ניט געוואַרט אַף קאַוועד. געהייסן זיך געבן אַ טרונק בראָנפן און אַ זוייערע אוגערקע מיט ברויט אַף דעם בעשבן פון דעם כאַוועד — אַמעריקאַנער.

איזאַק האָט באַצאָלט דעם באַלעגאָלע. געבעטן באַ שלוימען אַ האַנטוך און אַרויסגעגאַנגען אָפּוואַשן זיך.

---

איזאַק האָט זיך געלאָזט גיין אַפן וועג צו מאַטריאַנאַס הויז. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז מאַטריאַנאַ וואוינט נאָך, מיסטאַמע, אין איר פאַטערס הויז. גייענדיק אַף דעם שמאָלן שטויביקן וועג, האָט ער געקוקט אַרום און געוואָלט פאַרשטעלן זיך, אַז ער איז איציק, דער זעלבער איציק פון אַמאָל. ער האָט אָבער ניט געקאָנט. די אויגן זיינע האָבן געקוקט רואיק און שאַרף. די אָרעמע שטיבלעך האָבן געוועקט טרויער אָנשטאָט פרייד. אַלעמאָל האָט ער זיך אומגעקוקט, מוירע האָבנדיק, אַז אַ הונט זאָל ניט אָנלויפן פון הינטן און אַ בים טאָן. די שיקסעס און די פּויערים זיינען געווען פרעמדע, ניט באַקאַנטע. וואו איז ער... וואו? אין לענקאָוויץ אָדער אין אַן אַנדער דאָרף? וואו זיינען יענע שיקסעס, יענע פּויערים פון אַמאָל? אַט איז דער יאַר. איז ער קלענער געוואָרן, צו איז ער טאַקע געווען אַזוי? און אַט שטייט עפּעס אַ ניי הויז. קיינמאָל ניט געזען דאָס הויז אין לענקאָוויץ. אַפן דאַך פלאַטערט אַ רויטע פאָן מיטן סערפּ און האַמער. דורך דעם אָפענעם פענצטער הערט זיך אַ שטאַרקע שטימע

פֿון אַ ראַדיאָ. כאַ! אין לענקאָוויץ אַ ראַדיאָ! דאָס איז די שולע און קלוב, מיסטאָמע. דאָ, מיסטאָמע, איז זיין זון דער גאַנצער מאַ־כער. מעגלעך, אַז ער זיצט איצט דאָרט און ווייסט ניט אַפילע, אַז ס'איז פאַראַן אַן איזאַק אויף דער וועלט — זיינער אַ פֿאָטער... און ער, דער איזאַק, דער פֿאָטער שטייט אין דרויסן און טראַכט פֿון אים. איזאַק האָט זיך פאַרדרייט אין אַ זייט צו מאַטריאַנאַס הויז. דאָס הויז קוקט אויף אים פֿון דער ווייטנס. ער דערקענט עס... יע. אויף די שטאַכעטן הייגנען לאַדישטשעס, אויף דער פֿאָדווירע — אַ וואָגן מיטן דישל אַרויף. די ליפּאָווע ביימער וואַרפֿן זייער שאָטן אויף דעם פֿאָליסאַדניק, וואו עס בליען גרויסע, רויטע רויזן.

איזאַק האָט געזוכט מיט די בליקן אויף די פענצטער און אויף דער טיר. סהאָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז באַלד וועט אַרויסקומען פֿון דאָרט יעפּים. אָבער אָנשטאָט יעפימען האָט ער פּלוצים דערזען זי... מאַטריאַנען. זי איז אַרויסגעקומען פֿון הינטערן אַמבאַר. די פּאָלעס פאַרקאַטשעט איבער די קני. די פיס נאַקעטע, פאַרברענטע. אויפֿן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ רויט טיכל, פאַרקניפּט פֿון הינטן. זי האָט געקוקט מיט פאַרזשמורעטע אויגן, פאַרשטעלנדיק זיי מיט דער האַנט פֿון דער זון. געשטאַנען אַזוי אַ ווײַלע און אַריינגעגאַנגען אין שטוב. איזאַק איז געשטאַנען און ניט געקאָנט רירן זיך פֿון דעם אָרט. אָט... אָט האָט ער געזען מאַטריאָנען. אַן עלטערע פֿויערטע שוין. מיט דאַרע פאַרברענטע פיס. דאָך האָט די אַמאָליקע מאַט־ריאָנאַ אַרויסגעקוקט פֿון איר. דערמאָנט אָן זיך, געררייצט נאָך מיט עפּעס, מיט באַהאַלטענעם, מיט ניט אויסגעשעפּטן, אויסגעשפּילטן.

איזאַק איז געשטאַנען און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. זאָל ער שוין אַריינגיין און זאָגן ווער ער איז? ער האָט זיך געלאָזט גיין צו דער כאַטע. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ גענומען זיך צו דער קליאַמ־קע. געעפֿנט די טיר און געבליבן שטיין. ער האָט ניט געוואוסט וואוהין פריער צו קוקן. אָט שטייט מאַטריאָנאַ, ווישט זיך די הענט און קוקט אויף אים מיט פרעמדע אויגן. און דאָרט אין ווינקל באַם טיש, זיצט איוואַן. איזאַק זעט נאָר זיינע שוואַרצע אויגן אויפֿן מאַטן ווייסן פּאָנים און זיינע געדיכטע האָר. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פֿון די פּאַפּירן און קוקט אויף איזאַקן מיט אַ פֿאָרשנדיקן בליק.

— מאַטריאָנאַ... — האָט איזאַק שטיל געזאָגט און שוואַך אַ

שמייכל געטאָן.

מאַטריאָנא האָט זיך צוגעבויגן, אַריינגעקוקט אין זיין פּאָנים, ווי דערמאָנענדיק זיך עפּעס און ניט גלויבנדיק אירע אויגן:

— איצקאַ?! — האָט זי אַ פּליעסק געטאָן מיט די הענט. — איצקאַ, פּאַניטשו...

— דאַ... איצקאַ — האָט ער געענטפערט.

פון מאַטריאָנאַס ברוסט האָט זיך דערהערט אַ כליפּ און איר שטילער געוויין האָט ווי אַ יאָמער געזאַנג געצויגן און געוויקלט זיך ארום איזאַקס האַרץ. ער האָט געוואָלט צוגיין צו איר, אָנרירן זי, אַ גלעט טאָן... האָט ער דערזען, ווי איוואַן שטייט אין זיין גאַנצער הויך באַם טיש און קוקט אַף אים מיט זיינע קאַלטע, ווי פאַרגליווערטע אויגן.

— צע טוואָי באַטקאַ, איוואַן. *) — האָט זיך מאַטריאָנאַ געווישט די אויגן און צוגערוקט אַ באַנק צו איזאַקן.

— באַטקאַ...

איזאַק איז געבליבן שטיין מיט זיין אויסגעשטרעקטער האַנד, דערפילט, אַז זיינע פיס ווערן שוואַכער, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט. איוואַן האָט אַ בלייכער געקוקט אַף אים, און איזאַק האָט דערזען ווי זיינע אויגן ווערן שאַרפער, ברענענדיקער.

— טאַ צע טוואָי איצקאַ? — האָט איוואַן אַ פרעג געטאָן און אַנידערגעזעצט זיך מיט אַ שמייכל. און דער שמייכל האָט איזאַקן אַ קיל געטאָן אין האַרצן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. אין שטוב איז געווען האַלב טונקל. אין אַ ווינקל אונטער אַן איקאָנע האָט געברענט די לאָמפּאַדע, און אַף דער צווייטער וואַנט קעגנאיבער זיינען געהאַנגען די פּאָרטרעטן פון קאַרל מאַרקס און לענין. אַף אַ פּאָליצע זיינען געלעגן ביכער און צייטונגען און איבער זיי איז געהאַנגען אַ ביקס.

איזאַק איז געזעסן און געשוויגן. מאַטריאָנע האָט געקוקט אַף אים מיט פאַרטרערטע אויגן און מיט אַ מילדן שמייכל.

— איך וועל ניין, — האָט זיך איוואַן פּלוצים אויפגעהויבן.

— ני, ני, איוואַנאַ! — האָט אים מאַטראָנאַ אָפּגעשטעלט.

---

*) דאָס איז דיין טאַטע, איוואַן.

האט ער זיך אנגעשפארט מיטביידע הענט אן טיש און א קוק געטאן אף איזאקן:

— מיט וואס קאן איך אייך דינען, גאספאדין?

— איך בין ניט קיין גאספאדין, — איז איזאק רויט געווארן,

— איך בין דיין פאטער. און פלאנטערנדיק זיך אין זיין איינענער אומבאהאלפנקייט און אין די ציטערדיקע ניט דרייסטע ווערטער, האט ער קורץ און אפגעהאקט אנגעהויבן דערציילן פון יענער צייט... פון מאטריאנאן און פון זיך אליין און פון דעם אינערלעכן דראנג, וואס האט אים געצויגן צו זיי...

האבן זיך איוואנס אויגן אנגעצונדן מיט קאלטער איראניע: אזוי... עס האט אים געצויגן צו זיי. ס'האט זיך אים געוואלט, אז אויך ער, איוואן זאל קאנען זיין פאטער. ס'ווייזט אויס, אז אין אמעריקע האט ער שוין אלץ אויסגעלעבט און אף דער עלטער האט זיך אים פארגלוסט צו זען די פרוכטן פון זיינע זינדיקע ליבעס.

איוואנס שטימע איז געווארן קעלטער:

וואו איז ער אנטרונען געווארן דעמאלט, ווען זי, די פאשעטע שיקסע מאטריאנא האט געבראכט אים אף דער וועלט דעם זון זיינעם, איוואנען? ווייסט ער, אז דא האט א מאטריאנא אפגעלעבט אן אומגליקלעך אנטוישטן לעבן? ווייסט ער, אז דא האט א גאורילא אפגעלעבט א געגנארט לעבן, פארלאכט און פארכויזעקט פון די פויערים? און ער, איוואן, זיין זון, האט ניט איין מאל געברענט פון צארן און בושע, ווען די פויערטעס פלעגן זיך שושקען און ער פלעגט אויפכאפן די ווערטער: „איצקא, איצקא". צום טייוול! וואס דארף ער איצט א פאטער?! דאס לעבן האט אים באוויזן, אז מ'קאן זיך באגיין אן א פאטער און אן א מוטער. וואס איז אים דער אונטערשייד ווער זיין פאטער איז... וואס איז אים דער אונטערשייד וואס פאר א מאן און פרוי האבן געהאט דעם פארקער פון וועלכן ער איז צופעליק באשאפן געווארן?! הע... פארביינקט זיך נאך א זון, וועמען ער האט קיינמאל אין די אויגן ניט געזען. ס'האט אזא ווערט און ס'איז פונקט אזוי וויכטיק, ווי ס'איז וויכטיק פאר א האגער צו זען די זשערעבעצן, וואס ער האט אנגעפלאדיעט אין זיין פערדיש לעבן. איצקא איז זיך איצקא, און איוואן איז איוואן. זיי האבן גארניט קיין געמיישאפטלעכעס, כוץ עפשער, דעם בלוט, און דאס

איז אויך אַ צופעליקע און ניט וויכטיקע זאַך. דאָס אַלץ.

איזאַק איז געזעסן מיט אַ פלאַמענדיקן פּנים. גאָר אַנדערש האָט ער זיך פאָרגעשטעלט די באַגעגעניש, גאָר אַנדערש... אָנשטאָט בליקן פון פרייד און טרויער געמישט — שטעכן אים קאַלטע ווערטער, ווי שפּיזן. אָנשטאָט אַ זון — אַ פרעמדער מענטש. זיצן און פאַרענטפערן זיך און וואַרטן אויף... אויף וואָס? אויף ראַכמאָנעס?...

ער האָט זיך אויפגעהויבן. געטראַכט: זאָל ער זיי לאָזן געלט... אַ? ארויסגענומען פון בוזים קעשענע אַ פּעקל געלט און אויסגעשטרעקט צו מאַטריאָנאַ.

— נעם, מאַטריאָנאַ.

איז איוואַן אויפגעשפּרונגען: — ניין, ניין, מיר דאַרפן עס ניט!

איזאַק האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט מיטן פּעקל געלט, געלאָזט זיך אַרויסגיין.

— איצקאַ...

מאַטריאָנאַ איז אים נאָכגעגאַנגען. שטיל איינגערוימט אויף דער שוועל שוין, ער זאָל קומען שפּעטער. דער זון וועט אַוועקגיין... זאָל ער קומען...

איזאַק האָט זי אָנגעקוקט אַ פאַרשעמטער, אַ דערנידעריקטער און בייזער און צוגעזאָגט צו קומען. מאַטריאָנאַ איז געשטאַנען באַם פאַרקן און נאָכגעקוקט אים.

ער האָט זיך געלאָזט גיין אין פעלד אַריין. געגאַנגען לאַנגזאַם און געפילט, גלייך, ווי אימיצער האָט אים אַרויפגעטראָטן אויפן האַרץ. די פעלדער אַרום האָבן געשמעקט און דערמאָנט אָן אַ פאַרגאַנגענעם כאָלעם. ער איז צוגעקומען צום וועלדל. געגאַנגען טיפער, געשאַרט מיט די פיס די בלעטער, געשראָקן זיך עפּעס פאַר דער האַלב טונקלקייט, וואָס האָט געקילט אַרום. געהערט ווי ס'קלינגט אַ גלאָק פון וויטנס. דערמאָנט זיך... אָ, יע, יע... דאָס פּאַשעט זיך ערגעץ אַ קו אויף אַ לאָנקע מיט אַ גלאָק אויפן האַלדז. אָט איז די לאָנקע, אָט איז די קו. אַנידערגעלייגט זיך הינטער די קוסטעס. דאָס גראָז איז געווען קיל און אַנגענעם. אַרונטערגעלייגט די הענט אונטערן קאָפּ. געקוקט אויפן הימל, צוגעהערט זיך צו דעם סוויסטשעריי פון די פייגל. דערהערט צווייגן ברעכן זיך ערגעץ אין וואַלד. אַנידערגעזעצט זיך

און געקוקט פאר זיך. אט שטייט דארט עמיצער. דאס איז דאך מאטריאנא... מאטריאנא...

זי איז צוגעקומען צו אים ניט דרייסט און געבליבן שטיין. ער האט איר אנגעוויזן לעבן זיך, האט זי זיך אראפגעלאזט לעבן אים. געזעסן און געקוקט אף אים.

— איצקא, טי באגאט? *) — האט זי געפרעגט.

— דא, באגאט.

ער האט זיך געוואלט נעמען צו דער קעשענע. זי איז געקו־מען מיסטאמע נאך געלט.

פלוצים האט זי אים ארומגעכאפט און מיט רויער קראפט אנגע־הויבן דריקן צו זיך... געגלעט זיינע האר, געקושט אים אין די באקן. פאשעטער כאיעשער גלוסט האט מיט ברענענדיקער קראפט א שטראם געטאן און פארפלייצט, אויסגעמישט זיך מיט דער פויערישער ליבע פון מאטריאנא. געקלאפט אין זייערע בלוטן... פארטונקלט דעם הימל... און פארשטויסן די ערד אונטער זיך...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די קו איז געבליבן שטיין לעבן זיי. א קוק געטאן מיט אירע גרויסע קארע אויגן און געגאנגען ווייטער. איזאק איז געזעסן אנ־געשפארט אן א בוים און געקוקט אפן הימל. מאטריאנא האט פאר־בונדן איר טיכל ארום די בלאנדע צעפאטלטע האר.

— פריכאדי, — האט זי שטיל געזאגט און געקוקט אף אים מיט די אויגן פון יענער אמאליקער מאטריאנא.

איזאק האט שווייגנדיק צוגעשאקלט מיטן קאפ, ארויסגענומען געלט און געשטופט איר אין די הענט אריין.

זי האט א פיר געטאן מיט איר ברייטער הארטער דלאניע אי־בער זיין באק און איז אוועקגעגאנגען. איזאק האט איר נאכגעקוקט א פארנעבלטער. געפילט אף די באקן די גראבע פארהארטעוועטע פינגער אירע. אפן הארצן האט עפעס געגאגט. אט, אט, געקומען פון איין עק וועלט צו א צווייטן... און ניט פארבונדן גארניט, ניט פארקניפט גארניט. צוויי וועלטן — צוויי באזונדערע וועלטן. איצ־קא איז זיך איצקא, און איוואן איז זיך איוואן. און מאטריאנא איז

*) איצקא, דו ביזט רייך?

מאטריאָנאַ... זי איז די איינציקע, וואָס ציט נאָך ביז איצט דעם כּאָלעם פון איר יוגנט.

ער האָט זיך אויפגעהויבן. געלאָזט זיך גיין דורכן וואַלד צו־ריק אין פעלד און פון פעלד אין דאָרף אַריין... שוין. ער ווייסט דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס ער זעט עס דאָ. עפּשער וועט ער נאָך מגולגל ווערן אַמאָל אין דער זריע פון זיין זון איוואַן... ער איז צוגעקומען צום דאָרף. דערזען אַ פּויעריש אינגל קומט אַקעגן און קוקט אויף אים. האָט ער אים צוגערופן, אַרויסגעשלעפּט אַ זשמעניע געלט, נאַ! צו וואָס דאַרף ער עס איצט? צו וואָס? דאָס אינגל איז אַוועק און באַלד צוריקגעקומען מיט אַ גאַנצער כּאַפּטע קינדער. זיי זיינען אים נאָכגעלאָפן, געשטרעקט די הענטלעך, געפּלאָנטערט זיך אונטער די פיס, און ער איז געגאַנגען צווישן זיי מיט אַ פּוסטן האַרץ און מיט אַ געצוואונגענעם שמייכל אויף די ליפּן, געשלעפּט פון די קעשענעס געלט און געשטופּט עס אין די קינדערשע הענטלעך, ניט ציילנדיק, ניט קוקנדיק.

# כאַווער לעשניק

.1

„די דעמאַגאָגיע און די ביוראָקראַטישע מעטאָדן אין דער פּראַקטיק האָבן אַרויסגערופן דעם אומפאַרמיידלעכן פּראָטעסט בײַ די ראַדיקאַלע עלעמענטן"...

לעשניק האָט עס צוויי מאָל איבערגעלייענט. געפּרוּווט אַרײַנדרינגען אין די מאָדנע ווערטער און געפינען דעם געדאַנק, דעם זין פון דעם איבערגעלייענטן און ניט געקאָנט.

ער האָט ווידער אַמאָל איבערגעלייענט. נו, „מעטאָדן" ווייסט ער וואָס סע הייסט. דער באָס אין דער פעקטאָרי, וואו ער אַרבעט, זאָגט, אַז אַלץ דאַרף געטאָן ווערן מיט אַ מעטאָד. ווייסט ער אַז מעטאָד הייסט, מיסטאַמע, אַ סייכל, אַ פּלאַן. אָבער וואָס הייסט „דעמאַגאָגיע" און „ביוראָקראַטישע"? „ראַדיקאַלע" ווייסט ער אויך. דאָס מיינט מען אַזעלכע ווי ער אַליין איז. און „עלעמענטן"... ערגעץ האָט ער שוין געהערט דאָס וואָרט. עס דאַכט זיך אים, אַז עס הייסט געלט. אָבער אַלעס צוזאַמען, דאָס גאַנצע איז פאַר אים אַ רעטעניש.

לעשניק איז געלעגן אַזוי אַפּאָר מינוט און געקוקט אין זשורנאַל. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן, אַ גענעץ געטאָן און אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס.

געשטאַנען אויף די טרעפּ און געקוקט. פליען אויטאָמאָבילן איינער נאָכן אַנדערן, הין און צוריק. אָט איז דורכגעלאָפן אַן אויטאָמאָביל, אָנגעפילט מיט באָכערים און מיידלעך, אַלע אין באָד קאָסטיומען. ער איז זיי מעקאַנע. אידישע באָכערים און ריידן אַזוי גוט ענגליש. ניט צו דערקאָנען אַפילע, אַז זיי זיינען אידן. ער איז שוין דאָ אין אַמעריקע באַלד אַכט יאָר און קאָן נאָך אַלץ ניט לייענען און שרייבן. עמעס, ער פאַרשטייט און רעדט, אָבער... ס'איז ניט

דאָס. דאָרט אין דער היים אין זיין שטעטל איז ער פּאָרט געווען אַן אַנדערער מענטש. פלעגן אַריינקומען די פּויערים אין זיין טאַטנס יאַטקע, האָט קיינער ניט געקאָנט אויסטיינען זיך מיט זיי אַזוי, ווי ער. און אַז מ׳האָט באַדאַרפט אָנרייבן אַ מוזשיק אַ מאָרדע, האָט ער אויך געקאָנט. און דאָ... אַפילע שלאָגן זיך קאָן ער אויך ניט. דער קלענסטער שנעק קאָן אים מאַכן אַ פּאָר שוואַרצע אויגן און ער וועט אַפילע ניט וויסן פון וואַנען ס׳איז אים געקומען. ער בענקט אָבער ניט אַהיים. ניין! דאָ איז בעסער.

לעשניק האָט זיך אַנידערגעזעצט אַף די טרעפּ. אין פּאַרק וועט ער נאָך צייט האָבן צו גיין.

געוויינטלעך, פלעגט ער אין אַזאַ פאַרנאַכט אַריינגיין אין פּאַרק, אַנידערזעצן זיך אַף אַ באַנק און קוקן אַף די פאַרבייגייער. מערסטנס פלעגט ער קוקן אַף די מיידלעך. ווי אַזוי צו פאַרפירן אַ באַקאַנטשאַפט האָט ער ניט געוואוסט. אָפטמאָל פלעגט ער זיך פאָרשטעלן, ווי אַזוי ער גייט צו צו דער אָדער צו יענער, פאַרנייגט זיך — געזען אין קינאָ, אַז מע פאַרנייגט זיך — און הויבט אָן ריידן. און אַפּאָר מאָל האָט ער שוין, אַפילע, באַשלאָסן צוצוגיין צו מיידלעך, וועלכע האָבן אויסגעזען צו זיין זיין גלייכן, האָט זיך עס, אָבער, געענדיקט מיט דעם, וואָס ער פלעגט זיי נאָכגיין אַזוי לאַנג, ביז זיי פלעגן זיך דערשרעקן פאַר אים און לאָזן זיך לויפן. פלעגט ער שוין צוגיין צום בריק אין פּאַרק, אַראָפּקוקן אַף דעם טייך, ווי פּאָרלעך האָבן זיך געשיפט. אַמאָל אין אַ פאַרנאַכט אַליין נעמען אַ שיפל, פליען איבערן וואַסער, שטרעקנדיק פאַרויס די ברייטע, שטאַרקע ברוסט, דערנאָך בלייבן זיצן, קוקן אַף די קאָלירפולע פייערן, וואָס האָבן זיך געשפּיגלט אין טייך.

פון וואָס צו טראַכטן האָט ער ניט געהאַט, און ער האָט אַפילע ניט ליב געהאַט צו טראַכטן. אַמאָל, אָבער, פלעגט ער זיך יאָ פאַרטראַכטן. וואָס וועט, טאַקע, זיין דער סוף פון אים? ער איז שוין אַ יונגאַטש אין די יאָרן. שוין באַלד פינף און דרייסיק יאָר אַלט. אַרבעטן אַרבעט ער נאָך אַלץ אין דער פאַבריק פון מעבל, און פאַרדינען פאַרדינט ער נאָך אַלץ ניט גענוג, אַז ער זאָל קאָנען אָפּשפּאָרן גענוג געלט און עפענען אַ געשעפט פאַר זיך. קיין באַקאַנטע האָט ער ניט. און פאַרוואָס ער האָט זיי ניט, ווייסט ער אַליין ניט. גייט

ער פון דער אַרבעט אין רעסטאָראַן, דערנאָך קומט ער אַהיים און לייגט זיך אַנידער אַפן בעט אָפּרוען אַביסל די ביינער. דערנאָך גייט ער אַרויס אַף דער גאַס, זעצט זיך אַנידער אַף די טרעפּ און קוקט ווי די באָכערים שפּילן מיט אַ באַל. גייט אַמאָל אַריין אין קינאָ, קלייבט אַלעמאָל אַליידיק אָרט לעבן אַ מיידל און זיצט און פּילט, ווי עס כוואַליען און ברויזן אין אים די בלוטן און געפילן. אָנרירן זי... דערזען איר שמייכל, דערהערן אַ גוט וואָרט פון איר... און וואָס וואָלט זי געאַרט? פאַרוואָס דאַרפן מענטשן זיין אַזוי פרעמד? פאַרוואָס האָבן מענטשן אַזוי מוירע איינער פאַרן אַנדערן. פלעגט ער אַזוי לאַנגזאַם, לאַנגזאַם רוקן זיין האַנט צו איר און נאָר מיט איין פינגער אָנרירן איר ענטבלויזטן אָרעם. אָדער ער פלעגט רוקן זיין פוס צו אירן... דערפילנדיק איר וואַרעמקייט, זיצן מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרץ און, דערשפּירנדיק, ווי זי רוקט זיך אָפּ פון אים און קוקט אַף אים מיט אַ בייזן בליק, פלעגט ער זיך דער־שרעקן און אָפּרוקן זיך אין אַ זייט און בלייבן זיצן גלייך, ווי ניט אים מיינט מען, גלייך, ווי ס'איז גאָרניט געשען.

פון דער קינאָ פלעגט ער אַהיים קומען אַ ביינקענדער אַ פאַר־שוויצטער. דער באַלעבאָס פון הויז, האָט אָפּט געפּרואווט אויס־לערנען לעשניקן שפּילן אַ פינעקל. האָט לעשניק אָבער ניט געהאַט קיין גערולד און די שפּיל האָט אים אויסגעוויזן צו זיין שווין צו אַ קונציקע און אַ פאַרפּלאָנטערטע. ווער ווייסט ווי לאַנג עס דאַרף נעמען אויסצולערנען זיך. האָט ער זיך איינגאַנצן אָפּגעזאָגט. אַ פּאָוקער האָט ער יאָ אַמאָל געשפּילט, אָבער אויך צו דער פּאָוקער שפּיל האָט אים ניט געצויגן. אַפּאָר מאָל געשפּילט און פאַרשפּילט, טאָ, ווי וואָרפט מען עפּעס אַזוי אַרויס אין דער בלאָטע אַריין די שווער פאַרהאָרעוועטע טאָלערס? די לעצטע צייט האָט ער אָנגע־הויבן גיין אין אַרבעטער קלוב. דעם עמעס זאָגנדיק, וואָלט אים אַפילו ניט איינגעפאַלן צו גיין אַהינצו, ווען ניט דער רוסישער באָכער, קאָמסקי, וואָס וואוינט אין דעם זעלבן הויז, וואו ער. אַ וואוילער באָכער, דער קאָמסקי. ער האַלט אָבער, אַז עפּעס איז דער מער מיט אים, מיט דעם קאָמסקי. שוין אַ צו גוטער איז ער. טאָמיד שמייכלט ער. טאָמיד טראָגט ער זיך אַרום מיט ביכלעך, אַרבעט ערגעץ אין אַ בוכבינדעריי און טאָג און נאַכט נאָר ער רעדט פון די

סאָוועטן,פון פּראָדוקציע און פּאָליטישע עקאָנאָמיע, ווי זיי רופן עס דאָרטן אין קלוב. און אַלץ מיט אַזעלכע ווערטער פון וועלכע עס פּלעגט אַזש אָנהויבן גודיען אפן הארצן.

אָט גייט ער, טאַקע קאַמסקי. גייט מיט זיין געוויינלעך שמייכלע, טראָגנדיק אַ פּאַק צייטונגען אונטערן אָרעם. צוגעקומען צו לעשניקן, געבליבן שטיין.

— קומט לעשניק, איר גייט?

—וואוהין?

— אין קלוב אריין. פּאַם וועט היינט ריידן.

— אי, אין אַזא אָוונט?...

— וואָס האָט איר נאָך וואָס צו טאָן?

טאַקע, וואָס האָט ער נאָך צו טאָן? וואָס טוט ער אין אַלגע־מיין? אַרבעט, עסט און שלאָפט. וואָס נאָך?

עט! ער וועט שוין גיין אין קלוב אריין, צו אַלדע שווארצע יאָר!

קאַמסקי האָט עפּעס גערעדט, האָט ער אַפּילע ניט געהערט, וואָס יענער רעדט. ער רעדט, דוכט זיך אים, גאָרניט פאַר אים, פאַר לעשניקן. ער רעדט פאַר זיין אייגענעם פאַרגעניגן ווענן. נו, זאָל ער ריידן.

דער קלוב איז געווען ניט וויט.

לעשניק איז אריינגעקומען מיט קאַמסקין און, ווי אַלע מאָל געוואָרן אַ בעזונדערע וועלט פאַר זיך אַליין. אָט שטייען דאָ צוויי מענטשן און ריידן, איז ער צוגעגאַנגען צו זיי און צוגעהערט זיך, וואָס זיי ריידן. דערנאָך צוגעגאַנגען צו אַנאַנדער קופּקעלע און ווידער זיך צוגעהערט. אַליין קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. גע־שטאַנען מיט די הענט אין די קעשענעס און נאָר געהערט. ער וואָלט אַמאָל געוואָלט עפּעס זאָגן, אָדער פרעגן, הויבט ער ניט אָן צו וויסן, וואָס צו זאָגן אָדער ווי אַזוי צו פרעגן. ס'הייסט, פרעגן, וואָלט ער געקאָנט, אָבער, ווען ער וואָלט אָנגעהויבן פרעגן, וואָלט דאָך קיין שיר ניט געווען. וועט ער שוין בעסער שווייגן.

קאַמסקי האָט זיך געראַשט. געפּילט זיך, ווי אַ פיש אין וואַסער. גערעדט, און געשוויצט, און געשמייכלט. צעשפּרייט זיך מיט אַלע צייטונגען אַף די בייגק און געטייטלט עפּעס מיט די פינגער. געהיצט זיך און געפינעמט.

לעשניק האָט נאָר פאַרשטאַנען, אַז ער נעמט זיך אָן די קריוודע פון די סאָוועטן. עמיצער פאַלט שוין ווידער אָן אויף די סאָוועטן.

עס איז אָנגעקומען באָוועד פּאַס.

עפּעס האָט ער ניט ליב געהאַט דעם באָוועד פּאַס. ער ווייסט ניט פאַרוואָס, נאָר עפּעס פילט ער אימער צו געבן אים אין די ציין אַריין. פאַרוואָס, פאַרוואָן — ער ווייסט ניט. נאָר אָט אַזוי פילט ער. פּאַס! שוין דער נאָמען אַליין געפעלט אים ניט. פּאַס... פּאַס — פּאַס! אַ מאָדנער נאָמען.

קומט אַלעמאָל אַריין אַ ציכטיקער, אָן אויסגעפּוצטער, מיט אַ פּאָר קליינע וואָנצעלעך אויף דער אויבערשטער ליפּ. קוקט דורך גלעזער אַזוי ערנסט און שטרייננג. טוט ניט קיין שמייכל.

די מיידלעך וואָס קומען אַריין אין קלאָב, קלעפּן זיך צו אים, ווי פליגן און ער, לעשניק קאָן ניט פאַרשטיין, וואָס זיי האָבן דערזען אין אים אין דעם פּאַסמען. דאַכט זיך, ווען ער גיט אים איין שמיים, וואָלט דאָך געווען נאָך אים.

אָט רעדט ער דאָרט עפּעס, און אַלע שטייען אַרום אים און הערן זיך צו. עך, ווען ער, לעשניק, איז אַ געלערנטער, ער וואָלט שוין געזען, אַז דער יאָלד זאָל זיך ניט גרויסן אַזוי.

לעשניק האָט געקוקט אויף פּאַסמען און ניט געקאָנט זיך פאָר־שטעלן, ווי אַזוי אַזאַ מענטש קאָן מאַכן אַ רעוואָלוציע אין אַמעריקע.

ווען ס'זיינען זיך צונויפגעקומען אַרום פּופּצען מענטשן, האָט פּאַס אָנגעהויבן זיין לעקציע. שוין פון אָנהויב אָן האָט לעשניק אויפגעגעבן די האָפנונג עפּעס צו פאַרשטיין. ער האָט געפּרוווט אַריינצודרינגען מיט זיין גאַנצן פאַרשטאַנד און אויפמערקזאַמקייט אין די ווערטער פון באָוועד פּאַס און אויפכאַפּן עפּעס, וואָס זאָל אים אַריינפירן אין ווייטערדיקן שטראָם פון זיין רעדע. אויף אַ ווײַלע איז עס אים געלונגען. ער האָט דערהערט, ווי ער רעדט פון דייטש־לאַנד און פון דער מילכאָמע. האָט ער שוין געמיינט, אַז אָט אָט וועט ער אַרומכאַפּן דעם גאַנצן איניען און צעקייען אים. האָט אָבער פּאַס, ווי אויף צו לעהאַכעס אָנגעהויבן פּלוצים צו שיסן מיט מיליאָנען. אָט לייענט ער פון אַ ביכל: יאַנואַר 20 מיליאָן, מאַי 40 מיליאָן, אויגוסט דרייסיק מיליאָן און אַזוי אָן אָן אויפהער. טויזנטער און מיליאָנען האָבן זיך געשאָטן פון זיין מויל, גלייך ווי ס'איז גאָר קיין

מיליאָנען ניט געווען. און לעשניק האָט ניט געוואוסט צו זאָל ער באַוואונדערן פּאַמס וויסן און קענטניש, צו זאָל ער גאָר אינגאַנצן אויסלאַכן זיך פון אים, פון אַזאַ קאַבצן, וואָס מאַכט זיך פאַר אַ גאַנצן יאַ־טעבעדאַם און שיסט מיט מיליאָנען.

אין צימער איז געוואָרן היים. לעשניק האָט באַמערקט לעבן זיך איינעם, וואָס איז געזעסן און געשטאַרקט זיך ניט איינצודרעמלען.

און קוקנדיק אַף אים, האָט לעשניקן אָנגעכאַפּט עפּעס אַזאַ מאָדנע מידקייט. ער האָט געפילט, ווי זיין גאַנצער קערפּער ווערט צעפּאַרעט און צעשוואומען... ער האָט אויפגעקנעפּלט אַ פּאָר קנעפּלעך פון דער וועסט, אָנגעשפּאַרט זיך אַף דעם ביינקל און ניט ווייסנדיק ווי אַזוי און ווען איינגעדרעמלט.

און ווי אין אַ כאָלעם האָט ער פּלוצים דערהערט און מאַמעש דערפילט, ווי ער וויגט זיך, ווי אַף אַ כוואַליע, און די כוואַליע איז אַ געלעכטער כוואַליע... ער האָט אַ וויש געטאָן די אויגן. יאַ... אַלע קוקן אַף אים. דאָס לאַכט מען, הייסט עס, פון אים. קיינמאָל אין זיין לעבן האָט ער ניט געפילט אַזוי פאַרשעמט און בייז.

איז ער שוין געזעסן די גאַנצע צייט אַן אָנגעשטרייינגטער און רויטער. ער האָט ניט געוואוסט וואָס ער זאָל טאָן, צו זאָל ער אַ שפּיי טאָן און אַרויסגיין, צו זאָל ער זיצן דאָ און צוהערן זיך און מאַכן דעם אָנשטעל, אַז עס אינטערעסירט אים און ער פאַרשטייט, וואָס פּאַם רעדט דאָרט.

די מינוטן זיינען געקראָכן לאַנגזאַם, האָט ער פאַררויכערט. באַרואיקט זיך און גענומען באַטראַכטן יעדן איינעם באַזונדער.

אָט זיצט דאָרט איינער מיט אַ צעבראַסטעטן העמד... פון וואָס מאַכט ער אַ לעבן? צו וואָס איז ער געקומען אַהערצו? ווייסט ער וואָס פּאַם רעדט דאָרטן? און אָט דאָרטן זיצט אַ מיידל. ער ווייסט ניט, אַפּילע, ווי אַזוי איר נאָמען איז. ער זעט זי שוין, עפּשער דאָס צענטע מאָל. אָבער ערשט היינט האָט ער דערזען, אַז זי האָט אַזאַ ווייסע פּלייצע. וואָס קומט זי אַהער? עפּשער צוליב דעם פּאַמען.

ענדלעך האָט זיך די לעקציע געענדיקט.

שטייענדיק שוין בא דער טיר מיט קאַמסקין, האָט לעשניק דערזען לעבן זיך דאָס מיידל, וועמעס ווייסע פּלייצע ער האָט פריער אַזוי באַוואונדערט.

זי האָט אָפּגעשטעלט קאַמסקין און אָנגעהויבן צו באַקלאָגן זיך פאַר אים, פאַרוואָס מ'האָט אַף איר אָנגעוואָרפן די גאַנצע אַרבעט פון איינקויפן און צוגרייטן אַלץ פאַר דעם פּיקניק.

קאַמסקי האָט מיט זיין שמייכעלע געענטפערט, אַז סע טוט אים זייער לייד, אָבער ער קאָן ניט העלפן. ער איז פאַרנומען. און פּלוצים האָט ער אַכאַפּ געטאָן לעשניקן בא דער האַנט, ווי דערפרייט זיך מיט אים און מיט דעם, וואָס ס'איז אים איינגעפאַלן.

— כּאָווער לעשניק, באַקאַנט זיך. דאָס איז כּאָווערטע עננאַ.

לעשניק האָט דערפילט, ווי אַ וואַרעם הענטל דריקט זיין גראָ־בע האַנט.

זי האָט אַ שמייכל געטאָן.

— כּאָווער לעשניק? אַי עם גלעד טו מיט יו...

ער איז געוואָרן רויט.

ער האָט אָנגעהויבן ווישן דעם שטערן, עפּעס אַרויסגעברומט און פאַרשפּילעט אַ קנעפּל בא דער וועסט.

— כּאָווערטע עננאַ, איך גלויב, אַז כּאָווער לעשניק וואָלט אייך געקאָנט אַרויסהעלפן מיטן פּיקניק. וואָס זאָגט איר, כּאָווער לעשניק?

— אָ, יע... שור. — האָט לעשניק צוגעשטימט און דערפילט עפּעס אַ מין אומבאַוואוסטזיניקן שרעק פאַר עפּעס. ער און זי... ווי אַזוי... ווי אַזוי וועט ער זיך מיט איר טרעפן. ער וועט דאָך דאַרפן אַרומגיין מיט איר די גאַנצע צייט און רעדן מיט איר. פון וואָס קאָן ער מיט איר ריידן? ער האָט געפילט, ווי אָפּצוזאָגן זיך, געבן עפּעס אַ טערעץ, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט אים עפּעס, ווי געשטופּט. ער האָט זיך דערפילט, גלייך ווי עפּעס האָט אים אַ כאַפּ געטאָן און טראָגט. נו, זאָל עס טראָגן, צו אַלדע שוואַרצע יאָרן!... וואָס איז ער עפּעס אַ אינגעלע? ער וועט באַשטיין זיין שטעטל.

קימאַט אַלע זיינען שוין אַרויסגעגאַנגען פון די קלוב צימערן. קאַמסקי איז ערגעץ פאַרשוואונדן.

לעשניק האָט דערזען, ווי עננאַ גייט לעבן אים, האָט ער גע־וואָלט בלייבן שטיין. וואוהין גייט זי אים נאָך?

— וואו וואוינט איר? — האָט זי אים אַ פרעג געטאָן.

ער האָט איר געזאָגט.

— אָ, מיר גייען דעם זעלבן וועג. איר וואוינט אביסל ווייטער פון מיר.

— יאָ, א ביסל ווייטער — האָט ער צוגעשטימט און געני־שטערט עפּעס אין קאָפּ, וואָס צו זאָגן אָדער פרעגן.

— ווי לאַנג זיינט איר שוין דאָ אין לאַנד? — האָט זי גע־פרעגט.

— א... דאָס אכטע יאָר.

— א, שוין אכט יאָר? איך בין ערשט דאָס פינפטע יאָר.

— אזוי? !

— וואוינט איר דאָ מיט אייער פאַמיליע, צו אליין?

— אָ, אליין. איך האָב ניט קיינעם.

— בא וואָס ארבעט איר?

— בא מעבל. א סטאָליער. אויסגעלערנט זיך... איר ווייסט דאָך...

זי איז אנטשוויגן געוואָרן, האָט ער אויך געשוויגן. נעגאַננען לעבן איר און קימאַט געפּלאָנטערט זיך אונטער אירע פיס. יעדעס מאָל, ווען זיי זיינען געבליבן שטיין אריבער צוגיין דעם וועג, האָט ער ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. צו זאָל ער גיין אין דער רעכטער זייט, צו אין דער לינקער זייט. צו זאָל ער איר העלפן אריבער גיין דעם וועג, צו זאָל ער זי לאָזן אליין.

— לאָמיר גיין אהער... אהערצו איז נענטער — האָט זי אים אָנגענומען בא דער האַנט.

ער האָט דערפילט אירע פינגער אף זיין אָרעם און דערזען אירע אויגן. עס האָט זיך אים אף א מינוט אויסגעוויזן, אז עפּעס ציט אים... אָט ציט עס אים... ציט... און ער וועט צופאַלן צו איר, ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים.

— אָט בין איך שוין אין דערהיים. — זי איז געבליבן שטיין.

— קומט, איר וועט ארויפגיין אף א ווײַלע?

— א, ניין... ניין... איך דאַרף גיין, מע וואַרט אף מיר.

— וועט איר מיר העלפן איינקויפן אלץ פאַרן פּיקניק, כאָווער לעשניק?

— אָ, יע... יע... שור!

— ווייסט איר וואָס? — האָט זי געזאָגט. — רופט מיך אָפּ מאָרגן פאַרנאַכט און מיר וועלן זיך שוין צונויפריידן, האָ?

לעשניק האָט דערפילט, ווי זיינע פיס זיינען פּלוצים שוואַך געוואָרן, אָט פונקט, ווי מיט אַ צען יאָר צוריק אַף אַ יאַריד, ווען אַ כאַפּטע שקאָצים האָבן אים אַרומגערינגלט און געוואָלט שלאָגן.

זי וועט מיך מער ניט זען — האָט זיך דורכגעטראָגן אין זיין מויאַך. — און דער קלוב אויך ניט... אַן עק! אויס!...

ער האָט דערזען, ווי זי שרייבט עפּעס אַף אַ שטיקל פּאַפּיר און פאַרשטאַנען, אַז דאָס פאַרשרייבט זי מיסטאָמע, דעם טעלעפאָן נומער.

אָט האָט איר מיין טעלעפאָן נומער, — האָט זי געזאָגט. — איך וועל וואַרטן. איר וועט פרעגן פאַר עננאַ, וועט איר ניט פאַרגעסן?

ער האָט גענומען דאָס שטיקל פּאַפּיר. געפילט, ווי עס ווערט נאָס אין זיינע פאַרשוויצטע הענט און געשווינגן.

— אָלרייט, כאַוועך לעשניק, — האָט זי אויסגעשרעקט די האַנט. — אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט.

ער האָט געוואָלט זאָגן „כאַוועך עננאַ" האָט זיך אים עפּעס די צונג ניט געלייגט צו דעם וואָרט „כאַוועך". אַפילע אין קלוב האָט ער זיך קיינמאָל ניט באַנוצט מיט דעם וואָרט. עפּעס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס וואָרט איז אַן איבעריקס. עפּעס פּאַסט עס זיך גאָרניט צו אים. וואָס פאַר אַ כאַוועך איז ער מיט פּאַמען, אַ שטיינער, אָדער מיט איר, מיט עננאַ, וואָס? ער האָט געגאַנגעט עפּעל צוזאַמען מיט זיי, צי וואָס? וואָדען, וואָס פאַר אַ כאַוועך איז ער זיי?

ער איז געשטאַנען און געקוקט אַף דער פאַרמאַכטער טיר. אין די געדאַנקען האָבן זיך אַזעלכע שווערע, געאַמפּערט אין זיין מויאַך. אַרויסגענומען די פּאַטשיילקע, אָפּגעווישט דעם שוויס און געלאָזט זיך גיין אַהיים.

ווען לעשניק איז אַהיים געקומען, האָט ער געטראָפן אַף די טרעפּ קאַמסקין. ער האָט אַראָפּגענומען דעם ראָק און אַנידערגעזעצט זיך לעבן אים.

— איר האָט אַהיים גענומען די קליינע? — האָט קאַמסקי געפרעגט.

— וועלכע קליינע? — האָט זיך לעשניק פאַרוואונדערט.
— די קליינע עננאַ.
— אַ, יע. איך האָב זי אַהיים גענומען.
— אַ טייער מיידל.
—אַ, יע...
ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן און פרעגן, אָבער עפּעס האָט אים צוריקגעהאַלטן. זאָל ער, קאַמסקי בעסער ריידן פון איר און ער וועט הערן. עס האָט זיך אים געוואָלט, אַז קאַמסקי זאָל ריידן פון איר. קאַמסקי האָט אָבער מער גאָרניט געזאָגט, האָט ער זיך אויפֿגעהויבן.
— איר גייט שוין? — האָט קאַמסקי געפרעגט.
— יע.
— הערט, לעשניק. — האָט אים קאַמסקי אָפּגעשטעלט.
— יע? ...
— איר וואָלט באַדאַרפט פאַרשרייבן זיך אױף די קורסן.
— וואָס פאַר אַ קורסן?
— נו, וואו מען לערנט לייענען, שרייבן, איר ווייסט, אַזאַ מאַן ווי איר, מיט אַזוי פיל פרייער צייט, וואָלט באַדאַרפט אויסנוצן עס.
האָט לעשניק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און עפּעס אַן אומאַנגענעמער געפיל האָט ווי אַ גריזשע געטאָן. ער האָט געוואוסט, אַז קאַמסקי איז עפּשער גערעכט, ער האָט אָבער ניט געוואָלט הערן. ס'האָט אים ווי געטאָן.
— שוין צו שפּעט פאַר מיר. פאַרפאַלן.
— עלטערע פון אייך גייען.
— עט!
ער איז אַרויפגעגאַנגען צו זיך אין צימער, אויסגעטאָן זיך, און ליגנדיק אין בעט, געפילט, ווי עפּעס מוטשעט אים. עפּעס לאָזט אים ניט איינשלאָפן. צו וואָס האָט ער עס באַדאַרפט, צו וואָס? וואָס וועט ער איצט טאָן? ווי אַזוי וועט ער זי מאָרגן אָפּרופן?
און אינדערפרי, ווען ער איז אויפגעשטאַנען, איילנדיק צו דער אַרבעט, האָט אים דאָס געפיל נאָך אַלץ געהאַלטן ווי געפאַנגען און געמוטשעט אים.
אַ גאַנצן טאָג האָט ער געפילט, ווי אַ שווערע מאַסע ליגט אױף

אים.

און פאַרנאַכט, ווען ער איז אַהיים געקומען פון דעם רעסטאָראַן, האָט ער זיך קיין אָרט ניט געפונען. ער האָט ניט געקאָנט איינזיצן. זאָל ער זי רופן, צי זאָל ער זי ניט רופן. אוואדע דאַרף ער זי אָפּרופן. ער שרעקט זיך אָבער. ער האָט אין זיין לעבן נאָך קיינעם ניט אָפּגעֿרופן. ווּעמען האָט ער געהאַט צו רופן?

צום צענטן מאָל האָט ער אַרויסגענומען דאָס צעקנייטשטע פּאַפּירל מיטן טעלעפאָן נומער און ווידער אַמאָל איבערגעלייענט: דזשוניפּער, 4402.

ער האָט מוירע געהאַט עפּשער רעט ער ניט אַרויס ריכטיק דאָס וואָרט דזשוניפּער. רופן אָדער ניט רופן. ווּעט דער זייגער ווייזן פאַר זיבן, ווּעט ער רופן, אויב נאָך זיבן, ווּעט ער ניט רופן.

ער האָט אַרויסגענומען דעם זייגער. עס איז געווען פאַר זיבן.

נו, פאַרפאַלן. ס'איז כאָטש גוט, וואָס קיינער איז ניטאָ אין הויז.

ער איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל, פאַריכט דעם שניפּס, אַרויסגענומען אַ ניקל און אויפגעהויבן דאָס טרייבל.

— דזשוניפּער, 2—0—4—4... געוואָלט צוריקכאַפּן, איז שוין געווען צו שפּעט.

עמיצער האָט געענטפערט — העל־לאָ... העל־לאָ...

—העלאָ, איז מיס עננא אין דערהיים?

— דאָס רעדט מיס עננא.

— א, יע, דאָס איז לעשניק.

— א! כאַווער לעשניק?

ער זאָל באַלד אַריבערקומען. ס'איז דאָ אַ סאַך אַרבעט צו טאָן. ער געדיינקט דאָך דעם אַדרעס? קומט ער?

— יע, יע.

אַף אַלץ האָט ער געענטפערט „יע". עפּעס האָט זי נאָך געזאָגט, אָבער ער האָט ניט פאַרשטאַנען... איצט דאַרף ער גיין צו איר. אָט! ער האָט אָבער געוואוסט, אַז אויב ער רופט זי אָפּ, ווּעט עס אים שוין אַריינשלעפּן אין אַ נעץ פון וועלכער ער ווּעט זיך ניט אויספּלאָנטערן. נו, פאַרפאַלן.

צוקומענדיק צו עננאס הויז, האָט ער זיך דורכגעדרייט אַ פּאָר מאָל הין און צוריק, ראַנגלענדיק זיך מיט דעם געדאַנק: אַרויפצוגיין,

צו נים.

דערזען א פרויען געשטאַלט אין פענצטער, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ס'איז עננאַ. מוז ער דאָך שוין אַרויפגיין. אַז ער וועט ניט אַרויפגיין, וועט זי דאָך מיינען, אַז ער שעמט זיך, אָדער ער האָט מוירע פאַר מענטשן. ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און אָנגעקלונגען.

עננאַ האָט געענטפערט און באַגעגנט אים מיט אַ שמייכל.

און דאָ האָבן זיך אָנגעפאַנגען זיינע ליידן. זיצנדיק אַפן בייַנקל און פילנדיק אַף זיך איר בליק, האָט ער דערזען, אַז ער האָט עפּעס אַזעלכע גראָבע, רויטע הענט, וואָס ליגן אַף די קני אַזוי אומגעלומפּערט און קאָנען זיך קיין אָרט ניט געפינען. וואָס טוט מען מיט זיי? דאָס זעלבע מיט די פיס, מיט די אויגן. זי רעדט און ער קוקט אַף איר און שמייכלט. וואָס שמייכלט ער? דוכט זיך זי האָט גאָרניט געזאָגט אַזעלכעס פון וואָס מ'דאַרף שמייכלען. און פאַרוואָס זאָגט ער ניט עפּעס. זיצט און שאָקלט מיטן קאָפּ,ווי אַ באָק און ווישט זיך דעם שווייס מיטן טיכל. אי, וואָס פאַר אַ שמוציק טיכל.

עננאַ האָט געבראַכט אַ בליישטיפט און פּאַפּיר און האָט אָנגעהויבן אויסצורעכענען און באַראַטן זיך מיט אים וואָס מ'דאַרף. ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז זיין הילף באַשטייט ניט אין דעם, וואָס ער וועט איר העלפן פאַרשרייבן און צוטראַכטן די נויטיקע זאַכן. זיין הילף דאַרף ערשט קומען. און ער וועט עס טאָן אַזוי גערן. ער וועט גיין מיט איר און טראָגן די פּעקלעך, ער וועט טאָן די שווערע אַרבעט, וואָס זי קאָן ניט טאָן און ער וועט זיין צופרידן.

אין דעם אָוונט האָט לעשניק דערפילט גליַיך, ווי עמיצער האָט מיט אַ ריזיקער האַק איבערגעהאַקט זיין גאַנצן לעבן אַף צווייען. ער איז געזעסן, געקוקט אַף עננאַן און געפילט, ווי אַ טרוים הויבט אָן שפּראָצן ערגעץ אין זיין מויאַך, און זיין האַרץ רייסט זיך צו אירע אויגן, צו איר שמייכל און וויל אויפבליען, ווי אַ בלום באַ איר פּוס, באַ די פיס פון דער קליינער עננאַ...

ער האָט אַליין ניט געוואוסט, ווי אַזוי עס איז געשען. זיי זיינען ביידע געזעסן אַף דעם דיוואַן און זי האָט פאַר אים געלייענט און ער האָט זיך גאָרניט געשעמט, ווען זי האָט אים געפרעגט צי ער פאַרשטייט, צי ער ווייסט, וואָס סע הייסט „פלענום”, וואָס עס מיינט „קאָנפליקט”

און „עלעמענט” און „סאַבאַטאַזש”...

ער האָט געפּרעגט און זי האָט געענטפערט. און גערופן האָט ער זי „כּאַוּוער עננאַ”.

און ווען זי האָט אים אַרויסבאַגלייט און געהאַלטן זיין גרויסע האַנט אין איר קליין הענטל און האָט אים אַנגעזאָגט: — געדיינקסט זשע, כּאַוּוער לעשניק, געדיינקסט, איר מוזט באַזוכן די קורסן, — האָט ער געענטפערט מיט פייער און אַנטשלאָסנקייט:

— יאָ, יאָ, כּאַוּוערטע עננאַ, איך זע שוין, איך דאַרף זיך לערנען, איך זע, איך וועל זיך לערנען, איך וועל!

## 2.

אַף דער גאַס און אין פּאַרק האָבן זיך שוין געצונדן די עלעקטרישע לאָמפּן. מענער, פרויען און קינדער — אַלע האָבן זיך געצויגן דורך די אַלייען צום פּאַרק אָנאָטעמען זיך מיט פרישער לופט, אָפּרוען די מידע ביינער נאָך דעם הייסן טאָג. פון ערגעץ וואו האָבן זיך געטראָגן טרוקענע באַנדזשאָ קלאַנגען, דאָס געזאַנג און דאָס ליאַרמען פון יונגוואַרג.

לעשניק איז געלעגן אַפן גראָז. געקוקט אַפן הימל, אַף די לויפנדע מאַשינען און עפּעס האָט גערופן אין זיין האַרצן. ס'איז געווען דער מאָדנער רוף, וואָס איז אַזוי זיס און טרויעריק אין דער זעלבער צייט. אָט קוקט ער אַף די מאַשינען, וואָס שטייען אין די אַסטפאַלט אַלייען באַ די ברעגן פון די לאָנקעס. עס וואָלט זיך אים אויך געוואָלט זיצן דאָרטן מיט אַ מיידל. אַ מיידל... ער ווייסט מיט וועלכער מיידל...

אַמעריקע! כּע! זיי וויסן, וואָס איז גוט, די אַמעריקאַנער כּעוורע. נו, טאַקע, ס'דאַרף דאָך טאַקע זיין אַזוי. גוט צו זיצן אָט אַזוי, ווי דאָס פּאָרל דאָרט אין מאַשין. ער האַלט זי אַרומגענומען מיט זיין רעכטער האַנט, מיט דער לינקער האַלט ער אַ ציגאַר, אַ גראָבן ציגאַר, וואָס גליט מיט אַזאַ שיין רויט פינטעלע. און זי האָט אָנגעלייגט איר קעפּל אַף זיין אַקסל... אָבער... דאָך ווייזט זיך לעשניקן אויס, אַז ס'איז נאַריש. זיצן צוויי שוין גרויסע מענטשן אָט אַזוי און ס'מאַכט זיך נאַריש.

אָט, ער האָט זיך טאַקע דערמאָנט. ווען ס'איז געווען דער

פיקניק, זיינען זיך פאַם און עננאַ אוועקגעגאַנגען ערגעץ אונטער די בושן און זיינען אויך אַזוי געזעסן. און ניט נאָר זיי. איעדער מיידל האָט געהאַט לעבן זיך אַ באָכער און אָדער זי איז געלעגן אַף זיינע קני, אָדער ער איז געלעגן אַף איר שויס. ער איז געזעסן אַליין. טאַקע אין דער גרופּע מיט די איבעריקע, אָבער אַליין. קיינער האָט זיך ניט צעלייגט אַף זיינע קני, קיינער האָט אים ניט געריסן באַ דער טשופּרינע, און קיינער האָט, דוכט זיך, ניט געקוקט אַף אים. דערפאַר אָבער האָבן זיך אַ פּאָר באָכרים און מיידלעך געשאַפּט עפּעס מיט אים. ס'הייסט, זיי האָבן זיך ניט געשאַפּט אָט אַזוי, ווי אַ פּאַרמאַן אין שאַפּ, אַ שטייגער, אָבער, ער, לעשניק, האָט געזען, אַז זייערע באַציאונגען צו אים זיינען עפּעס אַזוי מאָדנע. זיי רופן אים, טאַקע, כאָטש אָבער פּאַרוואָס גייען זיי אַליין ניט נעמען אַ פלעשל ביר אָדער אַ סענדוויטש, וואָס? און וואָס נאָך: איינער האָט אים פּלוצים געקרוינט מיט אַ נאָמען „פּראַטעזשע". עננאַס „פּראַטעזשע" רופט ער אים. ווייסט ער ניט צי ער דאַרף זיך באַליידיקן, צי ניט. וואָס מיינט דאָס וואָרט „פּראַטעזשע"? דאָך טוט אים האַנאָע וואָס מ'רופט אים כאָטש „עננאַס".

ער פּאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז צווישן זיי איז ער אַ גרינער, אַזוי צו זאָגן. און ניט נאָר אַ גרינער, נאָר עפּעס אַ פּוסטער. אָט, ווי אַ פּוסט פּאַס, אַ שטייגער. סייכל האָט ער נאָך געגוג. דער קאָפּ האָט אים נאָך ניט אויסגעדאַרט... אָבער ער האָט ניט דאָס, וואָס זיי האָבן. ער האָט ניט קיין בילדונג, קיין וויסן... וויסן! אוי, וואָלט ער געוואָלט וויסן. אַ סאַך וויסן. אַזוי פיל וויסן, אַז ער זאָל זיי אַלע קאָנען פאַר־שטעקן אין גאַרטל.

לעשניק ליגט אַפן גראָז, קוקט אַף דער לעוואָנע, וואָס קומט אַרויס פון הינטער אַ וואָלקן, ליגט און פאַנטאַזירט.

ער שטעלט זיך פאָר, ווי ער גייט אַרויף צום טיש דאָרטן אין קלוב. אַלע זיצן אַף די בענק און קוקן אַף אים, און וואַרטן וואָס ער וועט זאָגן. שטייט ער אַזוי מיט איין האַנט אָנגעשפּאַרט אַן טיש און מיט דער אַנדערער האַנט אין קעשענע, קוקט אַף זיי דורך האַלב פאַרמאַכטע אויגן, מיט אַ שמייכעלע און רעדט. ער קאָן זיך ניט פאַרשטעלן פון וואָס ער וואָלט גערעדט, אָבער די טרוימערישע בילד אַליין האָט אים שוין פאַרשאַפט פאַרגעניגן.

מאָדנע, די לעצטע צייט האָט ער ליב באַקומען צו טראַכטן, און פון וואָס ער זאָל ניט טראַכטן, מוזן אים די געדאַנקען פאַרפירן צו עננאַן. אַ וואוילע מיידל, אַ לעבן אַף איר. אויב עס וועט אַמאָל עפּעס ווערן פון אים, וועט איר קומען דער קרעדיט. אָט גייט ער שווין אַף די קורסן אויך. די סאָנים זיינע ווינשט ער ניט זיי זאָלן פילן אַזוי, ווי ער האָט געפילט די ערשטע עטליכע נעכט אַף די קורסן. זיי האָבן געקוקט אַף אים, נאָר ווי אַף עפּעס אַ מאַלפּע, און באַ יעדן וואָרט באַ זיינעם, פלעגן זיי אויסשיסן מיט אַ געלעכטער. נו, מיילע. ער פילט אָבער, אַז ער פילט זיך אָן מיט עפּעס. אָט ווי אַ ליידיק פאַס אין וועלכן מ'האָט אַריינגעקאַפּעט ווייַן. טראָפּנווייַז, טראָפּנווייַז... אַפילע קיין גלאָז נאָך ניטאָ. אָבער איעדעס מאָל פילט ער, ווי עס קאַפּעט עפּעס אין אים אַריין. און עפּשער, ווער ווייסט? עפּשער וועט ער נאָך אַמאָל אָנגעפילט ווערן? אויב ניט אַ פול פעסל, איז כאָטש האַלב, כאָטש אַ פערטל. זי האָט דאָך אים אַזוי פיל האָפנונג געגעבן.

לעשניק האָט אַ שמייכל געטאָן. דאָס פאַרגלייכן זיך מיט אַ פעסל איז אים געפעלן. האָט ער פּרובירט ווייטער צו טראַכטן פון אַ פעסל און געזען, ווי זי, עננאַ... עננאַלע גייט צו צום פעסל, טוט אַ דריי דעם קראַנט און האַלט אונטן אירע זשמענקעלעך, און אין אירע זשמענקעלעך גיסט זיך ווייַן. ווייַן פון אים, פון לעשניקן, פון דעם פעסל.

לעשניק האָט זיך אַ הויב געטאָן. אַ איבערפלוס פון געפילן האָט אים אַ כאַפּ געטאָן... ווי אַ לייכטן באַלון אַ הויב געטאָן.

אָבער... ווי קומט ער צו איר. ער ווייסט דען ניט, אַז פון אים ביז איר איז אַזאַ מעהאַלעך, ווי פון דער ערד צו דער לעוואָנע, אָבער וואָס קאָן ער זיך העלפן. ער קאָן ניט אויפהערן טראַכטן פון איר. און ניט נאָר טראַכטן. וואָס ער טוט, איז עפּעס אָט פונקט, ווי זי שטייט לעבן אים און זאָגט אים: טו אַזוי און טו אַזוי. איז ער נעכטן אַריינגעקומען קויפן העמדער און שקאַרפּעטקעס, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זי שטייט לעבן אים און זאָגט אים: לעשניק, נעמט אָט אַ דאָס העמד און אָט יענע שקאַרפּעטקעס און אָט דעם שניפּס. גייט ער זיך וואַשן, ווייזט זיך אים אויס, אַז זי קוקט אַף זיינע הענט און שמייכלט אַזוי... פאַרשטייט ער שוין, וואָס זי מיינט.

איז ער נעכטן געגאַנגען צו דעם אַפּטייקער און געקויפט אַ שמירעכץ פאַר די הענט. אַט אַזוי האָט זי זיך אַריינגעריסן פּלוצים אין זיין לעבן, און וואו ער גייט און וואו ער שטייט זעט ער זי. און אָסער צי עס אַרט אים. פאַרקערט, עס דוכט זיך אים, אַז ער ווערט גאָר אַנאַנדער מענטש. אַפילו קאַמסקי און די אַרבעטער אין דער פּעק־טאָרי האָבן עפּעס באַמערקט, און איינער האָט אים אַפילו געפּרעגט צי איז ער ניט אַ כאָסן געוואָרן.

די נאַכט איז געווען אַ ווייכע, אַ ביינקעדיקע. נו, וואָס זאָל ער איצט טאָן. ווי לאַנג וועט ער אַזוי זיצן? ער וואָלט אַהיים געגאַנגען איז אין דער היים קיינער ניטאָ. קאַמסקי איז ערגעץ אַוועקגעגאַנגען. ע! פאַראַן מענטשן אויף דער וועלט, וואָס גייען דורך דאָס לעבן אַט פּונקט ווי ער גייט דורך דעם וועג פון הויז צו דער מוּאַווי. אַז ס׳מאַכט באַ זיי גאָרניט אויס. אַז אומעטום פילן זיי זיך, ווי באַ זיך אין דער היים. אַזוי פריי... אַזוי היימיש. עט! ער וועט זיך שוין אַרומשלעפּן אַזוי, מיסטאָמע, זיין גאַנץ לעבן ניט אַהער און ניט אַהין...

לעשניק האָט זיך אויפגעהויבן, געלאָזט זיך גייען איבער די אַלייען פון פּאַרק. געגאַנגען אַזוי לאַנג ביז ער איז מיד געוואָרן. האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ באַנק.

אַ ווינטל האָט פּלוצים אַ בלאָז געטאָן. דער הימל איז געוואָרן טונקל־שוואַרץ. לעשניק האָט דערזען ווי מענטשן הויבן אָן איילן אַהיים. דער ווינט איז געוואָרן שטאַרקער. שווערע טראָפּנס רעגן האָבן ווי געוואָרנט: אַנטלויפט... אַנטלויפט... אַ שטורם קומט.

לעשניק האָט זיך געלאָזט לויפן. אַרויסגעלאָפן פון פּאַרק און געבליבן שטיין. אַהיים איז צו ווייט, וועט ער צולויפן צו ענגאַס הויז. זי וואוינט ניט ווייט פון דעם פּאַרק. דער רעגן האָט אַ גאָס געטאָן מיט אַ מאָל,ווי יאָגנדיק זיך נאָך אים. און ווען לעשניק איז צו צו ענגאַס הויז, איז ער געווען קימאַט איינגאַנצן נאַס.

ער איז געבליבן שטיין באַ דער טיר. לויפנדיק אַהער האָט ער געוואוסט, אַז ער וועט ניט אַרויפגיין. וואָס פּלוצים וועט ער צו איר אַרויפגיין? און איצט אַ נאַסער וועט ער דאָך אַוודאי ניט גיין.

איז ער געשטאַנען אַזוי באַ דער טיר ביז דער רעגן האָט אויפ־געהערט און ווען ער האָט זיך שוין געלאָזט אַראָפּגיין די טרעפּ, איז אים אַקעגן געקומען ענגאַס מוטער. זי האָט געהאַט פולע הענט מיט

פּעקלעך, האָט ער שוין געעפנט פאַר איר די טיר.

זי האָט אים גלייך דערקאָנט. אַ פּאָר מאָל געזען אים מיט ענגאָן, האָט זי געוואוסט ווער ער איז. זי האָט זיך דערפרייט מיט אים און ארופגערופן אים. זאָל ער זיך אָפּטריקענען אביסל. זי איז איצט אַליין האָט זי געזאָגט, ענגאַלע איז אוועקגעפאָרן קיין נוי־יאָרק. וואָס־זשע, ער ווייסט ניט? זי האָט אים ניט געזאָגט? שור, איז זי אוועק־געפאָרן. צו דער טאַנטע איז זי געפאָרן. יענער גייט דאָס כיעס אויס צו זען ענגאַלען. און ענגאַלע, וואָס ווערט זי דאָ אָנווערן אין שיקאַגע, משטיינס געזאָגט. ארבעט, ארבעט, ארבעט, און וואָס? האָט זי די שוועסטער געבעטן זי זאָל שיקן ענגאַלן. ניו־יאָרק איז דאָך פאָרט ניו־יאָרק. נו, איז זי געפאָרן.

לעשניק איז געזעסן און געהערט, ווי זי רעדט און זיינע גע־דאַנקען זיינען געווען ווייט, ווייט. זי איז אוועקגעפאָרן. נו, פאַרפאַלן. עפּעס אַ געפיל פון באַליידיקונג און פאַרשעמטקייט האָט געגריזעט. ער האָט זיך דאָך געזען ערשט פריער מיט דריי טעג און זי האָט אים גאָרניט געזאָגט. ער איז זיכער, אַז פאַמען האָט זי געזאָגט און קאַמסקין, מיסטאַמע, אויך. און געזעגנט זיך מיט זיי מיסטאַמע... און מיט אים... עט! עס ווייזט אויס, אַז ער איז טאַקע אַ גאָרניט מיט אַ גאָרניט. זי האָט מיסטאַמע פאַרגעסן, אַפּילע, אַז... אַז וואָס? און דער סאַנאָוואָגאַן קאַמסקי האָט אים אויך גאָרניט געזאָגט. פאַר־וואָס? נו, פאַרפאַלן.

— איז ווען קומט זי צוריק? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

— צוריק? זי איז דאָך ערשט אוועקגעפאָרן. זאָל זי זיין דאָרטן.

עמעס, זי בײנקט שוין נאָך איר, אַז דאָס הארץ לאָזט זיך איר אויס. ער ווייסט דאָך. פאָרט אַ מאַמע. אָבער... זאָל זי זיין דאָרטן, ענגאַלע...

לעשניק איז געזעסן נאָך אַ פּאָר מינוטן און האָט זיך אויפגע־הויבן.

— נו, אַ גוטע נאַכט. איך וועל שוין גיין.

— וואָס, איר גייט שוין, מיסטער לעשניק?

יע, איך דאַרף שוין גיין.

ער איז ארויסגעגאַנגען. דער הימל איז נאָך געווען פאַרוואָלקנט און אַ לייכט ווינטל האָט געבלאָזן. ער האָט אָבער ניט געזען דעם

פאַרוואַלקנטן הימל און ניט געפֿילט דאָס פֿרישע ווינטל. עפּעס איז אים איז געווען ווי אָנגעפֿילט מיט טרערן... נו, פֿאַרפֿאַלן...

3.

דער זומער איז שוין פֿאַרגאַנגען. דער הערבסט האָט שוין געהאַלטן באַ זיין לעצטן עטאַפּ. די גאַסן און די פּאַרקן האָבן אויסגעקוקט אַזעלכע טריבע און פֿאַרפֿרוירענע. אַ טרוקענער הערבסט, אָן רעגן, אָן בלאָטעס, אָבער עפּעס האָט, ווי פֿון דער לופֿט אַרוים אַריינגעזונגען אין דער נעשאָמע אַריין מיט טרויעריקע ניגונים. ניגונים, וואָס לעשניק האָט אַמאָל געהערט אין שול אין דער אַלטער היים.

און עפּשער האָט נאָר לעשניק געפֿילט אַזוי.

ער פֿלעגט נאָך אַלץ קומען אין קלוב אַריין. איעדעס מאָל פֿלעגט זיך אים אויסווייזן, אַז אָט וועט ער אַריינקומען און טרעפֿן דאָרט עננאַן.

עננאַ איז אָבער ניט געווען. אַמאָל אָבער פֿלעגט אָנקומען אַ בריוו פֿון איר און אין איין בריוו האָט זי, אַפּילע געלאָזט גריסן דעם כאַווער לעשניק. אין יענעם אָוונט איז לעשניקן געווען גוט. דער טרוים זיינער, דער נעבלדיקער טרוים וועלכן ער האָט געפֿילט, ווי אַן אינערלעכע שיין... דער טרוים האָט אים ווידער אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד, וואָס האָט אַזוי געצויגן אַראָפּ... אַראָפּ צו דער וואָכעדיקייט. ניט איינמאָל פֿלעגט ער ליגן אָפֿן בעט און טראַכטן. נו, צו וואָס גייט ער איצט אין קלוב. צו וואָס גייט ער איצט אָף די קורסן?

עס פֿלעגט זיך אים אויסווייזן, אַז איצט מעג ער שוין ווידער ווערן דער זעלבער לעשניק, ווי ער איז פֿריער געווען. דער לעשניק, וואָס האָט ניט אָנגעשטריינגט זיין מויעך און קויכעס צו ווערן עפּעס אַנאַנדערער. וואָס פֿאַר אַ מין אַנדערער האָט ער אַליין ניט געוואוסט. ער האָט אָבער יאָ געוואוסט, אַז עפּעס אַן אַנדערער קאָן מען ווערן. אָט עפּעס אַזאַ מענטש, וואָס האָט זייער ריינע הענט, וואָס גייט ריין אָנגעטאָן, באַ וועמען דאָס פּאָנים איז גלאַט ראַזירט און דער קאָפּ פֿאַרקעמט. אָט עפּעס אַזאַ מין מאַן, וואָס אַז ער גייט אַריין אין דעם טראַמוואַי זיצט ער ניט און שלאָפֿט, נאָר ער לייענט אַ צייטונג, און

ניט נאָר אַ אידישע, נאָר אַפילע אַן ענגלישע אויך. אַ מאַן, וואָס ווייסט, וואָס ס'טוט זיך אין דער פּאָליטיק, אין דער לינקער און אין דער רעכטער באַוועגונג. ער ווייסט, אַז אזעלכער, ווי פּאַם וועט ער קיינמאָל ניט ווערן, און אַפילע ניט אזעלכער ווי קאַמסקי, אָבער ער פילט דאָך פּאַרט, ווי ער ווערט עפּעס אַנאַנדערער. ער זעט דאָך פּאַרט, ווי מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו קוקן אַף אים מיט אַנדערע אויגן. מ'לאַכט ניט פון אים, מ'רעדט צו אים און מ'טיילט זיך מיט מיי־נונגען, ווי מיט אַ גלייכן. ער פילט דאָך פּאַרט, אַז איעדעס מאָל ווערט ער באַרייכערט. און עס ציט אים... עס ציט אים איצט יעדן טאָג צו וויסן אַלץ מער און מער. עפּשער דערפאַר, ווייל עס ווילט זיך אים, אַז ווען עננאַ וועט צוריק קומען, זאָל זי טרעפן יענעם נייעם לעשניקן, וועלכן ער שטעלט זיך פאָר אין דער פאַנטאַזיע. זי וועט דאָך אמאָל צוריקקומען.

איינמאָל אַף אַ פּאַרטראַג פון אַ לעקטאָר, וועלכער האָט אויס־געוויזן צו זיין אַ פּאַשעטער אַרבעטער, האָט לעשניק געוואָגט אַפילע, אויפצוהייבן זיך און שטעלן אַ פראַגע. איינגנטלעך, האָט ער אַליין ניט געוואוסט, וואָס ער וויל פרעגן, נאָר אַ באַמערקונג פון איינעם לעבן אים האָט ווי אַ בליץ געטאָן אין זיין מויאך און האָט אים, ווי מיט פרעמדע הענט אַ הויב געטאָן. און דערנאָך האָט אים קאַמסקי געקלאַפּט אין דער פּלייצע: אי, דער לעשניק! ער וועט זיך נאָך אמאָל אויסמענטשלען לעשניק, אירט זען.

פון יענעם אָוונט אָן האָט ער זיך אָנגעהויבן צוצוהערן צו די לעקציעס מיט מער אויפמערקזאַמקייט. עס פלעגט זיך אים ווילן אויפכאַפּן בא די רעדנער עפּעס, וואָס זאָל אים געבן אַ געלעגנהייט צו שטעלן פראַגן. איבערהויפּט פלעגט ער זוכן די געלעגנהייט ווען פּאַם פלעגט רעדן. עך! ווען ער קאָן אים שטעלן אמאָל אַזאַ פראַגע, אויף וועלכער פּאַם זאָל ניט קאָנען ענטפערן. פּאַם! פּאַם האָט אָבער אַלץ געוואוסט.

און אין פעקטאָרי, ווען ער פלעגט זיך אַנידערזעצן אָפּעסן זיינע סענדוויטשעס, פלעגט ער אַרויסנעמען די צייטונג „דער קאַמף", צע־שפּרייטן זי, אַז אַלע זאָלן זען, איבערלייענען אַ קעפּל פון אַן אַרטיקל און דערנאָך אַ זאָג טאָן אַזוי... גלייך, ווי אין דער וועלט אַריין: די סאָציאַליסטן שפּייען שוין ווידער מיט דער גרינער גאַל. דאַ

אין דער פעקטאָרי האָט ער אָנגעהויבן לערנען זיך ריידן מייסע אָגי־טאַטאָר. דאָ אין דער פעקטאָרי האָט דער באַגער ארויסצואווייזן זיין אָנגעזאַמעלטן וויסן, דער אומבאַוואוסטזיניקער דראַנג צו ווערן יענער נייער לעשניק, געטריבן אים צו ווידערהאָלן דאָס געהערטע. פלעגט ער זיך אָפּט פאַרפּלאָנטערן אין מיש מאַש פון פאַרקריפּעלטע אידייען און פראַגן און פונם קאָנגלאָמעראַט פון שווערע ווערטער האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווערט געבויט דער באָדן פון זיין וויסן, פון זיין זעלבסט צופרידנקייט און זעלבסטרעספּעקט.

---

אַזוי איז אויך אוועק דער ווינטער. און ווען דער פרילינג איז געקומען, האָט ער מיט זיך געבראַכט אַ ריי נעשעעניש און ענדערונגען, וועלכע האָבן מיט אַמאָל געעפנט אַ נײַ קאַפּיטל אין לעשניקס לעבן.

קאַמסקי האָט פּלוצים כאַסענע געהאַט. פאַר לעשניקן איז דאָס געווען אַזוי אונערוואַרטעט, אַז ווען ער האָט עס דערהערט, איז ער געבליבן ווי אַ געפּלעפּטער. דוכט זיך, אַזאַ געוויינלעכע זאַך, דאָך איז אים קיינמאָל ניט געקומען אַף דעם געדאַנק, אַז דער אייביק שמייכלענדיקער קאַמסקי וועט אַמאָל הייראַטן.

— נו' פאַרפאַלן, — האָט לעשניק געטראַכט און געפילט גלייך, ווי ער האָט עפּעס פאַרלוירן, גלייך ווי עמיצער האָט אים אָפּגענאַרט. פאַרפאַלן!

איז לעשניק געבליבן אַליין. קאַמסקי האָט אים אַפילע פאַר־געשלאָגן, אַז ער זאָל נעמען באַ אים אַ צימער, האָט לעשניק ניט געוואָלט. ערשטנס האָט זיך קאַמסקי פאַרקליבן צו ווייט, און צווייטנס... עפּעס איז אים ניט געפעלן קאַמסקים פרוי. עפּעס אַ גאַנצע ריסטאָקראַטקע איז זי, עפּעס...

פלעגט ער שוין אָפּזיצן גאַנצע פאַרנאַכטן אַליין. לייענען, אָדער גיין אין אַ מואַווי, אָדער ארויפגיין אַמאָל צו עננאַס מוטער און אָפּזיצן דאָרט שטונדן לאַנג און הערן, וואָס די אַלטע דערציילט. עס פאַר־שטייט זיך, אַז דער געשפּרעך האָט זיך די גאַנצע צייט געדרייט אַרום עננאַן.

פאַרוואָס שרייבט ער ניט אַמאָל אַ בריוול צו איר, — פלעגט עננאַס מוטער אָפּט פרעגן. עננאַלע, יאָרן אַף איר, וואָלט זיך

מכאיע געווען. פע! ער מעג זיך שעמען! וואָס וויל ער, אז זי זאָל אים די ערשטע שרייבן?

פלעגט לעשניק אהיים קומען און פלעגט זיך זעצן שרייבן א בריוו. און זיצן אזוי לאַנג און טראַכטן ווי אזוי און פון וואָס אָנצו־הויבן, ביז עס פלעגט אים אָנכאַפּן אזא פאַרדראָס אַף זיך, אז ער איז גרייט געווען צו צושמעטערן און צוברעכן אַלץ ארום זיך. און דער בריוו איז ניט אָנגעשריבן געוואָרן.

איינמאָל אין א פאַרנאַכט, ווען ער איז אריינגעקומען אין קלוב, האָט ער דערזען, ווי פּאַם דריקט אַלעמען די הענט.

— א, כאַוווער לעשניק — איז פּאַם אויך אים אקעגן געגאַנגען

— גוט, וואָס איר זיינט געקומען. איר ווייסט, איך פאָר קיין ניו־יאָרק.

לעשניק האָט זיך אַף א ווייַלע ווי דערפרייט מיט דעם, אָבער גלייך האָט אים אָנגעהויבן צו גריזען באַם הארצן און אין מויאַך. וואָס פלוצים פאָרט ער קיין ניו־יאָרק? עננאַ... עפשער פאָרט ער צוליב איר. עפשער האָט זי אים געשריבן, אז ער זאָל קומען. נו, פאַרפאַלן!

ער אַליין, ווייזט אויס, וועט שוין פאַרבלייבן א לעמעשקע זיין גאַנצן לעבן. אָט פּאַם פאָרט קיין ניו־יאָרק... און דאָרט... עך! ער פאָרט! וואָס פאָרט ער?

אין יענעם אָוונט איז לעשניק אהיים געקומען א צערודערטער. ער האָט געוואוסט, אז ער קאָן צו קיינעם קיין טיינעס ניט האָבן און וואָס פאר א טיינעס וואָלט ער געקאָנט האָבן? ! דאָך איז ער געווען בייז אַף דער גאַנצער וועלט.

דאָס געשטאַלט פון עננאַן, וואָס האָט אימער געשיינט אין זיין פאַנטאַזיע, איז אויך ווי פאַרטונקלט, פאַרנעבלט געוואָרן. עט!

די ליכטיקע פרילינג טעג און די בלויע נעכט האָבן אָבער, ווי דורך א קישעף פאַרטריבן דעם נעבל פון אייפערזוכט און אומ־צופרידענקייט. זיינע ליכטיקע טרוימען האָבן געזיגט איבער דעם טונקעלן נעבל. די אמביציע „אויסצומענטשלען" זיך האָט אים גע־שלעפּט פאָרויס. ער האָט זיך דערמאָנט אָן א פראַזע, וואָס קאַמסקי פלעגט ליב האָבן פאַרצוברייגגען: כאַווער, וואָס טיפער איר נידערט אין יאַם פון וויסן, אַלץ לייכטער קומט איר ארויף צום ברעג פון לעבן... אָנגעלאָדן מיט פּערל... פולע זשמעניעס מיט פּערל...

יע, יע... ער וועט זיך נאָך אויסמענטשלען. ער וועט נאָך אמאָל פאָרן קיין ניויאָרק אויך. וואָס איז?! פארוואָס קען ער ניט? וואָס־זשע ער מוז שוין טאַקע שטאַרבן דאָ אין שיקאַגע? טאַקע א גרויסע שטאָט, אָבער וואָס האָט ער פון דער גרויסער שטאָט כוץ דער פעקטאָרי, מיט די פאָר גאסן מיט דעם פארק? גאָרניט. גאָרניט.

4.

וואָס איז דאָס? !

לעשניק האָט זיך פארוואונדערט און אין דערזעלבער צייט דער־פרייט.

ער האָט דערזען, אז די ארבעטער פון דער פעקטאָרי שטייען אַלע אינדרויסן, האָט ער פארשטאַנען אז עפּעס האָט געמוזט גע־שען.

א אומבאַוואוסטזיניקע פרייד פון א באפרייטן האָט ווי פונאַנדער־געפּנט זיין הארץ. ער האָט שוין לאַנג געלעכצט נאָך עפּעס, וואָס זאָל מיטאמאָל איבעררייסן די וואָכענדיקייט פון זיין לעבן. די פעקטאָרי... יעדן טאָג די פעקטאָרי. פון דער פעקטאָרי אהיים און פון דער היים צו דער פעקטאָרי. די זעלבע גרויע, שמוציקע ווענט יאָר איין יאָר אויס. דער זעלבער באָס, דער זעלבער פאָרמאַן, דער זעלבער קאָנוועערט מיט געלט יעדן שאַבעס. עך, סאיז שוין נימעס, נימעס...

און דערפאַר האָט די פרייד א זינג געטאָן אין הארצן. עפּשער, עפּשער האָט מען זיי אָפּגעלייגט... און אים אויך...

יאָ. די פעקטאָרי האָט מען פארמאַכט. אַף אַן אומבאַשטימטער צייט. די ארבעטער זיינען געשטאַנען בייזע. ווידער אמאָל געלייענט די מעלדונג אַף דער טיר, געשפּיגן און געוואָרט אַף עפּעס, צו אַף עמיצן צו דערקלערן זיי... פארוואָס, פארוואָס האָט מען די פעקטאָרי פארמאַכט? ! און אַף ווי לאַנג? און פארוואָס האָט מען זיי פריער ניט געזאָגט? ! פארוואָס האָט מען זיי געלאָזט אָט אזוי אָן ארבעט, ארויסגעשטויסענע... גאַנצע טעג און וואָכן האָט די פאַליטור און פארב געפרעסן זייערע לונגען, און איצט...

די ארבעטער האָבן געשאָלטן. בא לעשניקן אָבער, איז דער

פּראָטעסט געלענן, ווי א פּאַרשיקערטער. וואָלט ער דען געוואָגט אמאָל אליין ארויסצורייסן זיך פון דער פעקטאָרי? ער ווייסט, אז ער וואָלט ניט געוואָגט, ווייל עס ליגן אים נאָך גוט אין טאָם די ערשטע יאָרן, ווען ער איז געקומען קיין אמעריקע. ער געדענקט אין דער היים איז באַ אים געווען א פּאַרגעניגן צו ארבעטן אין דער יאַטקע... אָבער דאָ... ער געדענקט ווי זיין פּאַרשטאָרבענער קאָרעוו, וואָס האָט אים אַראָפּגעבראַכט אהער, האָט געפונען פאַר אים ארבעט אין א בוטשער שאָפּ, האָט לעשניק ניט אויסגעהאַלטן קיין צוויי וואָכן. דער בוטשער פלעגט אים באַהאַנדלען ווי א הונט. און די ווייבער... אי, די ווייבער! ער געדיינקט זיי נאָך גוט, ווי זיי פלעגן מאַכן כויזעק פון אים און לאַכן, ווען דער בוטשער פלעגט אים רופן מיסטער לאָשיק אנשטאָט לעשניק. נו, איז ער אוועק פון דער אמעריקאַנער יאַטקע, וואו ער האָט גאָר באַדאַרפט וואַשן פענצטער און פּאַרקויפן פיש.

א, ער געדענקט גוט, ווי ער האָט זיך געפּלאָגט, ביז ער איז אָנגעקומען אין דער פעקטאָרי. יאָר איין, יאָר אויס, פלעגט ער קומען צו דער ארבעט, מוירע האָבנדיק צו פאַרפעלן א טאָג, א שטונדע אפילע, מוירע האָבנדיק צו זוכן עפּעס אנדערע ארבעט, וואָס וואָלט אים עפּשער ארויסגעפירט אַף א וועג און געמאַכט פאַר א לייט.

איצט אָבער... איצט איז ער פריי. וואָס דאַרף ער זאָרגן? קיין ווייב און קיין קינדער האָט ער ניט. נו, וועט ער שוין עפּעס טאָן. גענוג געשקלאָפּט באַ זיי, באַ די פּאַראַזיטן, א כאָליערע אין זייערע ביינער!

ווען לעשניק איז אהיים געקומען, האָט ער געפילט מאָדנע. עפּעס איז ער ניט געוואוינט געווען צו זיין פריי אין א פּאָשעטן וואָכעדיקן טאָג.

ער האָט גענומען לייענען די צייטונג, איז אים גאַרניט געקראָכן אין קאָפּ אריין. נו, וואָס דאַרף ער איצט טאָן? ער וועט דאָך ניט לויפן אָט שוין און זוכן ארבעט. וואָס ארט אים אז ער וועט ארומ־גיין א וואָך און אפילע צוויי אָן ארבעט? וואָס איז, ער וועט גיין געבראָכן? און טראַכטנדיק אזוי איז ער צוגעגאַנגען צו זיין טשע־מאָדאַן, וואָס ער האָט נאָך געהאַט פון דער היים, און אָנגעהייבן איבערלייגן די זאַכן.

אָט ליגן א פּאָר בריוו פון דעם אַלטן טאַטן. אי, ער וואָלט

אים געוואַלט זען, דעם אַלטן טאַטן, א געזונט אין זיינע ביינער. אי, ווען ער קומט אַהערצו קיין אַמעריקע. דאָס ערשטע וואָלט ער אים געפירט צו די סטאָק יאַרדס, וואוהין מען האָט אים אַליין גע־פירט, ווען ער איז געקומען אַהערצו. זאָל ער זען, דער אַלטער, וויפיל מע קוילעט דאָ בעהיימעס און ווי אַזוי מע קוילעט זיי. ער שטעלט זיך פאָר, ווי דער אַלטער וואָלט געעפנט מויל און אוירן, אַנקוקנדיק דאָס אַמעריקע... אי, אי, אי!

לעשניק האָט א שמייכל געטאָן און פאַרבונדן די בריוו מיט א שטריקל. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען דאָס באַנק־ביכל און כאָטש ער האָט גוט געוואוסט, אַז ער האָט אָפּגעשפּאָרט הונדערט און דרייסיק דאָלער, האָט ער דאָך געעפנט דאָס ביכל און א קוק געטאָן אויף דער פאַרשריבענער סומע. דערנאָך האָט ער א זיפץ געטאָן. ניין יאָר אין אַמעריקע און דאָס איז אַלץ וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט... פּאַראַזיטן!

ער איז געזעסן אַזוי א פּאָר מינוטן. דערנאָך פאַרשלאָסן דעם טשעמאָדאַן. אַרונטערגערוקט אים אונטערן בעט און צוגעגאַנגען צום פענצטער.

ער האָט אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס. די גאַס איז געווען עפּעס אַזאַ שטילע. אָט האָבן זיך באַם פענצטער באַגעגנט צוויי פרויען. געבליבן שטיין און רעדן. האָט ער זיך צוגעהערט. וואָס נאָך האָט ער צו טאָן? רעדן זיי די ווייבער: איינע דערציילט, אַז איר טאָכ־טערס „באָי" האָט געקויפט א מאַשין, וואָס אפילו דער פּרעזידענט וואָלט געמעגט אין אים פאָרן. פאָרט זי, הייסט עס, אַרום די טאָכ־טער מיט דעם באָי אויף וואַקיישאָן אין דער קאַנטרי. זי אַליין וואָלט אויך געפאָרן. ווער פאָרט היינט ניט? און פאַרוואָס זאָל זי ניט פאָרן? זי אַרבעט שווער און ביטער, וואָלט זי אויך געמעגט אַרויספאָרן אַמאָל אין קאַנטרי, נאָר וואָדען...

לעשניק האָט געהערט ווי די פרויען רעדן פון דער „קאַנטרי", האָט ער זיך פאַרטראַכט. ניט געזעענע בילדער האָבן א שוועב געטאָן פאַר זיינע אויגן. די „קאַנטרי", דאָס פרייע אַמעריקאַנער דאָרף, וואָס קוקט מיסטאָמע אויס ווי א שיינע שטאָט... וויפיל ער האָט זיך שוין אָנגעהערט פון דעם, ווי די באָכרים און מיידלעך פאַרברענגען דאָרטן, ווי זיי באָדן זיך, ווי זיי שווימען, ווי זיי שפּילן אין קאָרטן,

פאָרן אַרויס אין אויטאָמאָבילן און לעבן אַ טאָג. עט! וואָלט ער דען ניט געקאָנט איצט פאָרן און פאַרברייינגען אַ פּאָר וואָכן? עמעס, ס'דאַרף קאָסטן אַ פופציק דאָלער, און פופציק דאָלער... אי, אי! ער ווייסט אָבער, אַז ער וואָלט סיי ווי ניט געפאָרן. ווי אַזוי וואָלט ער זיך עפּעס געפילט דאָרטן! וואָס, ווען! איינער אַליין... וואָס וועט ער דאָרטן טאָן אין האָטעל איינער אַליין? אַז אַפילע דאָ אין שטאָט, איז ער נאָך קיינמאָל ניט געגאַנגען זיך באָדן און קיינמאָל קיין באָד־קאָסטיום ניט אָנגעטאָן. עפּעס שעמט ער זיך... עפּעס קוקט עס אים אויס אַזוי קינדיש. עט! פאַרפאַלן... ער וועט שוין ניט זיין אַזאַ סאָרט מענטש ווי די אַמעריקאַנער, דאָך... ווען עננאַ איז דאָ...

---

זיצנדיק אין אַ פאַרנאַכט אין רעסטאָראַן, האָט ער דערהערט, ווי באַם צווייטן טישל לעבן אים האָבן צוויי יונגעליט גערעדט פון ניו־יאָרק. ניו־יאָרק! ניו־יאָרק איז דאָך געווען זיין טרוים. אָט פונקט ווי אַמעריקע איז אַמאָל געווען זיין טרוים אין דער אַלטער היים, אָט אַזוי איז ניו־יאָרק געוואָרן זיין טרוים דאָ אין דער ריזיקער שטאָט, וואו ער האָט פאַרבראַכט גאַנצע ניין יאָר.

מיט נייגעריקייט האָט ער זיך צוגעהערט, וואָס זיי רײדן. און הערנדיק זיי, האָט עפּעס אָנגעהויבן וואַרימען זיין האַרץ. עפּעס אַזוי וואַרים, גוט. אָט איצט... איצט איז זיין „טשענס". איצט מיט אָט די צוויי באָכרים וועט ער וואָגן. זיי פאָרן דאָך די וואָך. און זיי זיינען שוין דאָרט היימישע מענטשן. מיט זיי וועט ער ניט פאַרפאַלן ווערן. ער וועט קאָנען פאַרפאָרן אין דעם זעלבן האָטעל ווי זיי.. .און דערנאָך... דערנאָך וועט ער שוין זען. ער איז דאָך נישט קיין קינד, צו אַלדע שווארצע יאָר!

האָט ער זיך אָנגענומען מיט האַרץ און צוגעבויגן זיך צום טישל, וואו די צוויי יונגעליט זיינען געזעסן.

— עקסקיוז מי... איר פאָרט קיין ניו־יאָרק?

— יע... — האָט איינער געענטפערט.

— ווען פאָרט איר, פּליז?...

— וואָס אינטערעסירט אייך אַזוי?

האָט ער ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. טאַקע, וואָס דאַרפֿן זיי אים דערציילן ווען זיי פֿאָרן?

— פֿאַרשטייט איר מיך... — האָט ער געענטפֿערט, — איך וואָלט אויך געוואָלט פֿאָרן. נו, איז ווייסט איר דאָך „אין קאָמפּאַני" איז בעסער. ס'איז היימלעכער.

— שפּילט איר אַ פּינאַקל? — האָט אים דער צווייטער מיט אַ שמייכל געפֿרעגט.

— ניין... — האָט לעשניק געענטפֿערט און באַדויערט אין האַרצן. אַך, ווי ס'וואָלט אים איצט צונוץ געקומען, ווען ער קאָן שפּילן.

— עט! צו וואָס זשע טויגט איר! — האָט יענער אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— איך שפּיל אַביסל פּאָקער, — האָט לעשניק ווי אַ פֿאַרשולדיקטער געענטפֿערט.

— אַ, איר שפּילט יאָ פּאָקער? דעט'ס גוט!

לעשניק האָט זיך צוגערוקט נעענטער און אויסגעפֿונען, אַז אין אַ פּאָר טעג שפּעטער פֿאָרן זיי אַרויס. אויב ער וויל קאָן ער פֿאָרן צוזאַמען מיט זיי. פֿאַרוואָס טאַקע ניט? ס'וועט זיין היימלעכער, איבערהויפּט ווען זיי זיינען שוין ניט קיין גרינע אין ניו־יאָרק. ער וועט זען, זיי וועלן נאָך געפֿינען פֿאַר אים אַ דזשאָב אויך... אַל־בעטשע, זיי וועלן. זיי וועלן אים נאָך אַרויספֿירן צו זייערן אַ פֿריינט אין שאָפּ און מאַכן אים פֿאַר אַ פּרעסער. דזשאַסט וואַטש ענד סי!

לעשניקס האַרץ האָט זיך אָנגעצונדן מיט פֿייערן פֿון פֿרייד. ער איז אַרוים פֿון דעם רעסטאָראַן און געפֿילט ווי צו לויפֿן. „באָיטשיק" ביזט אַלרייט — האָט ער אַ טראַכט געטאָן וועגן זיך און דערמאָנט זיך אָן די ווערטער פֿון דעם יונגנמאַן: דזשאַסט וואַטש ענד סי! יו בעט, מיר וועלן זען!

ער איז אַרויפֿגעלאָפֿן צו עננאַס מוטער אַ שיינענדיקער. אַ צופֿרידענער האָט ער איר דערציילט פֿון זיינע פּלענער און זי האָט אים דערציילט פֿון עננאַן. דערציילט, אַז עננאַלע סטרייקט נעבעך איצט. נאָר עפּעס אַן אומגליק דאָרט אין ניו־יאָרק. נאָר מ'האַלט אין איין סטרייקן. מ'סטרייקט און מ'סטרייקט. דאָ אין שיקאַגע הערט מען גאָרניט פֿון אַזעלכע זאַכן. אָט, ס'ווייזט אויס, אַז שיקאַגע איז

פֿאַרט אַ בעסערע שטאָט ווי ניו־יאָרק. שוין אַ יאָר, אַז זי איז שוין דאָרט, עננאַלע... נו, און וואָס? וואָס האָט זי דאָרט אויסגע־סטרייקט?

לעשניק האָט זי געטרייסט. זי מעג זיך פֿאַרלאָזן אַף עננאַן. עננאַ... עננאַ איז שוין איינמאָל אַ מיידל!

האָבן דער מוטערס אויגן געשיינט פֿאַר פֿרייד און זי האָט ווידער אַמאָל אָנגעהויבן צו רעדן פֿון עננאַן.

ענדלעך האָט זיך לעשניק אויפֿגעהויבן, גענומען עננאַס אַדרעס, גוט באַהאַלטן אים אין זיין וועסט קעשענע, געזעגנט זיך און איז אַהיים געגאַנגען שלאָפֿן. געכאַלעמט עפּעס אַזאַ גוטן כאַלעם. און אינדערפֿרי איז ער שוין אַרומגעגאַנגען איבער די קראָמען און איינ־געקויפֿט העמדער און קראַוואַטן. געקויפֿט זיך אַ נייעם אַנצוג, אַ הוט, און געמאַכט זיך פֿאַרטיק אין וועג אַריין.

.5

ווען לעשניק איז אַראָפּגעגאַנגען פֿון דעם באַן אין ניו־יאָרק, האָט ער גוט אַכטונג געגעבן, אַז ער זאָל ניט פֿאַרלירן זיינע צוויי קאָמפּאַניאָנען, מיסטער בראַדי און מיסטער בערג. ער האָט טאַקע פֿאַרלוירן צו זיי אין פּאָקער פֿינף דאָלאַר און זיי האָבן אַפּילע כוויזעק געמאַכט פֿון אים אַביסל, אָבער אָן זיי, האָט ער געוואוסט, וואָלט ער זיך ניט געקאָנט אַ ריר טאָן. איז ער מיט זיי פֿאַרפֿאָרן אין זייער האָטעל.

ס׳איז שוין געווען שפּעט באַנאַכט, האָט ער זיך גלייך געלייגט שלאָפֿן. און אינדערפֿרי, ווען ער איז אויפֿגעשטאַנען, האָט ער זיך פֿאַרפּוצט אין זיין נייעם אַנצוג און אין נייעם הוט און איז אַרויס־געגאַנגען מיט מיסטער בראַדי אָנקוקן ניו־יאָרק.

לעשניק האָט געפֿילט, ווי אָן אַנטוישונג קריכט אַזוי לאַנגזאַם אין האַרץ אַריין, און זיין גאַנצער פּאַכעד, זיין גאַנצער דערעכערעץ און אָפּשיי פֿאַר ניו־יאָרק איז פּלוצים אַנטרונען געוואָרן. איז דאָס ניו־יאָרק? — האָט ער זיך געטראַכט. ניו־יאָרק...

ער איז געפֿאָרן מיט מיסטער בראַדי אין סאָבוויי, פֿון וועלכן ער האָט אַזויפֿיל געהערט. נו, פֿאַרט מען אונטער דער ערד... נו,

פֿאַרט מען אונטערן וואַסער... נו, זעט ער אַ סאַך מענטשן... אָבער ס'איז ניט אַזוי אײ־אײ־אײ, ווי מ'מאַכט דערפֿון.

מיסטער בראַדי איז געווען אַ וואוילער מענטש. ער האָט „פּלענטי" צייט, האָט ער געזאָגט. ס'איז אָלרייט. ער וועט מיט אים צוגיין צום מיידלס הויז. ווער איז זי, די מיידל, אַ קאַלע? ניין? נו, וואָס איז דער אונטערשייד...

ער האָט אים צוגעפֿירט צום הויז און איז אַוועקגעגאַנגען.

עננאַס טאַנטע, מיסעס קאַץ, האָט באַגעגנט לעשניקן קאַלט און אָנגעצויגן. ס'האָט אַפֿילו גענומען אַ לייִנגערע צייט ביז זי האָט גע־וואָלט עפֿענען די טיר און אַריינלאָזן אים אין הויז אַריין. זי איז געשטאַנען באַ דער טיר, געענטפֿערט אַף לעשניקס פֿראַגן אָפּגע־האַקט און בייז.

— עננאַ? ניטאָ. זי ווייסט ניט וואו זי איז. אַף דער פּיקעט לייַן, מיסטאַמע. מיסטער לעשניק? ווער איז ער, מיסטער לעשניק? וואָס, אַ גערוס פֿון דער שוועסטער?! אי, פֿאַרוואָס האָט ער גלייך ניט געזאָגט?!

און ווען מיסעס קאַץ האָט אים אַריינגערופֿן אין הויז אַריין, האָט לעשניק, אָנשטאָט אויסצוגעפֿינען עפּעס וועגן עננאַן, געדאַרפֿט גאָר אָפּגעבן אַ פֿולן באַריכט, וואָס עס טוט זיך אין שיקאַגע, און צי ס'איז טאַקע עמעס, וואָס מ'זאָגט, אַז ס'איז דאָרט סאַקאַנעס נעפּאַ־שעס... אַז מ'שיסט דאָרטן מאַמעש מענטשן אַף די גאַסן. און וואָס מאַכט די שוועסטער? אַרבעט נאָך אַלץ? אײ־אײ־אײ! און זאָל מיסטער לעשניק ניט האָבן קיין פֿאַריבל אַף איר, וואָס זי האָט אים גלייך ניט אַריינגערופֿן. ער ווייסט דאָך, ס'איז ניו־יאָרק. נו, עננאַלע סטרייקט. האָט זי געמיינט עפּשער איז ער גאָר אַ גאַרילע, זאָל ער מויכל זיין. אַז פֿאַרברענט זאָלן זיי ווערן, די גאַרילאַס. הערט, רייסן זיך אַריין צוויי גאַרילעס נעכטן צו אַ סטרייקער אין הויז און מ'האָט אים נעבעך צעקיילט און צעביילט. און פֿאַרוואָס, פֿאַרוועןן? אמעריטשקע מיט גאַרילעס...

האָט זיך לעשניק געוואונדערט ,ווער עס זיינען די גאַרילעס פֿון וועלכע זי רעדט, ער האָט אָבער ניט געפֿרעגט. ער איז דאָך איצט אין ניו־יאָרק, וועט ער שוין אויסגעפֿינען.

לעשניק האָט צוגעזאָגט צו קומען פֿאַרנאַכט, ווען עננאַ וועט

זיין אינדערהיים. דערווייל דאַרף ער גיין.

ער איז אַוועקגעגאַנגען, אָפּגעגעסן אין אַ רעסטאָראַן און צוריק־געקערט זיך אין האָטעל אַריין.

אַרום זעקס אַזייגער פאַרנאַכט האָט ער זיך געלאָזט גיין צו עננאַן. ער האָט געפילט פּונקט ווי אין יענעם אָוונט, ווען ער איז צום ערשטן מאָל געגאַנגען צו איר.

דאָך האָט ער געפילט עפּעס אַ שטיקל באַדן אונטער זיך. איז ער דען ניט אַנאַנדערער איצט? איז ער דען דער זעלבער לעשניק, ווי ער איז געווען פריער מיט אַ יאָר? ניין. ער ווייסט, אַז איצט איז ער אַביסל אַנאַנדערער. זיין אויסזען אַליין איז דאָך אויך אַביסל אַנדערש. ער איז שיין און ריין געקליידט. ער קוקט אויס אַפילו רייך. באַ אים אין שטעטל וואָלט מען אים זיכער אָנגענומען פאַר אַ פּאַריץ. זיין פּאָנים איז ריין ראַזירט. אַ שטאַרק פּאָנים פון אַ מאַן. אָט ווען ער קאָן נאָך אין זיינע אויגן אויסקאָווען דעם שטאָלענעם בליק, וועלכן ער האָט אַזוי אָפּט געזען באַ דעם באָס פון דער פּעקטאָ־רי... דעמאָלט, דעמאָלט וואָלט ער שוין אויסגעקוקט, ווי אַן עמע־סער...

דער ניו־יאָרקער פאַרנאַכט האָט זיך שוין אויסגעפּוצט מיט פּיי־ערדיקע שילדן, ווען לעשניק האָט אָנגעקלונגען באַ דער טיר פון מיסעס קאַץ.

ער האָט דערהערט עננאַס שטימע:

— העללאָ!

— העללאָ... — אין האַלדז איז באַ אים מיטאַמאָל פאַרטריקנט געוואָרן, און ער האָט זיך אַליין געוואונדערט, צי עננאַ האָט געהערט זיין „העללאָ”. שפּרינגענדיק איבער צוויי טרעפּ מיטאַמאָל, איז ער אַרויף און געבליבן שטיין.

באַ דער שיין פון דער אָפענער טיר האָט ער דערזען עננאַן.

— העללאָ, מיסטער לעשניק! — האָט זי זיך דערפרייט מיט אים און געשלעפּט אים באַ דער האַנט אין שטוב אַריין.

— העללאָ... — האָט ער זיך פאַרנייגט און אויף אַ ווײַלע פאַר־לוירן זיך.

דאָס וואָרט „מיסטער”, מיט וועלכן זי האָט אים פּלוצים אָנגע־רופן, האָט אים ניט אָפּגעלאָזט און געקראָכן אין קאָפּ אַריין. וואָס

עפּעם פּלוצים „מיסטער"? פאַרוואָס האָט זי אים ניט געזאָגט „כאַ־וועה" לעשניק, ווי זי פלעגט אים אַמאָל רופן? וואָס־זשע, ער איז ווייזט אוים איינגאַנצן פרעמד געוואָרן, אָדער...

— אַך, אַך, כאַווער לעשניק, — האָט אים עננאַ אָפּגערוקט אַביסל פון זיך און גענומען אים באַטראַכטן. קוק נאָר אָן וואָס פאַר אַ פראַנט איר זיינט געוואָרן. עס גלייבט זיך גאַרניט, אַז דאָס זיינט איר, כאַווער לעשניק.

לעשניקס אויגן זיינען געוואָרן וואַרימער. עננאַ, זי איז דאָך די זעלבע טייערע עננאַלע, נאָר אַביסל איידעלער געוואָרן... שווערער אָפּאָנים צו מאַכן אַ לעבן דאָ אין ניו־יאָרק.

— נו, נו, דערציילט! — האָט זיך עננאַ אַנידערגעזעצט לעבן אים. — נו, וואָס הערט זיך דאָרט אין שיקאַגע? וואָס מאַכט קאָמ־סקי? כאַסענע געהאַט, אַ? עפּעס אַ וואַוילע מיידל?

לעשניק האָט דערציילט און געפּילט זיך אַזוי היימיש, אַזוי גוט, און אַליין אָנגעקוואָלן פון זיך, ווי אַזוי ער זיצט און האַלט זיך אַזוי פריי. טרינקט טיי, ווי אַן עמעסער דזשענטלמאַן, רויכערט און בלאָזט אַוועק דעם רויך מיט דער האַנט...

און עננאַ האָט זיך אַלץ ניט געקאָנט אָפּוואונדערן וואָס פאַר אַן ענדערונגג ס'איז פאָרגעקומען אין אים.

— כאַווער לעשניק, זאָגט מיר דעם עמעס, האָט איר עפּעס אַ מיידל דאָרט? אַ? שעמט זיך ניט. נאָר אַ מיידל האָט אייך גע־קאָנט מאַכן פאַר אַזאַ פראַנט. צי עפּשער זיינט איר גאָר רייך גע־וואָרן? אַ בורזשוי, אַ?

און לעשניק האָט געלאַכט אַזאַ גליקלעכער און צופרידענער. הייסט עס, ער איז טאַקע געוואָרן אַן אַנדערער, לעשניק?! איז טאַקע דאָס יאָר און אַ האַלב ניט אַוועק אומזיסט?! אַך, ווען ער קאָן איר זאָגן, ווער די מיידל איז. אָבער, ניין, ער וועט גאַרניט זאָגן. ער איז ניט קיין נאַר, כאַלילע. זי וועט דען גלויבן? זי וועט סיי ווי ניט גלויבן. זי איז דאָך געווען דאָ און ער דאָרט.

לעשניק וואָלט נאָך געוועזן געזעסן און גערעדט, ווען עס וואָלטן ניט אָנגעקומען מיסטער און מיסעס קאַץ. ער איז געזעסן נאָך אַביסל, נאָך אַמאָל אָפּגעגעבן דעם זעלבן גערוס, און אויפגעהויבן זיך. עלף אַזייגער. שוין צייט אַהיים צו גיין.

עננאַ איז מיט אים אַרונטערגעגאַנגען. געשטאַנען מיט אים אַ ווײַלע בײַ דער טיר, און ער האָט געהאַלטן איר האַנט אין זײַנער און ניט געוואָלט אָפּלאָזן. זי האָט אַפילו געפּרוּווט באַפרײַען איר קליין הענטל פון זײַנע גרויסע פינגער, האָט ער אָבער ניט געלאָזט. האָט זי געלאַכט און געפּאַטשט אים אַזוי שעלמיש איבער דער האַנט.

— כאַווער לעשניק, איר זײַנט דאָך געוואָרן אַ פּייער, אַ ברען! וואָס איז עפּעס דאָרט געשען מיט אײַך אין שיקאַגאָ? כאַווער לעשניק!!

לעשניק האָט געלאַכט. און ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען פון איר, האָט זיך אים געוואָלט טאַנצן. ער האָט זיך אַליין געוווּנדערט, וואו עס האָט זיך בײַ אים גענומען דער „נערוו".

עס ווײַזט אויס, אַז ס'איז גאָרניט אַזוי שרעקלעך צו וואַגן, צו פּרוּוון אַרויפקלעטערן און אַנידערשטעלן זיך אויף דעם זעלבן שטאַפּל וואו זי שטייט. מ'דאַרף זיך נאָר ניט שעמען! מ'דאַרף האָבן „נערוו"... אַזוי ווערט מען אַ מענטש! אַזוי מענטשלט מען זיך אויס... אַזוי...

6.

עס איז אַוועק אַ וואָך.

לעשניק האָט שוין געהאַט אַ צימער אין דער נאָכבאַרשאַפט ניט ווײַט פון עננאַן. און קימאַט יעדן אָוונט פלעגט ער זײַן בײַ איר און טרינקען טיי און הערן, ווי זי דערציילט פון דעם סטרייק. און, הערנדיק זי, האָט ער געפילט, ווי זי לייגט אַרײַן אין אירע ווערטער עפּעס אַזעלכעס, וואָס עס מאַכט איר רעדן באַזונדערס אינטערעסאַנט.

זי רעדט אומיסטן אַזוי, — פלעגט ער זיך טראַכטן. זי לערנט מיך. זי וויל איך זאָל וויסן און פאַרשטיין די „פּאָליטיקס". אַ, קאָן זי גוט די „פּאָליטיקס"! זי זעט זיי דורך און דורך די „רעכטע". אָבער ער וועט זיך נאָך אויסלערנען דאָ אין ניו־יאָרק. דאָ וועט ער שוין ווערן אַ „פּאָלנער" מענטש. מ'האָט שוין געזען אַזעלכע זאַכן. ס'פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכער ווי פּאָם וועט ער קיינמאָל ניט ווערן, און דעם עמעס זאָגנדיק, ווילט זיך אים גאָרניט ווערן אַזעלכער, ווי

פּאַם. ער וואָלט געוואָלט זיין אזא מין מענטש, אז ווען ער וועט זאָגן א וואָרט, זאָלן אַלע פאר אים ציטערן. און ווען ער וועט אזא מענטש און פירט אָן מיט א סטרייק, וואָלט ער געריסן שטיקער פון די באָסעס. פּאַסן וואָלט ער פון זיי געשניטן.

אָט אזוי פלעגט ער אָפט טראַכטן און פאַנטאַזירן. פאר עננאַן, אָבער, האָט ער עס קיינמאָל ניט ארויסגעזאָגט.

קיין ארבעט האָט ער נאָך ניט געפונען. פלעגט ער ארומגיין מיט עננאַן איבער די גאַסן. געווען מיט איר א פּאָר מאָל אין די וואונדערבארע קינאָס און געזען אסאך וואונדער פון ניו־יאָרק. גע־ ווען מיט איר א פּאָר מאָל בא פּאַמען. ער האָט זיך אָבער געפילט אזוי שלעכט אין זייער ביידנס געזעלשאַפט, האָט ער שוין מער ניט געוואָלט גיין צו אים. פּאַם איז נאָך אַלץ געווען פאר לעשניקן דער אינטעליגענט, דער העכערער, דער געלערנטער, פאר וועמען ער האָט ניט געוואָגט ארויסצוזאָגן א מיינונג.

עננא האָט אים דערציילט, אז פּאַם פארנעמט זייער א וויכטיקן אַמט אין דער פּאַרטיי, א סעקרעטאַר, קימאַט... נו, ווי זשע קומט ער, לעשניק, צו אים?

---

איינמאָל אין א פארנאַכט, ווען לעשניק איז געזעסן בא עננאַן אין הויז, זיינען אָנגעקומען צו איר א פּאָר כאַווירים און דערציילט, אז אין שאָפּ, וואו מ'סטרייקט, וועט מען מאָרגן ארויפנעמען א גאַנצע פּאַרטיע סקעבס פון די „רעכטע” פאררעטער. נו, עס פארשטייט זיך, אז מ'טאָר עס ניט דערלאָזן. דאָס קאָן נאָך ברעכן דעם גאַנצן סטרייק, און דעמאָלט וועט מען מוזן אָפּגעבן אַפילע די פּאָזיציעס, וואָס זיי האָבן געהאַלטן ביז איצט. מען מוז מאָרגן ארויסגיין אף דער פּיקעט ליין. אַלע כאַווירים פון אַלע שעפּער מוזן קומען, אַלע.

עננאַס אויגן האָבן געפלאַמט מיט קעמפערישן פייער, און קוקנ־ דיק אף איר האָט זיך אויך אין לעשיקן אָנגעצונדן דאָס פייער, וואָס איז בא אים געלעגן ווי גליענדיקע פונקען אונטערן אַש.

— כאַווירים, איך וועל אויך גיין, — האָט ער געזאָגט און איז רויט געוואָרן. — קאָן איך אויך גיין, אַ?

— אוואדע, כאָווער, אוואדע! מיר דאַרפן אַזעלכע באָיטשיק־לעך, ווי איר! קומט!

איז שוין לעשניק קימאַט ביז האַלבער נאַכט ניט געשלאָפן.

און אינדערפרי האָט ער זיך אָנגעטאָן אין זיינע אַלטע קליידער און געקומען צו עננאַן. צוזאַמען זיינען זיי אַוועקגעפאָרן צום שאַפ.

דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט לעשניק דערזען אַן עמעסע פיקעט ליין. הונדערטער מענער און פרויען האָבן זיך ווי אַ לאַנגע קייט געצויגן הין און צוריק אַף די ראָגן. פּאָליסלייט אין זייערע בלויע מונדירן מיט זייערע קלאָבס אין די הענט זיינען געשטאַנען גרייטע צו טאָן זייער אַרבעט — די אַרבעט פון שפּאַלטן קעפּ.

שווייגנדיקע, ערנסטע און שטאָלצע האָבן זיך געצויגן די רייען פון די סטרייקערס אונטער די הויכע, גרויע, פאַררויכערטע מויערן פון די שעפּער.

לעשניק איז געגאַנגען לעבן עננאַן. שטייף און אָנגעצויגן זיינען געווען זיינע גלידער. די ערנסטקייט פון קאַמף האָט אים אַרומגענו־מען, ווי מיט אייזערנע רינגען און געהאַלטן אים אַ פאַרפּאַנצערטן אַף דער וואַך. באַגעגנענדיק זיך מיט די אויגן פון די פּאָליסלייט, האָט זיך אים געדוכט, אַז אין די בלויע מונדירן שטייען ניט קיין מענטשן, נאָר עפּעס גרויזאַמע, שרעקלעכע מאַשינען, וואָס קאָנען זיך אַרויפּ־וואַרפן אַף אים, ווען עמיצער וועט טון אַ קוועטש אַ קנעפּל.

ער האָט געקוקט אַף עננאַנען און געקוקט אַף די פּאָליסלייט און פאַרנעשטעלט זיך, ווי זיי וואַרפן זיך אַרויף אַף איר און רייסן און טרעטן איר יונג לייב. אינסטינקטיוו האָט ער זי געוואָלט אַ כאַפּ טאָן באַ דער האַנט, האָט ער אָבער פּלוצים דערפילט ווי אירע פינגער האָבן זיך איינגעקלאַמערט אין זיינע. זי האָט דערזען די סקעבס, אין אָטאָמאָבילן האָט מען זיי צוגעפירט און אונטער דער וואַך פון פּאָליסלייט געפירט זיי צו די טירן.

— סקעבס! — האָט זיך צעטראָגן אַ געשריי, — סקעבס! סקעבס!!

און דאָ האָט פּלוצים אַ כוואַליע פון מענטשלעכע קערפּערס אַ שליידער געטאָן לעשניקן אָן אַ זייט. די סטרייקערס, און די פּאָליס־לייט, און די סקעבס, אַלע האָבן זיך אויסגעמישט ווי אין איין זידנ־דיקער, שרייענדיקער, ראַנגלענדיקער מאַסע. ווי אין אַ רויטן, בלו־

טיקן נעבל האָט לעשניק פּלוצים דערזען עננאַן אונטער די פּיס פון קעמפּנדיקע און לויפנדיקע מענטשן. סטרייקערס, פּאָליסלייט, שטעקנס, הענט, פּיס, פּיס... לעשניק האָט ווי אַ וואַנזיניקער געשלאָגן רעכטס און לינקס. געריסן זיך צום פּלאַץ, וואו ער איז פריער געשטאַנען מיט עננאַן. אַט האָט אים עפּעס אַ זעץ געטאָן אין דער ברוסט, דערנאָך אין קאָפּ, דערנאָך אין די אויגן... ווי מיט אייזערנע האמערס האָט ער געשלאָגן אין פלײשיקע, פּאַרבלוטיקטע פּענימער און קנאַקנדיקע ציין, געטראָטן מיט די פּיס, געריסן מיט די הענט...

אַט רײסט זיך אין די אויערן דער יאָמערלעכער פּייף פון דער סירענע, דאָס קלינגען פון פּאָליס מאַשינען.

עמיצער שלעפּט אים באַ די הענט און באַ די פּיס און דורך די פאַרלאָפּענע, געשוואָלענע אויגן, דערזעט ער פּלוצים, אַז דאָס זיינען זיי, די פּאָליסלייט.

זיי האָבן אים אַרײנגעוואָרפן אין דעם שווארצן פּאַטראָל מאַשין, וואו ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן די פּיס פון נאָך עטלעכע פון די סטרייקערס. ער איז געבליבן ליגן אַ פּאַרטומלטער, מיט אַ שרעקליכן קאָפּ ווייטיק. געקומען צו זיך איז ער דאַן, ווען מ'האָט אים און די איבעריקע אַרײנגעפירט אין פּאָליציי־סטיישאָן.

איינער אַן עלסטער האָט זיי גענומען אויספרעגן. דעם נאָמען, דעם אדרעס, די באַשעפטיקונג.

און ווען לעשניק האָט געזאָגט, אַז ער איז ערשט אַ וואָך אין נוי־יאָרק און אַז ער קומט פון שיקאַגע, האָט ער דערהערט; אָ, אַ שיקאַגער גאָרילע, גאָד דעם, סאָן אָף איי... !

לעשניק און די איבעריקע האָט מען אַרײנגעפירט אין אַ קעלער און פאַרשפּאַרט אין אַן אייזערנער שטייג.

## 7

דער צופאַל—דער בלינדער מאַסטער פון לעבן—האָט געוואָלט, אַז לעשניק זאָל ווערן דער העלד אָף אַ טאָג. מיט זיינע אייגענע אויגן האָט ער געלייענט אין „קאָמפּ" וועגן דער העלדישקייט, פון „כאַוואַר לעשניק". און אין די עטלעכע שורעס און אין דעם איינעם טאָג האָט זיך פאַר לעשניקן אַנטפּלעקט דער סאָד פון זיין דערפאָלג—דער סאָד

פון וואַגן, דער סאַד פון זיין פויסט.

עס זיינען אַוועק טעג און וואָכן, און כאַדאָשים.

לעשניק איז אַרויפגעשלעפּט געוואָרן אַף אַ נייעם וועג. אַף אַ וועג פון קאַמף. און זיין דראַנג צו ווערן דער „נייער", דער „אַנדערער" לעשניק, האָט אים נאָך אַלץ געצויגן בלינדערהייט פאָרויס... ווי עס ציט אַ געמבלער צו שטעלן אַלץ אין קאָן אין דער מינוט פון זיין דערפאָלג. אין קאַמף, אין דעם געשלעג, האָט ער ענדעקט זיין נייעם קויאַך. אָבער שטייענדיק אַרויף האָט ער דערזען, אַז וואָס העכער ער שטייגט אַ פאַרשיקערטער פון בלוטיקן ווייַן — אַלץ ווייטער גייט אַוועק פון אים זיין טרוים — זיין עננאַ. האָט ער ניט געקאָנט פאַר־שטיין — פאַרוואָס? !

לעשניק! לעשניק! דער ערשטער אין געשלעג, דער ערשטער אַף די פּיקעט ליינס, דער ערשטער, וואָס נעמט אַראָפּ די אַרבעטער פון שעפּער...

לעשניק — דער שטאַרקער! לעשניק!

אָבער עננאַ... פאַרוואָס ווערט זי אַזוי פרעמד צו אים, פאַרוואָס ווערן אירע אויגן און איר שמייכל אַזוי קאַלט? פאַרוואָס געפינט זי אַלעמאָל אַ טערעץ און גייט אַוועק פון אים, ווען ער דערנעענטערט זיך צו איר? פאַרוואָס רעדט זי ניט צו אים, ווי פריער? ער איז דאָך געגאַנגען אַזאַ לאַנגן וועג צו איר... און ער איז דאָך שוין געוואָרן... טאָ פאַרוואָס?

איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט האָט ער אָנגעקלונגען בא איר טיר. ער האָט דערהערט:

— אַן אָנשיקעניש! נו, נו! האָסטו דיר אַ לעשניק, אַ סלאָגער אַף איר קאָפּ! ס'איז דאָך אַ סאַקאָנע און אַ כאַרפּע אַרויסצוגיין מיט אים אין גאַס.

— אָבער, טאַנטע... ער איז דאָך...

— אַ, ס'איז אַלץ דיין גוטסקייט. אַ קאָמוניסט איז ער! נו, איז וואָס? פּאַם איז אויך אַקאָמוניסט, אָבער אַ גראָבער יונג בלייבט אַ גראָבער יונג, אַ סלאָגער, אַ גאָרילע... אַ כאַוועך! מוזט זיך כאַווערן מיט אים? וואָס זאָל איך זאָגן?

— זאָג... איך בין ניטאָ.

— פון לאַנג שוין צייט...

לעשניק איז געבליבן שטיין א צעטומלטער, א פארשטומטער. דאס בלוט האט א זיד געטאן אין אים.

...א סלאגער, א?! זיי שיקן מיך דעם סלאגער און שעמען זיך מיט מיר? א גארילע... א?! זאלן זיי פרואוון מאכן רעוואלוציעס מיט די פאמס און אף די פיקעט ליינס... שלאגן זיך מיט די סקעבס, מיט דער פאליציי! א סלעגער, א גראבער יונג... שעמט מען זיך! ווי געגעראלן מיט סאלדאטן... א?

נו, צו וואס... צו וואס דארף ער דאס אלץ איצט? ! צו וואס איז ער געווארן „באוער לעשניק" צו וואס?

לעשניק האט א וויש געטאן דעם שטערן און א צי געטאן די הויזן. אין הארצן האט געוואקסן א ווייטיק, ווי א געשוואלענע שטיק פלייש...

...א סלאגער, א? נו, פארפאלן.

---

לעשניק האט אויפגעהערט צו ווייזן זיך צווישן די כאוויירים. ער האט באשלאסן, אז מער וועט ער ניט גיין אראפנעמען ארבעטער פון סקעב שעפער.

ער האט זיך איינגעשלאסן אין זיך און געטרוימט פון נעקאמע. אין וואס די נעקאמע דארף זיך אויסדריקן האט ער ניט געייאוסט. ער האט נאר געפילט, אז ער דארף נעמען נעקאמע... זאל זיין פון דעם לעבן אליין, פון דער וועלט, פון דער מענטשהייט... אבער ניט פון עננאן: עננא?... נו, זאל זיינס איבערגיין... מילע, פאר־פאלן...

ער האט זיך ווידער פארשריבן אף די קורסן, און ווידער האט די פרייד פון וויסן געשפרייט זיך און געוואקסן אין הארצן. די קאמפלימענטן, וואס ער פלעגט קריגן פון די לערער האבן אים דערמוטיגט, האבן אים געשטופט ווייטער, ווייטער...

עננאן פלעגט ער אמאל זען פון ווייטנס — פלעגט ער זיך אויסדרייען און אוועקגיין שנעל. ניט געוואלט באגעגענען זיך מיט איר. ער האט ניט געוואלט זי זאל אים פרעגן פארוואס מ'זעט אים

ניט, פאַרוואָס ער קומט ניט. ער וואָלט דאָך איר באַדאַרפט עפּעס זאָגן, עפּעס ענטפערן...

ער האָט זיך אָבער יאָ געטראָפן מיט איר. ער איז געשטאַנען קעגן איר מיט אַ פאַרפלאָמטן פּנים און געשעמט זיך פאַר עפּעס. און זי האָט געקוקט אויף אים מיט איר אָפענעם בליק און די נעקאָמע זיינע און די ביטערקייט איז צעגאַנגען פאַרשוואונדן... געוואָרן...

—קומט אַרויף, לעשניק — האָט זי אים געזאָגט. — מיר וואוינען דאָ ניט ווייט.

און ווען זיי זיינען אַרויפגעקומען, האָט זי אים גלייך געזאָגט:

— איר ווייסט, לעשניק... איך און כּאַוועד פאַם... מיר וואוינען צוזאַמען.

— יע?

זי האָט ווידער אַקוק געטאָן אויף אים מיט איר בליק און אַ שמייכל געטאָן.

— נו, וואָס זשע מאַכט איר, לעשניק?... דערציילט.

— וואָס זאָלן מאַכן...

— מ'זעט אייך ניט לעצטנס.

— וואו זאָלן מיך זען. איך האָב זיך איינמאָל געלאָזט פאַר־פירן און געוואָרן אַ סלאָגער... — געענוג.

ענגאַ האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף אים מיט אַ פאָרשנדן בליק און געזאָגט:

— הערט זשע, כּאַוועד לעשניק, לאָמיר רעדן אָפנהערציק, אַ?

— אָלל־רייט.

— גוט. איך גיב צו איך האָב געהאַנדלט גאָר ניט כּאַוועריש מיט אייך. איך האָב געזען דעם וועג אויף וועלכן איר גייט, און דאָך האָב איך אייך געלאָזט גיין, ניט וואָרנענדיק און ניט אָנווייזנדיק. אייער פּויסט, כּאַוועד לעשניק, איז אויך וויכטיק פאַרן קאַמף און איר דאַרפט זיך גאָרניט שעמען מיט דעם. איר האָט נעגעבן דער באַ־וועגונג דאָס, וואָס איר האָט געקאָנט געבן און ס'דאַרף אייך גאָרניט באַנג טאָן. שעמען דאַרפט איר זיך, וואָס איך בין געווען אַזוי ענגאַ־איסטיש און ניט גענומען זיך די מי, אַפּילע צו רעדן מיט אייך און וואָרנען אייך, אַז איר זאָלט זיך ניט באַרימען מיט אייער פּויסט און העלדישקייט און אין אַלגעמיין ניט מאַכן קיין טאַראַראַם און

שטרעבן צו ווערן עפּעס אַ סטראַשידלע. ווייל... נאָך אַלעמען, מיר זיינען דאָך אַלע מענטשלעך, און דאָס ברוטאַלע שטייסט אונדז אָפּ. ווייל, ווי רעוואָלוציאָנעריש מיר זאָלן ניט זיין, לעבן מיר פאָרט אין אַ געזעלשאַפט, וואָס רעכנט זיך מיט... מיט אָט דעם, וואָס קאָמבינירט ניט מיט גייסטיקייט, מיט איידלקייט. איר פאַרשטייט וואָס איך מיין?...

— יע, איך פאַרשטיי, — האָט לעשניק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איך גיב צו, ס'איז מיין שולד, וואָס איך האָב געהאַנדלט אַזוי, ניט כאַווערִיש און מיעס — האָט אים עננאַ אָנגענומען בא דער האַנט, — אָבער איר פאַרשטייט מיך, יאָ? איך בין, טאַקע, אַ כאַווער, אָבער אַ פרוי... און איר ווייסט דאָך...

— יע... יע...

— זיינען מיר ווידער כאַווירים, אַ?

— יע.

— גוט. ווידער כאַווירים און מיט די כאַווירים, יע?

— יע...— האָט ער געשמייכלט.

— אָבער אָן באַרימעריי, אָן טאַראַראַם, אָן סלאָגערישע שטיק...

— איך בין שוין אַנאַנדערער...

— יע... איך זע. איר זיינט אַ וואוילער באָכער, לעשניק.

ער האָט אַזיפּץ געטאָן און אַמאָך געטאָן מיט דער האַנט.

ווען ער איז אַהיים געפאָרן האָט ער געטראָגן מיט זיך צוויי ביכער, און זיצנדיק אין טראַמוויי האָט ער זיי געגלעט, געמישט די בלעטלעך און געטראַכט: עפּשער איז זי טאַקע גערעכט, עפּשער...

דערמאָנט זיך, וואָס זי האָט געזאָגט וועגן זיך און פאַמען: זיי וואוינען צוזאַמען...

נו, פאַרפאַלן...



# אָפּגעזונגענע לידער

דער צוג איז געבליבן שטיין.

טאָלי־דאָ־אָ!...

לעוויטאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט. אַקוק געטאָן אין פענצטער. ס'האָט שוין געטאָגט.

טאָלידאָ...

אָ, יע... מיט דריי יאָר צוריק האָט ער זיך דאָ באַגעגנט מיט מאַניע מילער. ער איז געזעסן אין וואַגאָן און דורכגעקוקט די נאָטיצן, וועלכע ער האָט אָנגעוואָרפן פאַר זיין לעקציע אין שיקאַגאָ. ער האָט אָבער ניט געקאָנט קאָנצענטרירן די געדאַנקען, ווייל עס האָבן אים געשטערט אַפּאָר אויגן. גרויסע, שיינענדיקע אויגן אַף אַ מאָט בלאַסן פּאָנים. זיי האָבן געקוקט אַף אים מיט דער ספּעציפיש פרויעשער נייגעריקייט. מיסטאָמע האָט זי אַמאָל געזען זיין בילד אין די צייטונגען, אָדער אין אַ זשורנאַל. זי ווייסט, מיסטאָמע, ווער ער איז. זי איז אַ אידישע, אין דעם איז ער געווען זיכער.

די נאָטיצן האָט ער שוין ניט דורכגעקוקט. ווי האָט ער געקאָנט? אַ קוק אין ביכל און אין אירע אויגן; ווידער אין ביכל און ווידער אין אירע אויגן. און ווען ער האָט דערזען, אַז די בליקן ווערן וואַרעמער, האָט ער צו איר אַ שמייכל געטאָן. און, ווי דערוואַרטנדיק דאָס, האָט זי אויך אַ שמייכל געטאָן.

ער האָט ליב געהאַט דעם פרויען שמייכל. פאַר אַ שמייכל פון אַ שיינער פרוי, וואָלט ער אַוועקגעגעבן זיין שענסטע פּאָעמע — פלעגט ער זאָגן. פאַר איר שמייכל אָבער, פאַר אירע שיינע אויגן און אויסדרוקפולע ליפּן וואָלט ער אַוועקגעגעבן ניט נאָר אַ פּאָעמע. נאָר, אַפילע, זיך אַליין, זיין האַרץ און זיין נעשאָמע.

זיי האָבן זיך פונאַנדערגערעדט. זי איז געווען אַ טיפּ פון דער רוסיש־אידישער אינטעליגענציע. דאָס האָט אים האַנאָע געטאָן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אין שיקאַגאָ איז זי געקומען צו זיין

לעקציע. געריעדט האָט ער דאַמאָלט אַף דער טעמע, „דער זין פון לעבן." און ער האָט געזען, אַז זי שלינגט יעדעס וואָרט זיינס און רייסט זיך צו אים מיט איר'ע בליקן־געדאַנקען. און נאָך דער לעקציע, ווען זי איז צוגעקומען צו אים און פאָרגעשטעלט איר מאַן, האָט ער באַ דער ערשטער געלעגנהייט איינגערוימט איר שטיל אַף רוסיש:
— מיין לעקציע איז אַ דורכפאַל. — אַ דורכפאַל?! — האָט זי געמאַכט גרויסע אויגן. — אַ, וואָס זאָגט איר! — יע, — האָט ער געשמייכלט. — דאָס וויכטיגסטע, דאָס אינטערעסאַנטסטע האָב איך דאָך ניט ארויסגעבראַכט. איך האָב דאָך פאַרגעסן צו זאָגן, אַז דער זין פון לעבן איז אין אייערע אויגן און אייער שמייכל. זי האָט גליק־לאַך געשמייכלט, און ער האָט געקאָנט זען, ווי עס הויבט זיך איר ברוסט, און געקאָנט פילן דעם קוים באַמערקטן דרוק פון אירע פינגער, מיט וועלכע זי האָט אַזוי צאַרט אַ פיר געטאָן איבער זיין האַנט. אין יענעם אָוונט האָט ער זי אָנגעהויבן רופן פּאָשעט מאַניע און זי אים פּאָשעט לעוויטאַן. שוין דריי יאָר אַז דאָס איז געשען. דריי יאָר, אין וועלכע ער האָט פאַרלוירן זיין באָדן, פאַרלוירן דעם גלויבן, פאַרלוירן אַלץ וואָס ס'האָט אָנגעפילט זיין לעבן. איצט פאָרט ער ווידער קיין שיקאַגע. און עס דוכט זיך אים, אַז ער פאָרט צו אַלאַנג געזוכטן ווינקל, וואו ער וועט געפינען רו, סימפּאַטיע, פאַרש־טענדניס און עפּשער דערלייזונג.

נאָך פינף שאָ — שיקאַגע.

---

צווישן די מענטשן, וועלכע האָבן אים באַדאַרפט באַגעגענען באַ דער באַן־סטאַנציע, האָט לעוויטאַן דערזען אויך מאַניען מיט איר מאַן. זי איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, אַ שלאַנקע און גראַציעזע אין שוואַרץ געפּאַסטן קלייד, און געקוקט אַף אים. אַ קוים באַמער־קטער שמייכל האָט געשפּילט אַף אירע ליפּן. ער איז צוגעגאַנגען צו איר, און, אָננעמענדיק איר דינע האַנט, האָט ער זי צוגעטראָגן צו זיינע ליפּן און אַ קוש געטאָן די לאַנגע, קאַלטע פינגער. קיין איין וואָרט האָבן זיי ניט ארויסגערעדט. ניט ער, און ניט זי. און דאָס שווייגן איז אים אַזוי געפעלן. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס שווייגן מיינט מער, ווי רעדן.

אַלע אַרום אים האָבן זיך געראַשט, געשמייכלט. באַקאַנטע און ניט באַקאַנטע האָבן געדריקט זיינע הענט, גערעדט.

ווען ער איז אַריין אין אָטאָמאָביל, איז מאַניע אויך אַריין און אַנידערגעזעצט זיך לעבן אים. דאָס איז געווען מיסטער מילערס — איר מאַנס מאַשין.

מילער איז געווען אַ שווייגנדיקער. מאַניען האָט ער געהייראַט, ווען זי איז געקומען קיין אַמעריקע נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע. געקאָנט האָט ער זי נאָך פון דער היים. ער איז געווען אַן אָרעמער באָכער, געאַרבעט בא איר פאָטער אַף דער מיל, וואָס האָט געשעמט אין דעם גאַנצן געגנט. איר פאָטער — אַלטער בראָנשטיין האָט געפירט זיין הויז מיט אַ ברייטער האַנט. זיינע אַכט קינדער, קימאַט אַלע סטודענטן און קורסיסטקעס האָבן זיך אויפגעפירט ווי עכטע פּריצישע קינדער. אָפט ווען זיי פלעגן אַרויספאָרן אין די שײנישע וועלדער מיט אַנדערע סטודענטן און מיידלעך, אָדער אַרויסלאָזן זיך אַף שיפלעך, מאַכן פייערן באַנאַכט, און זינגען לידער, פלעגט אויך מילער מיטגיין מיט זיי. ער פלעגט מיטפירן מיט זיך דאָס עסנוואַרג, די אַלע נויטיקע זאַכן, וועלכע זיינען נויטיק געווען אַף די פּיקניקס, און זייענדיק אַלעמאָל מיט דער יונגוואַרג, האָט ער אַסאַך געלערנט פון זיי. ער פלעגט אָבער וויסן זיין פּלאַץ. ניט דערנידעריקט זיך אָבער אויך ניט געקראָכן אין די אויגן אַריין. געהערט און אויסגעלערנט זיך שווייגן.

מאַניען האָט ער ליב געהאַט מער פון אַלע קינדער. פאַר איר איז ער גרייט געווען צו טאָן אַלץ אין דער וועלט. און זי האָט עס געוואוסט. ס'איז אָבער געקומען די צייט, ווען ער האָט באַדאַרפט גיין צום פּריזיוו, האָט ער באַשלאָסן אַוועק צו פאָרן קיין אַמעריקע. און אין אַמעריקע האָט ער אין אַ קורצער צייט באַהערשט סיי די שפּראַך און סיי דאָס לעבן. אַלץ, האָט זיך אים אויסגעוויזן, לויפט אים גלייך אין די הענט אַריין. ער איז געווען אַ פלייסיקער אַרבעטער, און געוואוסט, ווי צו שפּאָרן געלט. אין דער מילכאָמע צייט האָט ער זיך שוין געהאַלטן פאַר אַ געוויר, געעפנט זיין אייגענע „שוירט־פּעקטאָרי” און געקויפט זיך אַ הויז. אַמאָל פלעגט ער קריגן אַ בריוו פון זיין שוועסטער. דערוואוסט זיך, אַז די רעוואָלוציע האָט כאַרעוו געמאַכט די פאַמיליע פון אַלטער בראָנשטיין. ער אַליין, דער אַלטער

איז געשטאָרבן, און די קינדער זיינען צעוואָרפן ערגעץ איבער גאַנץ רוסלאַנד. און איינמאָל האָט זי אים געשריבן, די שוועסטער, אַז זי האָט געזען מאַניטשקע בראָנשטיין, און מאַניטשקע בראָנשטיין האָט גענומען זיין אַדרעס. זי וועט אים שרייבן קיין אַמעריקע. און ווירקלעך, אין אַ פּאָר כאַדאָשים אַרום האָט ער געקראָגן אַ בריוו פון איר און נאָך אין אַ האַלב יאָר אַרום האָט ער איר שוין געשיקט געלט און זי איז שוין געפאָרן קיין אַמעריקע. און דאָ אין אַמעריקע האָבן זיי כאַסענע געהאַט.

מילער האָט געוואוסט, אַז זי איז גאָר פון אַן אַנדער וועלט געקומען צו אים. זי האָט זיך אויסגעהאָדעוועט אין אַן אַנדער לעבן און אין אַן אַנדער אַטמאָספערע. זי ווייסט ווי צו פירן אַ הויז, שליסן באַקאַנטשאַפטן און מאַכן דאָס לעבן איבהאַלטסרייך און אינטערעסאַנט. דערפאַר האָט ער גאָרניט געהאַט דאַגעגן, ווען זי האָט אים פאָרגעשלאָגן, אַז מ'זאָל דעם שרייבער לעוויטאַן פאַרבעטן צו זיך, ער זאָל די צוויי וואָכן, וואָס ער דאַרף זיין אין שיקאַגע, שטיין בא זיי. סאיז אי אינטערעסאַנט, אי אַ קאָוועד, אי נייע מענטשן וועלן אַריינקומען אין הויז. און פאַרוואָס ניט? זאָל זיין הויז ווערן די ליטעראַרישע נעסט, באַלויכטן ווערן מיט דער שיין פון דער ליטעראַרישער סוויווע. ער איז געווען צופרידן, און מאַניע אויך.

פאַר לעוויטאַנען איז דאָס געווען אַ סורפּריז. ער האָט גאָר געהאַט אין זינען איינצושטיין אין אַ געוויסן האָטעל און דאָ, פּלוצים, פירט מען אים אַריין אין אַזאַ רייך הויז. גאַנצע צוויי וואָכן וועט ער זי זען לעבן זיך; גאַנצע פערצן טעג וועט ער זען אירע אויגן, איר שמייכל, פאַרפלעכטן זיינע געדאַנקען מיט אירע, הערן דעם אָפּקלאַנג פון זיינע רייד און פילן, ווי עס כוואַליעט נאָך עפּעס אין האַרצן.

דעם ערשטן טאָג איז ער געווען מיד, ניט אויסגעשלאָפן, און מענטשן זיינען געקומען און געגאַנגען. עס זיינען אָבער אַוועק אַ פּאָר טעג און נעכט, און אויך די נאַכט פון זיין לעקציע, ווען ער האָט גערעדט וועגן „אָפּגעזונגענע לידער."

די לעקציע, האָט ער געפילט, האָט געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק. די דאָזיקע לעקציע, צו וועלכער ער האָט זיך געגרייט אַזאַ לאַנגע צייט, און וועלכע האָט באַדאַרפט ווי אַ שאַרף מעסער צעשניידן די

נעץ אין וועלכער דאָס לעבן האָט אים פאַרפּלאָנטערט, די דאָזיקע, לעקציע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז אַ דורכפאַל. די צוהערער זיינען גע־בליבן קאַלט. זיי האָבן ניט אויפגעכאַפּט דאָס פאַרבאָרגענע, דאָס ניט דערזאָגטע. אָך, וויפיל ער וואָלט זיי געקאָנט זאָגן, ווען ער דאַרף זיך ניט האַלטן אין די ראַמען פון באַשריינקטער אָפנהערציקייט אין וועלכע מענטשן פאַסן זיך איין. ער ווייסט — ס'איז זיין שולד. ווייל, ווילנדיק־ניט־ווילנדיק האָט ער דאָך באַהאַלטן טיף אין זיין האַרצן עפּעס, וואָס ער האָט ניט געוואָלט און ניט געקאָנט אויפדעקן פאַר דער פרעמדער מאַסע מענטשן. וואָס גייט זיי אָן זיינע „אָפּגעזונגענע לידער", און די ראַנגלענישן פון אַ דיכטער?!

---

אינדערפרי, נאָך פרישטיק, איז לעוויטאַן מיט מאַניען אַרויס־געפאָרן אין אווטאָמאָביל איבער דער שטאָט. אַזוי האָבן זיי אַלע דריי נעכטן אָפּגערעדט.

ס'איז געווען אַ העלער זוניקער טאָג. מאַניע האָט געטריבן די מאַשין שנעל און מיט זעלבסט צוטרוי.

זיי זיינען געפאָרן איבער די בולווארן, אין די פאַרקן, געטראָגן זיך, ווי אין געיאָג נאָך עפּעס, באַ די ברעגן פון לייק מישיגען. לעוויטאַן איז געזעסן מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ, געלאָזט דעם ווינט צעשויבערן און רייסן די בלאָנדע האָר. געקוקט אַף די הימלקראַ־צערס, אַף די וואַסערן, אַף מאַניען. געוואָלט איר זאָגן, אַז ס'וואָלט גוט געווען, ווען זיי קאָנען זיך טראָגן אַזוי אייביק. ער האָט אָבער גאָרניט געזאָגט. עס וועט זיין באַנאַל, האָט ער געטראַכט. ער מוז דאָך אָבער זאָגן. ער קאָן דאָך ניט אַוועקפאָרן פון דאַנען אָן אָנגע־לאָדענער מיט עמאָציעס, אַוועקפאָרן מיטנעמנדיק מיט זיך דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געבראַכט פאַר איר, וואָס איז געלעגן באַ אים אַפן האַרצן. ער מוז דאָך איר זאָגן, אַז נאָר זי איז געבליבן אין זיין אויסגעשעפּטער פאַנטאַזיע; אַז נאָר פאַר איר קאָן ער אויסטאָן זיין נעשאָמע אַ נאַקעטע; אַז נאָר זי איז נאָך געבליבן פאַר אים, ווי אַ פאַרשלאָסענע טיר אין וועלכע עס וויל זיך אים אַריינגיין, פאַרמאַכן הינטער זיך און בלייבן דאָרט. ער ווייסט און פילט, אַז זי וואַרט דאָרט אַף אים הינטער דער טיר. זי וואַרט אַף אים. נו, וועט ער עס איר זאָגן פּאָעטיש שיין — וועט זי אים ענטפערן, אַז דאָס רעדט

די מוזע אין אים, דאָס אימפּראָוויזירט ער גלאַט זיינע לידער, עפּשער; וועט ער איר זאָגן עס פּאַשעט אין געציילטע ווערטער, וועט זי דיינ־קען, אַז ס'איז גלאַט אַזוי אַ קאַפּריז, אַ קאָמפּלימענט, — האָט ער געשוויגן. זיין שווייגן וועט זי, עפּשער, אויסטייטשן בעסער און אין זיין שווייגן וועט זי, עפּשער, מערער הערן, ווי אין זיין רעדן.

— אָט דאָס איז וואַשינגטאָן פּאַרק — האָט זי געזאָגט. — און דאָרט, איר זעט... דאָרטן איז לאַראַדאַ טאַפּטס סטאַטוע „דער פּאַנטאָן פון צייט”.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט. אַרויסגעגאַנגען פון דעם אויטאָ־מאָביל און באַוואונדערט די גראַנדיעזע אַרבעט.

— לאָמיר זיך אַנידערזעצן, — האָט ער פאָרגעשלאָגן. זיי האָבן זיך אַנידערגעזעצט. מאַניע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן די הענט און פאַרטראַכט זיך. לעוויטאַן האָט אונטערגעשפּאַרט זיין אַקסל און דערפילט איר וואַרימקייט.

— פון וואָס טראַכט איר? — האָט ער געפרעגט.

— אָט... איך קוק אויף דער העראָישער גרופּע... דעם אומענד־לעכן מאַרש פון מענטשהייט. גרויע פיגורן גייען דורך פאַר דער קאָלאָסאַלער מיסטעריעזער צייט. עס דערמאָנט מיר, אַז מיר גייען אויך אַזוי. מיר גייען דורך און מיר ווערן פאַרשוואונדן.

— מיר גייען ניט, מיר רייסן זיך דורך — האָט לעוויטאַן געזאָגט, — מיר קומען אַרויס פאַרבלוטיקטע, צעקאַליעטשעטע, מיט צעריי־סענע הערצער, אויסגעוויינטע אין טרערן.

— זאָל זיין צעבלוטיקטע, זאָל זיין מיט טרערן — ווען כאָטש זינגער, ווי איר...

— אַ זינגער? איך אַ זינגער! — האָט ער מיט ווייטיק אַ שמייכל געטאָן.

— זיכער — האָט מאַניע געענטפערט. — איר האָט געזינגט מיט אייער שאַפן; איר האָט אַרויסגערינען פון לעבן דאָס, וואָס נאָר איינצעלנע קאָנען אַרויסרייסן. איר האָט עפּעס געבראַכט פאַר די מענטשן. עפּעס, וואָס וועט פאַרבלייבן, וואָס וועט פאַרפיקסירט ווערן אין די הערצער אַף לאַנגע יאָרן.

— אָ, מאַניע, מאַניע, — האָט ער זי אָנגענומען באַ דער האַנט. — איר ווייסט ניט. איר ווייסט ניט. איך בין ניט דער זינגער.

איך בין דער צעדריקטער, דער אויסגעלײדיקטער. איך בין אַ פּאַר־בלאָנדזשעטער. איך בין אין אַ לאַבירינט פון וועלכן איך קאָן ניט געפינען מיין וועג. איר האָט דאָך געהערט מיין לעקציע....

— יאָ, סאיז געווען זייער אינטערעסאַנט, אָבער זייער פּעסימיסטיש.

—פון מיינע אָפּגעזונגענע לידער, וועלכע האָבן אַקלונג געטאָן אין די הערצער פון מענטשן, הער איך שוין קוים די לעצטע אַקאָרדן. מיין אָפּגעלעבט לעבן איז מער ניטאָ און ס'וועט מער ניט צוריקקומען. מיין לעבן איז מיין שאַפן, און מיין שאַפן האָט זיך געענדיקט. ווייטער גיין — ווייס איך ניט וואוהין און ווי אַזוי.

— איר זיינט נאָך יונג.

— אַ, ס'איז עפּשער, ניט די יאָרן. איך בין פינף און פערציק יאָר אַלט. ס'איז אָבער די אַלטקייט אין מיין אינהאַלט, אין מיין אידעאָלאָגיע, אין מיין קלאַס, אפילע. מיינע אינספּיראַציעס, מיינע עמאָציעס, מיינע שאַפונגען האָב איך געשעפּט פון די קוואַלן, וואָס האָבן געשלאָגן פון מיין קלאַס, פון דעם קלאַס, וואָס הייסט אינטעליגענציע. דער קלאַס איז געווען מיין גייסטיקע פעסטונג פון וועלכער איך האָב אַרומגעקוקט די וועלט. זיי, די אינטעליגענציע און האַלב־אינטעליגענציע זיינען געווען די דאַזיקע, וואָס האָבן מיך דערהויבן, צוגעלאָזט מיך צו מיין לעצטן שטאַפּל, פון וועלכן איך וואָלט איצט באַדאַרפט אַרונטערשפּרינגען און באַגיין זעלבסמאָרד.

— זעלבסמאָרד... כאַ־כאַ־כאַ... שוין זעלבסמאָרד, — פאַרוואָס?

— ווייל עס זיינען געקומען נייע, פּאַר וועלכע איך, דער אינטעלעקט מיט מיין בורזשואַזער אינטעליגענטישער פּסיכאָלאָגיע, האָב געמוזט בויגן מיין קאָפּ, אוועקוואַרפן מיין פעדער, וועלכע איך האָב געטונקען אָפט אין מיין בלוט, און אָפּזאָגן זיך פון דעם, וואָס איך האָב געשאַפן. זיי האָבן צעשמעטערט מיין אַלטע פעסטונג, געוויזן מיר די אַלטע, פאַרפוילטע סטאָלבעס אויף וועלכע זי האָט זיך געהאַלטן. זיי בויען איצט נייע פעסטונגען, אַ נייע וועלט, אַ פרעמדע וועלט. איך ווייס דאָס. איך זע דאָס. איך קאָן הערן דאָס קלאַפּן פון די האַמערס, און קאָן זען זייערע פייערן, איך קאָן אָבער ניט זינגען מער. איך ווייס ניט פון וואָס צו זינגען איצט. מיינע אָפּגעזונגענע לידער זיינען, ווי פאַרוויאַנעטע רויזן. זיי שמעקן ניט מער.

אזוי זיינען מיינע לידער, אזוי בין איך, אזוי איז מיין קלאס. פּאַרוויאַנעט, איפּאַטענט.

— אַ, לעוויטאַן, וואָס רעדט איר, — האָט מאַניע געזאָגט ערנסט. — גלויבט איר, טאַקע, אַז די וועלט נויטיקט זיך שוין ניט מער אין רויזן? גלויבט איר, טאַקע, אַז איר מוזט איצט זינגען נאָר פון סערפּ און האַמער? גלויבט איר טאַקע, אַז די אינטעליגענץ, יענע, אונזערע אַלטע אינטעליגענץ איז שוין אינגאַנצן צעשמעטערט און האָט ניט קיין פּלאַץ אין לעבן? און כאָטש דעם גלויבט זיך מיר ניט, אַז אַפילו, די נייע בויער זאָלן ניט ליב האָבן די שמעקנדיקע רויזן. פאַרוואָס גייט איר ניט מיט אייערע לידער צו זיי? פאַרוואָס מוזט איר זיך אַרומשלעפּן גראָדע צווישן דער אימפּאָטענטער אינ־טעליגענץ, ווי איר רופט זיי, און שעפּן אייער איספּיראַציע נאָר פון זיי? פּרובירט אַריבער גיין צו די נייע. פּרובירט.

— איך וועל אייך דערציילן אַלעס פון אָנהויב ווען איר פאַרשטיין.

זי האָט זיך אַנידערגעזעצט באַקוועמער.

— איר האָט, מיסטאָמע, געהערט, אַז איך בין געווען אין רוסלאַנד.

— יאָ. איך האָב געלייענט.

— איך האָב זיך דאָרטן געטראָפן מיט אַ פרוי... מאַריאַ האָט זי געהייסן.

— אַ, מאַריאַ...

— יאָ, כ'דערצייל עס אייך דערפאַר, ווייל אין מיינע אויגן, און אין מיינע געדאַנקען פּערזאָניפיצירט זי מיט זיך יענע נייע וועלט צו וועלכער איך קאָן ניט צושטיין. זי — איז די נייע; זי איז די דאָ־זיקע, וואָס האָט מיך מיטאַמאָל צוגעצויגן מיט איר נייקייט, מיט איר יונגטלעכקייט און מיט אירע פייערן, וואָס האָבן פּלוצים אַ שיין געטאָן אין מיינע אויגן.

— איז זי אינטערעסאַנט?

— אינטערעסאַנט מיט איר פּאַשעטקייט. נו, ווי אַזוי זאָל איך עס אייך זאָגן? זי אָטעמט מיט פּאַעטישקייט. זי איז, ווי ברויט, ווי ערד. מיט איר ווילט זיך אַראָפּוואַרפן פון זיך די ראַפינירטקייט, דאָס געקינצעלטע, דאָס בלייאַסקנדיקע. זי איז פון די פרויען, וואָס זאָגן

דעם עמעס אין די אויגן, וואָס פאַרטראַגט ניט דאָס איידעלע, דאָס געפּיעסטשעטע. זי בראַווירט ניט מיט דער צאַרטקייט פון פרויעשער נעשאָמע, זי זיפצט ניט, קוקנדיק אַף די שטערן. זי איז פריש און יונג און זי האָט מיך צוגעצויגן. איך האָב געמיינט, אַז לעבן איר וועל איך אויך יונג ווערן. איך האָב געפּרוואווט לעבן איר לעבן, זינגען אירע לידער, האָט אָבער מיין שטימע געגרילצט אַזוי פאַלש. איך האָב געפילט, ווי איינער, וואָס איז געקומען צו גאַסט אין אַ פרעמד לאַנד און וויל זיך צוגעוואוינען צו די פרעמדע מייכאָלים, וועלכע מע סערווירט אים. זי האָט אַלץ אויסגעפּרובירט אַף מיר. זי האָט מיך געפּרוווט אַריינציען אין איר וועלט און איך האָב גע־פּרוואווט שלעפּן זי אין די טיפע לאַבירינטן פון מיין וועלט. אַזוי פלעגן מיר קעמפן און רייסן איינער באַם צווייטן די געדאַנקען נעצן, ביז זי האָט איינמאָל, ווי געפּאַלמעסט מיך מיט אירע ווערטער. איך געדיינק יענעם אָוונט. ס׳איז געווען אַזאַ דורכזיכטיקער בלויער אָוונט. מיר זיינען געווען אין אונדזער צימערל. די פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט צום טייך מאָסקווע. מיר זיינען געזעסן אַף דעם דיוואַן. זי אַ שטילע און רואיקע, דורכבלעטערנדיק פאַרשי־דענע פּאַפּירן און איך אַ פאַרטראַכטער. איך פלעג אַזויפיל טראַכטן. פלוצים האָט זי מיט אַ רואיקער אַנטשלאָסנקייט אַוועקגע־לייגט די פּאַפּירן און אָנגענומען מיך בײַ דער האַנט. לעוויטאַן, — האָט זי געזאָגט: פאָרט אַוועק פון דאַנען, פאָרט צוריק אַהינצו, פון וואַנען איר זיינט געקומען.

איך האָב זי אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. האָט זי מיך אויסגע־טאָן מיט אירע ווערטער ביז צו מיין נעשאָמע. זי האָט מיר געזאָגט, אַז איך בין ניט פון דעם טיפּ מענטשן, וואָס קאָנען בויען... זי האָט מיר געזאָגט אַז איך געהער ניט צו דער נייער וועלט; אַז מיין ריידן און מיין שרייבן איז אַ קאַנגלאָמעראַט פון אַ מין אַלעגאָריש־מע ליצעדיקע פּאָעטיש געמאָלענע פראַזן, וואָס שפּיגלען אָפּ מיין נאָלד־אָנגעבלאָזענע אינטעליגענטישקייט. ס׳איז שיין — אָבער פוסט. זי ווייסט, — האָט זי געזאָגט — אַז איך בּיינק נאָך אַזאַ קלייניקייט, ווי דער קנייטש פון מיינע אויסגעפּרעסטע הויזן, נאָך שיינע קראַ־וואַטן, נאָך ציגיינער ראָמאַנסן. זי האָט מיך אויסגעלאַכט, אָנגע־וויזן מיר אַף מיין צעפּוילטקייט, אַף מיין נעוואָראַסטענישער צעק־

ראַכנקיים. זי האָט מיט מאַטעמאַטישער (זי רופט עס מאַרקסיסטי־שער) פּינקטלעכקייט אָנגעוויזן אַף מיין באַנקראָט. איך האָב גע־הערט און ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן. איך האָב זיך דערזען און איך האָב אויפגעהערט גלויבן אין זיך. ס'האָט זיך מיר געוואָלט אַנטלויפן פון זיך — איך בין אַוועק אַן אויסגעהוילטער, אַ לײדיקער...

— אַ, ווי פּעסימיסטיש — האָט מאַניע אַרויפגעלייגט איר האַנט אַף זיינער.

— אַ, ניין, מאַניע. ניט פּעסימיסטיש, נאָר עפּשער נאָך ערגער. סאיז פּאָשעט טראַגיש. מיר, וואָס האָבן באַזונגען דעם גלאַנץ פון דער ברילײאַנטענער עפּאָכע, מיר שטאַרבן אָפּ.

— אַ, ס'איז ניט אַזוי האָפענונגסלאָז, ווי איר מאַכט עס. מיר זען דאָך און וויסן שרייבער, וועלכע זיינען עלטער פון אייך און דאָך האָבן זיי נאָך אויפגעבליט מיט יונגן גייסט...

— אָ, מאַניע, איך רעד ניט פון אונדזערע דיכטער, וועלכע האָבן מיט זייער ערשטער געשריבענער שורע איינגעזויגן אין זיך דאָס סאָ־ציאַלע, דאָס פּאָלקסטימלעכע.

איך רעד פון אַזעלכע דיכטער ווי איך, וועלכע האָבן אימער געקוקט אַפן פאָלק פון אויבן אַראָפּ; וועלכע האָבן זיך געגריבלט אין די אייגענע וואונדן און ניט געזען די גרויסע וואונד פון דער וועלט; זיי זינגען איצט נייע לידער. נייע לידער! כע! ס'איז איינשפּרי־צונגען...

זיי גיסן אויס דעם ווײן פון זייערע אַלטע פעסער, וועלכע זיי־נען שוין דורך און דורך געוויייקט מיט דעם אַלטן אַראָמאַט און גיסן אַן אין די זעלבע פעסער נייעם ווײן. דער נייער ווײן איז אָבער ניט פאַר זייערע בלוטן. זיי ווילן זיין יונג, טאַנצן זיי אַרום די פייערן פון די יונגע, מיט זיך אַליין, אָבער, ווען זיי זיינען מיט זיך אַליין, פילן זיי, ווי עס ברעכן זייערע ביינער, באַוויינען זיי די אַלטע בלע־טער, געלע בלעטער, הארבסט בלעטער פון זייערע שאַפונגען. איר זעט — האָט לעוויטאַן אָנגעוויזן מיט זיין האַנט אַף דעם „פאַנטאַן פון צייט." אָט שטייט די צייט אומבאַוועגלעך, און מיר גייען פאַרביי. אַלע אין איין ריכטונג. קיינער ניט צוריקוועגס.

— יע, יע, זיכער. אַלע גייען מיר פאַרביי. ס'איז עפּשער, טראַגיש, ווי איר זאָגט. אָבער איר האָט דאָך געלעבט. איר האָט גע־

זונגען. און אָפּגעזונגענע לידער זיינען אויך לידער. זיי קלינגען נאָך ערגעץ אין די אויערן פון די אוועקגייענדיקע. דיינקט איר ניט, אַז אַמאָל וועט מען נאָך אויפקלייבן די אַלטע בלעטער און איינאָטעמען אין זיך דעם פאַרבליבענעם אַראָמאַט? אַפילע אין די פאַרגעסענע בלעטער, וואָס מיר געפינען אַמאָל אין אַ פאַרגעסענעם אַלבום, איז אויך פאַראַן עפּעס אַ גערוך, וואָס וועקט שטימונגען און געדאַנקען.

— יע, יע, — האָט לעוויטאַן געזאָגט, — ס'איז עפּשער פאַראַן אַן עמעס אין דעם. ווי זינגט עס דער דיכטער רייזען:

וואָס פאַר אַ בעדייט האָט דאָס שרייען, דאָס פלוכן?
ס'וועט קומען אַ צייט, — דיין ליד וועט מען זוכן.
נאָך איצטיקן דראַנג, ווען פעסטונגען פאַלן —
דיין שטילער געזאַנג, וועט שפּעטער נאָך שאַלן.

— איר זעט, איר זעט! — האָט זיך מאַניע דערפרייט.

— יע, איך זע, איך זע...

זיי זיינען געבליבן אַ פּאָר מינוטן, שווייגנדיק.

לעוויטאַן איז געזעסן פאַרטראַכט. דערנאָך האָט ער אַסוק גע־טאָן אין מאַניעס אויגן און געזאָגט:

— איך טראַכט פון מאַריאַן און פון מאַניען. צוויי פרויען — צוויי זונען. איין זון, וואָס גייט אויף, און איין זון וואָס פאַרגייט. ניט אין די יאָרן — און דער אידעאָלאָגיע. צו דער זון, וואָס גייט אויף, ציט מיך מיין ווילן צו לעבן נאָך, און זיין יונג. צו דער זון, וואָס פאַרגייט, ציט מיך מיין האַרץ און די פּאָעזיע פון שיי־נעם אונטערגאַנג. אונז בלייבט אונטערצוגיין... ביידע... צוזאַמען.

— איר מיינט...

—זעט איר דען ניט?

— איך זע, אָבער...

— מאַניע, איר זיינט מיין לעצטע ליד. מיין שוואַן ליד.

— אָ, לעוויטאַן, מיר דוכט זיך, איר זיינט גלאַט אונטערן איינדרוק פון אייער שטימונג. עס פּאַסט זיך גלאַט אַזאַ פינאַל, אַז שרייבט בעסער אַ ליד.

— מאַניע...

— אָ, איר ווייסט דאָך, וואָס איך פיל... לאָמיר נאָך וואַרטן. נאָך דעם זון אונטערגאַנג ווערט דאָך פינצטער. לאָמיר נאָך וואַרטן.

זי האָט זיך אויפגעהויבן.

— קומט לאָמיר גיין.

שווייגנדיקע האָבן זיי זיך אריינגעזעצט אין אויטאָמאָביל און זיינען אהיים געפאָרן.

---

אין דעם אָוונט, ווען לעוויטאַן האָט געהאַלטן זיין לעצטע לעק־ציע, האָט ער געפילט, אַז עס פעלט אים די אויפריכטיקייט, די ערנסט־קייט און די איבערצייגונגס קראַפט מיט וועלכער ער פלעגט ארויס־ברענגען א געדאַנק. די אויגן האָבן געבלאַנדזשעט איבער פרעמדע פּנים, אָנגעשלאָגן זיך אָן פרעמדע, גאָר פרעמדע בליקן, וועלכע האָבן ניט רעפלעקטירט מיט אינטערעס און מיט געדאַנק. פרעמדע פּעני־מער, פרעמדע אויגן, ניט, ווי אַמאָל... זיצן דרייסיק, פערציק מענטשן און נענעצן. יענע יונגע, יענע נייע, וואָס בויען איצט זייער קולטור, זייער וועלט... ניטאָ. נייע צייטן, נייע לידער...

ער איז אהיימגעקומען מיט מאַניען א צערודערטער.

מילער, וועלכער האָט געהאַט אין דעם אָוונט א וויכטיקן מיטינג מיט זיינע שותפים, איז נאָך ניט געווען אין דער היים. א שווייגנדי־קער האָט זיך לעוויטאַן אנידערגעזעצט אין פראָנט צימער. מאַניע האָט נאָכגעזונגען דעם ראָמאַנס „שוואַרצע אויגן," וואָס אָן אַנגע־נעמער באַריטאָן האָט געזונגען פון דער ראַדיאָ. אין צימער איז גע־ווען האַלב טונקל.

—קומט אהער, מאַניע. — האָט לעוויטאַן אָנגעוויזן לעבן זיך.

— זיצט דאָ לעבן מיר.

זי איז צוגעגאַנגען און אנידערגעזעצט זיך לעבן אים, פאַרמאַכט די אויגן, ווינגדיק מיטן קאָפּ צום טאַקט פון דער מעלאָדיע.

— ווען איך האָב די מאַכט צו באַפעלן, וואָלט איך פאַרווערט דעם סאָרט מוזיק — האָט לעוויטאַן געזאָגט.

— פאַרוואָס?

— ווייל עס דרינגט אריין אין דער נעשאָמע. אָט אָ די רוסישע ראָמאַנסן צעברעכן דיך, זיי קריכן מיט טריבער זיסקייט אין דיין האַרץ און פאַרשיקערן דיך, ווי מיט אָפּיום. און דערנאָך בלייבט מען א צעווייטיקטער. איך ווייס ניט פאַרוואָס, אָבער איך טראַכט אימער פון זעלבסטמאָרד, ווען איך הער דעם סאָרט לידער.

— עפשער זאָל איך פאַרמאַכן די ראַדיאָ? — האָט מאַניע געפרעגט — עס ווילט זיך מיר ניט, איר זאָלט באַגיין זעלבסטמאָרד בא מיר אין הויז.

— ניט ווען איר זיינט לעבן מיר — האָט לעוויטאַן געגלעט אירע האָר. — וואָס פאַר א שיינע האָר איר האָט און וואָס פאַר א אויגן...

— א, איר הויבט שוין ווידער אָן...

— דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס ס'איז פאַר מיר פאַרבליבן.

— א, לעוויטאַן, איר מאַכט מיך בייז. — האָט אים מאַניע א קלאַפּ געטאָן איבער דער האַנט. — איך דיינק אַז, יענע מאַריאַ איז גערעכט געווען, ווען זי האָט געזאָגט, אַז איר האָט א ליינדנשאַפט צו שיינע פּראָזן. איך גלויב אָבער, אַז אייער רעדן איז ניט מער, ווי א קאָמפּלעקס. נעמט זיך אין די הענט אריין.

— וואָס הייסט נעמען זיך אין די הענט אריין?

— נו, זייט, לעבעדיק. קוקט אָפן לעבן רואיקער. טראָגט ניט מיט זיך דעם פּעסימיסטישן קוק. ס'איז ניט שיין אַזוי, לעוויטאַן...

— אָ, איר ווייסט ניט, מאַניע, איר פאַרשטייט מיך ניט. מ'קאָן זיך ניט אָפּנאַרן. מ'קאָן ניט נעמען אין די הענט אריין א נעשאָמע, ווי א שטיק וואַקס און אויסקנעטן א מאַלפּע...

— א, אַזוי! וועל איך זיין פּאַרזיכטיק ניט צוצורירן זיך צו אייך מיט מיינע הענט.

— אונטער אייערע הענט וואָלט זי צעגאַנגען געוואָרן.

— איר ווייסט לעוויטאַן. מיר דוכט זיך, אַז אָט דער סאָרט ריידן אייערע ווייזט גאָר, אַז איר זיינט נאָך יונג, אַז איר זיינט נאָך ניט אַזוי אַלט, ווי איר מאַכט זיך. נאָר יונגע ריידן אַזוי. דאָך וואָלט איך געוואָלט וויסן, וואָס האָט איר אַזוינס דערזען אין מיר. איר, וואָס האָט אַזוי פיל פרויען געזען און... געהאַט...

— איך וועל ענטפערן אַף מיין שטייגער. ווען איך בין נאָך זייער יונג געווען, פלעגט יעדער נאַרישער בוך, יעדע שיינע נישטיקע מייסעלע פאַרטראָגן מיך אין די הימלען אריין. דערנאָך, ווען איך בין געוואָרן מער אַנטוויקלט, האָט שוין ניט יעדער בוך געקאָנט פאַראינ־טערעסירן מיך און אינטריגירן. איך פלעג שוין איבערקלייבן, זוכן... איצט גייען דורך מיינע אויגן טויזענטער ביכער און זייער זעלטן, ווען איך געפין א בוך, וואָס פאַרכאַפּט מיך מיט דעם זעלבן ברען,

ווי אמאָל, וואָס פאַרשאַפט מיר פאַרגעניגן, וואָס דערהויבט מיך...

— זעלבסטפאַרשטענדלעך. — האָט מאַניע געשמייכלט — בין איך, הייסט עס פון יענע זעלטענע ביכער?

— עס ווייזט אויס אַזוי...

—נו, און, אַז איר וועט שוין דורכלייענען... נו, איז וואָס... לעוויטאַן?...

לעוויטאַן האָט אָנגענומען איר קאָפּ מיט ביידע הענט, געקוקט אַ ווײַלע אין אירע אויגן און מיטאַמאָל צוגעפאַלן צו אירע ליפּן. זי האָט זיך ניט געוועדט. מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט זי זיך אָפּגעגעבן זיין קוש. געפילט, ווי ער דריקט זי שטאַרקער, ווי זיין פּנים און זיינע הענט ברענען... געפילט, ווי זיינע ליפּן זוכן איר לייב, גלעטן און בייסן אירע נאַקעטע קני. אַ פאַרנעבעלטע געזען, ווי זיין האַנט ציט זיך צום שנור פון לאָמפּ... געדריקט אים צו זיך...

— לעוויטאַן... לעוויטאַן... לעוויטאַן...

---

ווען מילער איז אַהיים געקומען איז לעוויטאַן געזעסן אַ מידער אויפן שטול און געראויכערט זיין ליולקע. מאַניע האָט אָנגעגאָסן טיי.

מילער האָט זייער באַדויערט, וואָס ער האָט ניט געקאָנט קומען צו לעוויטאַנס לעצטע לעקציע און לעוויטאַן האָט געהערט, ווי ער זאָגט עפּעס מאַניען שטילערהייט, דערמאָנט עפּעס נעמען... אָ, די נעמען האָט ער שוין דאָ געהערט... דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, געשעפטסלייטע, אַן אָוונט איינאָרדאָנען פאַר אים... אָך, יע, דאָס זיינען איצט זיינע, זיינע, וואָס זיינע? עך...

לעוויטאַן האָט פאַרמאַכט די אויגן. געפילט אַ פּוסטקייט, אַ נאָגעניש. געהערט מאַניעס שטימע און געוואונדערט זיך, ווי זי רעדט עפּעס אַזוי רואיק, גלייך, ווי ס'איז גאָרניט געשען. און מילער לאַכט און קושט זי אין די אויגן, און ווייסט גאָרניט, גאָרניט... אַט אַזוי גייט די וועלט, אָ? אַט אַזוי דאַרף עס זיין? אַט אַזוי האָט ער אויך מיט זיין שרייבן אָפּגענאַרט דעם לייענער. געמאַכט אַ הערלעך, אומשולדיק מאַרטירערישן פּנים, אפילע. און דער לייענער האָט געגלויבט אין זיין אידעאַלער נעשאָמע אין דער צייט, ווען די אידעאַלן זיינע זיינען געווען אויסגעטראַכטע, אָפּט אָנגעווייעטע פון סענטימענטן, פאַנטאַזיעס פון נישט געשטויגענעם, ניט געפלויגענעם אידעאַליזם...פּפע!

אַט האָט ער זי געהאַט. אונטערגעגעבן זיך אַן אַ קאַמף... געפאַלן. אַט איז ער אַריבער יענע מיסטעריעזע טיר. וואוהין זאָל ער איצט גיין? פאַרבלייבן דאָ אין דעם ווינקל פון מילערס, צו וואָס? פריידיקן היפּאָקריטישע מאָראַל? פאַר וועמען? טאָ וואוהין? !

—לעוויטאַן, קומט טרינקן טיי. — האָט ער דערהערט.

ער האָט זיך אויפגעהויבן. אַריינגעגאַנגען אין עסצימער. אַ קוק געטאָן אַף די שוואַרצע שאָטנס אונטער מאַניעס אויגן. געטרונקען די טיי, שווייגנדיק. און פּלוצים, ניט טראַכטנדיק, אַ פרעג געטאָן:

— ווען גייט אַפּ אַ צוג קיין נויאָרק?

— וואָס מיינט איר? — האָט זיך מילער פאַרוואונדערט.

— איך מיין צוריקפאָרן קיין נויאָרק.

— אָבער מיר האָבן זיך דאָ געגרייט...

— אָ, צו וואָס?... צו וואָס? — האָט לעוויטאַן אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — איך מוז פאָרן, איך מוז.

— אינדערפרי גייט אַפּ אַ באַן, — האָט מילער געזאָגט.

— גוט. וועל איך פאָרן אינדערפרי.

איידער לעוויטאַן איז אַריינגעגאַנגען צו זיך אין צימער שלאָפן, האָט ער געזען, ווי מאַניע שטייט באַם טיש פאַרטראַכט. דער אויסדרוק פון איר פּאָנים איז געווען פרעמד און ניט אָנגענעם.

אינדערפרי האָבן זיי אים גענומען צו דער באַן־סטאַנציע. כוץ מאַניען און מילערן איז קיינער ניט געווען. ער האָט זיי געבעטן קיינעם ניט זאָגן אַז ער פאָרט אוועק. געזעגנט זיך מיט זיי מיט געצוואונגענער וואַרימקייט. ניט געוואָלט קוקן אין זייערע אויגן און אַלץ געאיילט זיי, זיי זאָלן גיין. געוואָלט בלייבן אַליין.

---

דער באַן האָט זיך געטראָגן פאַרביי שטעטלעך און פעלדער. לעוויטאַן האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. פאַרביי זיינען געלאָפן גרויע וואָלקנס, גרויע הייזער, גרויע ערד, גרוי לעבן.

אַט דונערן די רעדער אַף אַ בריק. אַ לאַנגע בריק. אונטן אַ טיפער טייך. אַ גרויער טייך. ווי לאַנג נעמט עס אַרויסצוגיין אַף דער פּלאַטפאָרמע פון וואַגאָן, אַ שפּרונג טאָן אין טייך אַריין און אויס... אויס... אויס ראַנגגלעניש, אויס זוכעניש, אויס פוסטקייט און גרוי־

קיט... לעוויטאַנס געדאַנקען זיינען געפֿלויגן ווי דער באַן. זאָל ער? זאָל ער?...

דער באַן איז שוין פֿון לאַנג אַריבער דעם בריק. ווידער פֿליען פֿאַרביי בוימער, פֿעלדער, בערגלעך, הייזער.

קיין נויאָרק... קיין נויאָרק... קיין נויאָרק...

מיט פֿאַרמאַכטע אויגן איז לעוויטאַן געזעסן און צוגעהערט צום קלאַפּן פֿון די רעדער, צו זייער ריטם, וואָס האָט געקלונגען אין די אויערן:

קיין נויאָרק, קיין נויאָרק, קיין נויאָרק...

# בורלעסק

די זון איז שוין פארגאנגען און עס האָט אָנגעהויבן צו ווערן טונקל.

מאנדל האָט אַנידערגעלייגט די צייטונג אַף דער באַנק און אויפ־געהויבן זיך. א יונגערמאן, וואָס איז געזעסן אַף דעם צווייטן עק פון באַנק, האָט אים געפרעגט ווי שפעט עס איז. מאנדל האָט אים געזאָגט און אזוי ארום האָבן זיי זיך פאנאנדערגערעדט.

דער יונגערמאן האָט אים געזאָגט, אז ער איז א בעקער, זיין נאָמען איז פאלאניץ; ער ארבעט באנאכט, א גאנצן טאָג שלאָפט ער און נאָר פארנאכט גייט ער ארויס עסן און שפאצירן. איצט האָט ער צייט ביז צוועלף, און וואָס מען טוט מיט זיך ווייס ער ניט.

מאנדל האָט זיך צוריק אַנידערגעזעצט. ער האָט אויך ניט וואָס צו טאָן, האָט ער געזאָגט. ער איז א פּאָריער. ער מאכט גוטע געלט, אָבער... אויך דאָס זעלבע... סאיז ניטאָ וואָס צו טאָן. אָט אזוי: קומט א זונטיק, דרייט ער זיך ארום אהין, אהער. וואָס, ווער, ווען...

אין דער אַלטער היים איז ער געווען גאָר אַנ'אַנדער מענטש. אָפּ־געארבעט א גאנצע וואָך, פלעגט ער שאבעס ארויסגיין מיט דער ווייב צו די קרויווים, צו באקאנטע. און דאָ — דאָ איז עפּעס אַנ־דערש. דאָס לעבן איז קיין לעבן ניט. וואָס, ווער, ווען... פון זינט די ווייב איז געשטאָרבן, איז ער גאָר קיין מענטש ניט.

— פון וואָס איז געשטאָרבן אייער ווייב? —האָט פאלאניץ געפרעגט.

— געשטאָרבן אין קימפּעט איז זי. ביידע זיינען זיי געשטאָרבן. דאָס קינד און זי. מיט צוואנגען האָט מען עס באדארפט נעמען.

— שוין לאַנג?

— שוין באלד צוויי יאָר — האָט מאנדל א זיפץ געטאָן. — און פון זינט איך בין איינער אַליין, איז דאָס לעבן קיין לעבן ניט. וואָס

לעבט א מענטש אף דער וועלט? איך וועל אייך זאָגן דעם עמעס, א מאַן אָן א פרוי איז ווי א זאַק מיט טוואוע, וואָס ליגט און ליגט און ווערט פארפוילט. וואָס איז א מאַן אָן א פרוי? אלץ טוט ער דאָך צוליב איר. און נאָר צוליב איר ווילט זיך אים לעבן. דרייסט זיך ארום גאַנצע טעג, ווי א צעדולטער, און גאַנצע נעכט ליגסטו ואון פילסט ווי עס ברענט אין דיר א פייער, און סארפעט... וואָס, ווער, ווען... סאיז א לעבן? וואָס?

— נו, קאָנט איר ניט געפינען עפעס א פרוי און הייראַטן?

— האָט פאלאניץ געפרעגט.

— עפעס אזוי געפינט מען און עפעס אזוי הייראַט מען? — האָט מאנדל אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. און א צעפרידענער מיט דער געלעגנהייט אויסצוגיסן פאַר עמיצן זיין האַרץ, האָט ער אָנגעהויבן דערציילן וועגן זיך.

אין דער היים איז ער געווען א קירזשנער. די פארשטאָרבענע פרוי זיינע האָט אים דער שווער אונטערגערוקט פונקט, ווי ער פלעגט אונטעררוקן א פעלץ צו א גוי. א פרוי האָט ער געזען דאַרף ער, קיין מיעסע איז זי ניט געווען, נו, האָט ער געהייראַט. דער שווער און די קרובֿים האָבן צוזאַמענגעלייגט אביסל געלט פאַר זיי, זיינען זיי אוועק קיין אמעריקע. עס האָט זיך זיי געלעבט גוט. ער איז ניט פון די אידן וואָס לויפן ארום. ער איז שוין ב"ה אין די פער־ציקער. ער טרינקט ניט, ער שפילט ניט אין קאָרטן, און וואָס איז שאַיעך פרויען, איז אז ער האָט געהאַט די ווייב, איז פאַר אים געווען געגוג. נו, האָט געטראָפן דער אומגליק. א מענטש איז אָבער א מענטש. ווי לאַנג קאָן זיך א מאַן ארומדרייען אזוי אָן א פרוי? קיין באַקאַנטשאַפטן מיט פרויען קאָן ער אָבער ניט מאַכן. ער ווייסט ניט, אפילע, ווי אזוי מען פאַנגט אָן מיט זיי. אוודע זיינען פאַראַן אסאַך פרויען. נו, איז ער דאָך ניט קיין „באָם", קיין אויס־וואורף. ער קאָן ניט לויפן צו פרויען עפעס אָט אזוי, ווי אנדערע לויפן. נו, ליידט ער טאַקע. אז עס קומט דער אָוונט, ווערט אים עפעס אזוי אומעטיק אף דער נעשאָמע. צו וואָס נאַרן זיך? ער ווייסט, אז ווען ער האָט א פרוי לעבן זיך, וואָלט דאָס לעבן געוואָרן אנדערש. עס וואָלט זיך אים געגלוסט צו לעבן. עט! גיי נעפין א פרוי. עס זאָגט זיך אזוי.

פּאַלאַניץ האָט געראַיכערט און געשוויגן, און ווען מאַנדל האָט געענדיקט, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— יע, עס איז פּאַסקודנע אַזוי... יע... אָבער אויב איר ווילט, ווייס איך אַ פּלאַץ... — און דערביי האָט ער אַ וואונק געטאָן מיט אַן אויג.

— איר מיינט פון די... פון די נעקייוועס? ניין.

— פאַרוואָס ניין? וואָס זשע זיי זיינען ניט קיין פרויען?

— יאָ, אָבער... ס'איז ניט דאָס — ס'איז ניט שיין.

— ניט שיין „מאַי אַי!" וואָס הייסט ניט שיין?

— יאָ, אָבער ניט דאָס דאַרף איך.

— אָ, בלאָפט ניט. דאָס איז אַלץ וואָס אַ מאַן דאַרף. וואָס איז אייך דער אונטערשייד?

— איך ווייס... עפּשער איז ניט קיין אונטערשייד, אָבער...

— אַ מאַן איז אַ מאַן און אַ פרוי איז אַ פרוי.

— ע, וואָס פאַרגלייכט איר... אַ ווייב צו אַ נעקייווע. אַ ווייב איז דיינע, איר פאַרשטייט? אַ ווייב איז דיין פריינט, דיין... איך ווייס וואָס? עס איז אַלץ. און דאָרט... וואָס, ווער, ווען.

— נו, זעט מען זיך מיט אַ שאַדכנטע און פאַרטיק.

— ווייס איך וואָס. אַלטע ווייבער גיבן זיי מיר... און עפּעס אַ שענערע, אַן אינגערע וויל מיך ניט.

זיי זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. מאַנדל האָט מוירע געהאַט, אַז פּאַלאַניץ זאָל זיך פּלוצים ניט אויפהויבן און אַוועקגיין. דער גע־שפּרעך מיט אים האָט אים עפּעס אַזוי מאָדנע געריייצט. גייט ער אַוועק, איז ניטאָ מער דאָס טירל, וואָס האָט זיך פּלוצים אָן עפן געטאָן פאַר אים און געצויגן, גערופן ערגעץ אַהינצו... אַהין...

און עפּשער זאָל ער גיין מיט אים? דאָס בלוט און דאָס לייב רופט דאָך, זוכט און גלוסט. געוונג זיין אַ טרוס, אַן אויסגעוואַשענער צאַדיק. אַ מאַן דאַרף עס. מ'קאָן ניט אַזוי. מ'זאָגט, אַז ס'איז ניט געזונט...

מאַנדל האָט זיך פּלוצים דערמאָנט אָן דער מיסעס באַ וועלכער ער האָט געוואוינט. אַן אַלמאָנע מיט דריי קינדערלעך. אַזאַ מיאוסע,

אזא דארע, אזא שווארצע... און דאָך ציט אים עפּעס יעדע נאַכט אונטערצוקוקן זיך, ווי זי טוט זיך אויס. ליגט אַזוי אַן איינגעבוי־גענער אַפן בעט און קוקט אַף אירע אויסגעקרימטע נאַקעטע פיס און אָרעמס. פאַרוואָס טוט ער עס? פאַרוואָס וויל ער, אַז אויך זי זאָל אים זען א נאַקעטן, פאַרוואָס? ער ווייסט, אַז זי די אַלמאָנע, וואָלט זייער געוואָלט אים האָבן פאַר א מאַן. און פאַרוואָס זאָל זי ניט וועלן? ער איז פאָרט ניט קיין אַלטער מאַן און זי ווייסט, אַז ער האָט אין די ביינק אָפּגעשפּאָרט עטלעכע דאָלער אויך. און ווער ווייסט זי אַמאָל נעמען מיט דריי קינדער... און זי איז דאָך אויך א מענטש, זי דאַרף דאָך אויך א מאַן, ווי ער א פרוי... אָבער ער ווייסט ניט, ער וויל א שענערע פרוי. ער קוקט זיך טאַקע אונטער ווען זי טוט זיך אויס, אָבער דערנאָך ליגט ער מיט פאַרמאַכטע אויגן און שטעלט זיך פאָר אַן אַנדערע, א שענערע אַף איר אָרט. זי איז עפּעס צו־דאַר, צו־שוואַרץ...

פאַלאַניץ האָט זיך אויפגעהויבן, אויסגעגלייכט די ביינער, איינגעצויגן דעם גאַרטל אַרום די הויזן:

— נו, גוד ביי, מיסטער מאַנדל, איך דיינק איך וועל שוין גיין.

— איר גייט שוין?

— יאָ, אַריינכאַפּן זיך עפּשער אין א בורלעסק.

— וואוהין?

— אין א בורלעסק.

— וואָס איז דאָס פאַר א פּלאַץ?

— באָי! ס'איז שוין איינמאָל א פּלאַץ. מיידלעך וואַרפן דאָרט מיט די פיסלעך, אַז עס גייט א רויך. קומט איר ווילט גיין?

— א טעאַטער?

— איך ווייס, רופט עס א טעאַטער, אַז איר ווילט.

— וואָס זשע שפּילט מען דאָרט?

— וואָס מע שפּילט? איר וועט שוין זען.

— גוט מירן אָנקוקן.

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צום טעאַטער און מאַנדל האָט דער־

זען די פאָטאָגראַפיעס פון די נאַקעטע מיידלעך, וואָס זיינען גע־האַנגען אין דרויסן, איז ער געבליבן שטיין אין פאַרלעגנהייט. ניט איינמאָל פלעגט ער דאָ דורכגיין און ביגענייווע כאַפּן אַ קוק אַף די נאַקעטע מיידלעך. גייען זיי טאַקע אַרום דאָרט אינגאַנצן נאַקע־טע? — פלעגט ער זיך אַפּט וואונדערן. און וואָס טוען זיי דאָרט? וואָס הייסט עפּעס זיי טאַנצן נאַקעטע? נו, און מ'לאָזט זיי? פלעגט ער אַזוי, ניט איינמאָל, שטיין און מעקאַנע זיין די מענער, וואָס פלעגן אַריינגיין און זען נאַקעטע פרויען. עס פלעגט זיך אים אויך גלוסטן אַריינגיין. ער האָט אָבער קיין אידיש פּאָנים ניט געזען צווישן די אַריינגייער. סאַמע שקאָצים און אַלטע לייט. פאַרוואָס גייען ניט קיין אידן אַהערצו, פלעגט ער זיך וואונדערן, און אַוועקגיין, וואַרפנ־דיק דעם לעצטן בליק צו די בילדער.

— נו, קומט לאָמיר אַריינגיין, מיסטער מאַנדל.

מאַנדל האָט באַצאָלט זיינע פופציק סענט און זיי זיינען אַריינ־געגאַנגען.

פּאַלאַניץ איז געגאַנגען פאָרויס און מאַנדל נאָך אים. אַנידער־געזעצט זיך נאָנט צו דער בינע.

מאַנדל האָט זיך אַרומגעקוקט. אַרום און אַרום זיינען געזעסן מענער, סאַמע מענער, מערסטנס עלטערע מיט פּליכעוואַטע קעפּ. געזעסן, גערויכערט און געשוויגן. אין טעאַטער איז געווען האַלב טונקל.

מאַנדל האָט זיך געפילט אומבאַקוועם, אָבער אין דער זעלבי־קער צייט האָט אים געפרייט, וואָס ער האָט זיך געטראָפן מיט דעם באָכער פּאַלאַניץ און געקומען אַהער, וואוהין ער האָט קיינמאָל ניט געוואַגט אַריינצוגיין.

דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן. די מוזיק האָט אַ שאַל געטאָן מיט טענער און אַפּאָר טוצן האַלב נאַקעטע מיידלעך זיינען אַרויס אַף דער בינע און אָנגעהויבן טאַנצן. מאַנדל האָט ניט געוואוסט אַף וועלכער מיידל פריער צו קוקן. אַזויפיל נאַקעטע פיס, נאַקעטע אָרעמס, נאַקעטע פלייצעס און בייכער... טאַנצן און זינגען...

אָט איז אַרויס אַ בילד שיינע פרוי, אָנגעטאָן אין גאָלד, זילבער און בריליאַנטען. שמייכלט אַזוי ליבלעך... זינגט און טאַנצט מיט

די נאַקעטע מיידלעך. מאַנדל האָט געקוקט אַף איר אַ פּאַרגאַפטער. אין זיין פאַנטאַזיע האָט ער זיך געמאָלט בילדער איינע רייצנדער פון דער צווייטער... ווען ער קאָן זי אָנקוקן, זען אַזוי נאַקעט ווי די מיידלעך זיינען...

די מיידלעך טאַנצן אַרוים דורך ביידע זייטן פון דער בינע, און זי, די בריליאַנטענע שיינהייט, בלייבט אַליין. שמייכלט נאָך ליבלעכער, טאַנצט נאָך רייצנדער. און הויבט זי אָן אָפּשפּיליען איר קלייד... שפּילעט אָפּ אַזוי לאַנגזאַם, לאַנגזאַם... אַנטבלויזט אירע נאַקעטע אָרעמס, דערנאָך איר בויך. אירע פיס... שטייט אַ ווײַלע קימאַט אינגאַנצן אַ נאַקעטע און לויפט אַרוים...

אַ פּאַטשערייַ פון הענט האָט אַ הילך געטאָן און די מוזיק האָט ווידער ווי אַ שפּריץ געטאָן מיט הייסע טענער...

אָט קומט זי ווידער אַרוים אַף דער בינע. גייט פון איין עק צום צווייטן... דרייט פאַרשייט מיט איר קערפּער, מיט איר בויך. רייצט מיט טייווע, צינדט די בלוטן... אָט האָט זי אָנגעהויבן ציען לאַנגזאַם, לאַנגזאַם אַ זיידן שנירל פון דעם שמאָלן זיידענעם פּאַס, וואָס האָט פאַרדעקט אירע בריסטן... ציט, ציט... און קוקט אַף די מענער מיט אַ שעלמישן, רייצענדן און אַזויפיל צוזאָגנדן בליק...

אַף איין אויגנבליק האָבן פּאַר מאַנדלען אַ שיין געטאָן אירע ווייסע, פולע בריסטן, אַ בליץ געטאָן מיט שיינקייט, און פאַרשוואונדן... די מוזיק האָט געשאַלט מיט פייער. די בינע איז געווען טונקל, נאָר אַ רויטער פּאַס ליכט איז געפאַלן פון ערגעץ, און אין דעם פּאַס ליכט איז זי ווידער געבאָרן געוואָרן, ווי אַ קישעפדיקע לילים... האָבן ווידער אַ ציטער געטאָן די גלידער... האָט זיך ווידער געדרייט איר לייב און בויך, ווי אָפּגעבנדיק זיך דעם פילקעפּיקן האַמוין... געשלעפּט דעם צערייצטן געדאַנק, געפּייניקט די גלידער מיט זיסקייט פון טייווע... אירע אויגן — פייערדיקע פיילן, איר שטימע — אַ קרעכץ, וואָס צינדט מיט לײדנשאַפט און פיבער...

מאַנדל איז געזעסן און געברענט אין אייגענעם פייער. זי איז שוין אַראָפּ פון דער בינע. צוויי פּאַיאַצן אין ברייטע הויזן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין אַראָפּפאַלן, האָבן געזאָגט צווײדײטיקע

וויצן. צוויי נעגערס האָבן אָפּגעקלאַפּט מיט זייערע פיס אַ נעגערשן טאַנץ. ווידער זיינען אַרויס די מיידלעך, בלענדענדיק מיט קאָליהטע פאַסן אַרום די בריסטן און לענדן. ווידער געדרייט מיט די פיס מיט די בייכער און ווידער איז אַ שלאַנקע לילים געבליבן אַליין... ווידער אַנטבלויזט איר לייב און בריסטן... געשאָלט האָבן קאָרנעטן, אויסגעמישט זיך אין ווילדן קאַצניאַמער מיט די סאַקסאָפאָנען און קלאַרנעטן.

דער לעצטער בליק... דער לעצטער פיבערדיקער ציטער, דער לעצטער באַגער אַרומצונעמען איר לייב און דורכצוברעכען מיט די בליקן דעם דינעם, דורכזיכטיקן וואַל אַרום אירע לענדן... און די פאָרשטעלונג איז געענדיקט.

מאַנדל איז אַרויסגעקומען אַ רויטער. געשעמט זיך קוקן אַף פּאַלאַניצן. דער קאָפּ איז בא אים געווען ווי אָנגעלאָדן מיט הייסן בליי און פאַר די אויגן האָבן נאָך אַלץ געשוועבט נאַקעטע פיס...

— אוי, האָסטו געזען אַביסל פּאַלקעס מיט ליטקעס, אַ? — האָט זיך פּאַלאַניץ געווישט דעם שווייס. — האָט איר געזען ווי די רויטינקע האָט אַביסל אַריינגעדרייט? אוי, מאַמע! זיי קענען די שיקסעס, אַ בראָך צו זיי!...

מאַנדל האָט געשמייכלט טאַמעוואַטע און געפילט ווי עס ציטערן בא אים די פיס.

— נו גוד ביי, מיסטער מאַנדל — האָט זיך פּאַלאַניץ געלאָזט אין אַן אַנדער ריכטונג — שוין צייט צו דער אַרבעט.

— גוד ביי, גוד ביי — האָט מאַנדל אַ מידער געענטפערט.

---

מאַנדל איז אַהיים געקומען, אַריינגעגאַנגען צו זיך אין צימער, אויסגעטאָן זיך און אַריינגעלייגט זיך אין בעט.

די מיסעס איז געשטאַנען אין קיך און געוואַשן עפּעס.

מאַנדל האָט געזען ווי זי שטייט אין איר נאַכט העמד, דורך וועלכן עס האָבן זיך אַרויסגעזען אירע פיס.

ער איז געלעגן, געקוקט אַף איר, געדריקט מיט די הענט זיין

ליב און געפילט ווי הייסע כוואליעס שלאָגן אין זיינע שליפן... פאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען די נאַקעטע פרוי פון בורלעסק. די טייוועס האָט זיך. ווי אַ ברענענדיקע שלאַנג געשלענגלט פון איר בויך און אים ארומגענומען און געדריקט... געבריט מיט אָנגעגליטע גלידער...

— מיסעס קאַרש, מיסעס קאַרש...

דערפילט אַז ער ציטערט, אַז עפּעס דערנענטערט זיך... עפּעס קומט און שלעפּט אים אין אַ ברענענדיקן טהום...

זי איז געשטאַנען פאַר אים אין איר נאַכט העמד מיט פייכטע אויגן, אַ בלייכע און מיט אַ שולדיקן שמייכל אויף די ליפּן.

מיט ציטערנדיקע הענט האָט ער זי צוגעצויגן צו זיך...

---

ס'איז געווען אַ זונטיק פאַרנאַכט.

מאַנדל און זיין פרוי און די קינדער האָבן ערשט אָפּגעגעסן. דער דרויסן האָט גערופן מיט פרישקייט.

מאַנדל איז געזעסן אַ פאַרטראַכטער. ער האָט זיך דערמאָנט אָן פונקט אַזאַ זונטיקדיקן פאַרנאַכט און אָן דעם באָכער פאַלאַניץ. דערמאָנט זיך און געצויגן דעם פּאָדים ביז צו דער כאַסענע מיט דער מיסעס קאַרש...

געזעסן, געטראַכט און געבייגקט נאָך עפּעס. אויפגעהויבן זיך אַ פאַרכאַלעמטער און צוגעגאַנגען צו דער טיר.

— דו גייסט ערגעץ אַוועק? — האָט זי געפרעגט.

— יאָ, אַזוי... אַביסל אַרויס.

ער איז אַרויסגעגאַנגען. געלאָזט זיך גיין אָן אַ ציל. געגאַנגען... און ברענענדיקע אויגן און רויטע ליפּן האָבן אַ פינקל געטאָן, אַ רוף געטאָן...

אָט טאַנצט זי אין דער לופט די גאָלדענע לילים... ווינקט שעל־מיש מיט די אויגן און שפּילעט אָפּ דאָס גאָלדענע קלייד... שלענגלט זיך פון איר ווייסן רונדן בויך די זיסע טייוועס און ציט, און ציט, און ציט...

אָט איז עס, אָט איז עס, אָט...

בורלעסק

אַנגעטאָפּט אין דער קעשענע דאָס געלט. אַרומגעקוקט זיך, צי שטייט נאָך ניט א באַקאַנטער ערגעץ נאָענט. שנעל, ווי אויסהיטנדיק זיך פון טויזענטער אויגן, א לאָז געטאָן זיך צו דער טיר און, ווי א פאַרנעפּעלטער, אַריינגעוואָרפן זיך אין דעם כאָלעם פון ברוויזנדיקער טייווע — אין בורלעסק.

# מיסטער בלעקסטאָן

הינטער דער טיר האָבן זיך געהערט טריט.

לאַרא איז געשטאַנען א ווײַלע און צוגעהערט זיך. נאָך זײַנע טריט האָט זי שוין געקאָנט דערקאָנען זײַן שטימונג. שרײַבט שוין אַפּאָלעמישן אַרטיקל, מיסטאָמע. ער איז אויפגערעגט. דאָס איז זײַן טעווע, שרײַבט אָפּ אַ זײַטל אָדער צוויי און הויבט אָן אַרומגיין איבערן צימער. גייט מיט אָן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און טראַכט. דערנאָך זעצט ער זיך ווידער אַנידער בײַם טיש, שרײַבט שנעל, ווי נאָכלויפנדיק די בליץ שנעלע געדאַנקען און הויבט ווי־דער אָן שפּאַנען הין און צוריק. אַזוי שרײַבט ער. אַזוי האָט ער געשאַפן זײַנע ווערק, און באַרימט געמאַכט דעם נאָמען דאַוויד שײַנזאָן.

לאַרא האָט געוואוסט, אַז ער האָט ניט ליב ווען מע שטערט אים, איז זי שטיל אַוועק געגאַנגען.

דאַוויד שײַנזאָן איז געווען אַ הויכער, שײנער מאַן. זײַן גע־גאָלט פּנים האָט אויסגעדריקט שטאַרקייט און קלוגשאַפט. אין זײַנע מאַניערן — אײדל, אין די באַציאונגען צו מענטשן — פרײַנטלעך. אַ מאַגנעטישע פּערזענלעכקייט, פלעגט מען אויף אים זאָגן. אַ אי־דישער אַדיסטאָקראַט.

שײַנזאָן האָט זיך געהאַלטן פאַר דעם נײַעם טיפּ איד. טיף נאַציאָנאַליסטיש און דאָך ווײַט פון שאָוויניזם. זײַן טרוים איז גע־ווען אַ פרײַער פעלקער בונד. אַ פרײַער ערד קוגל פאַר אַלע פעלקער מיט אויטאָנאָמישע רעכט פאַר יעדער נאַציע.

ער האָט ליב געהאַט די ספּעציפישע נאַציאָנאַלע שטריכן אין יעדן מענטשן, און כאָטש ער אַליין פלעגט ניט אונטערשטרײַכן זײַנע אייגענע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן, דאָך פלעגט עס אים גע־פעלן אין אַנדערע. דער ציגײַנער אין זײַן קאָלירטן קאָסטיום, די כינעזער און יאַפּאַנעזער מיט זייער שטילן קעציש גאַנג, דער רוס

און דער איטאַליענער — יעדער האָט אין אים געוועקט בילדערישע עמאָציעס. יעדער פון זיי איז ביי אים געווען אַן אינטרעסאַנטער מיטגליד פון דער מענטשהייט. און אין יעדן פון זיי האָט ער געפונען עפּעס, וואָס האָט אַרויסגערופן זיין אַנטציקונג און ליבע.

זיין טאָכטער לאָראַ איז געווען בא אים אַן איין און איינציקע. די מוטער איז געשטאָרבן, ווען זי איז נאָך אַ קליין קינד געווען. האָט ער זי אָפּגעפירט צו זיינער אַ שוועסטער קיין קאַנאַדע אין אַ קליין שטעטל, וואו ס'איז קימאַט קיין אידן ניט געווען. דאָרט האָט זיך לאָראַ אויפגעצויגן.

ווען זי איז אַלט געוואָרן פופצן יאָר, האָט ער זי גענומען צו זיך. און מיט דער גאַנצער ליבע און באַגייסטערונג אַף וועלכער ער איז פּייאיק געווען, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער נייער פליכט פון דערציען זיין קינד לויט זיינע אידעאַלן.

לאָראַ איז געווען מאָדערן. גערעדט דריי שפּראַכן, פאַרנומען זיך מיט ספּאָרט און געשריבן. געטרוימט צו ווערן אַ שרייבערין. געשריבן אָבער האָט זי אין ענגליש. צוליב דעם פאָטער האָט זי זיך אויסגעלערנט אידיש. אָבער אַף זיין שרייבן האָט זי געקוקט מיט דעם רעספּעקט, מיט וועלכן אַ הייגטוועלטיקער מענטש קוקט אַף זיין זיידן, ווען ער זעט אים לייענען עפּעס אַן אַלטן סיפער. עפּעס האָט זיך איר ניט געגלויבט, אַז אידיש זאָל פאַרמאָגן אין זיך די אויצרעס, וועלכע זי האָט געפונען אין ענגליש און פראַנצויזיש. און אין אַל־געמיין האָט זי אַף דעם טומל, וועלכן מהאָט געמאַכט אין די אידישע קרייזן אַרום איר פאָטער, געקוקט מיט אַ שמייכעלע. אָט אַזוי, ווי אַ קריסט מיט טאָלעראַנץ און אינטעליגענץ קוקט אַף אַן אינטעלי־גענטן אידן. עס איז פיין און שיין, אָבער דאָך אידיש. ניט אַזוי, ווי בא די קריסטן.

שייגזאָן פלעגט זיך אָפט וואונדערן און זוכן אין איר עפּעס ספּעציפישעס, אידישעס. אַ אידישע אַוואַיע, אַ אידיש לידל, אַ אידיש וואָרט, וואָס זאָל אים דערמאָנען אַן דער אידעאַלער אידישער טאָכ־טער, וועלכע ער פלעגט זי פאַרשטעלן אין זיין פאַנטאַזיע. ס'איז אָבער געווען אומזיסט. לאָראַ איז גאָר אַן אַנדערע. און אפילע ער אַליין... ער אַליין ווערט אויך עפּעס אַן אַנדערער, ווען ער איז צוזאַמען מיט איר. רעדט ער אידיש, ענטפערט זי אים אַף ענגליש.

ווערט ער ווי אריינגעצויגן אין דעם ענגלישן געשפּרעך און, ריידנדיק, פּלייסט ער זיך צו ריידן אַן דעם אידישן אַקצענט, ווי אַן עמעסער אַמעריקאַנער און ארויסווייזן זיין קענטניש אין דער ענגלישער ליטעראַטור.

שיינזאָן האָט גוט פאַרשטאַנען זיין טאָכטער. אָבער ארויפצורצווינגען אף איר זיינע מיינונגען און אידעאַלן האָט ער נים געוואָלט. ער פלעגט נאָר ריידן מיט איר, פּרוּוון פאַראינטערעסירן זי מיט זיין גייסטיקער וועלט און עפענען פאַר איר דעם אידישן קולטור האָריזאָנט.

א פרוי איז דאָך ניט א מאַן — פלעגט ער אָפט טראַכטן. זי וועט כאַסענע האָבן, וועט שוין איר מאַן פירן זי אף די וועגן, וועלכע די נייע אידישע יוגנט פלאַסטערט. דאָוויד שיינזאָן האָט געגלויבט, אַז. ס'איז פאַראַן אַזא יוגנט. זיי וואַקסן ערשט... זיי קומען ערשט... אָבער... עפּעס איז געשען.

צו לאָראַן האָט אָנגעהויבן אריינצוקומען אירער א באַקאַנטער — מיסטער בלעקסטאָן, א לאָיער. א זייער אינטערעסאַנטער און רייכער מאַן, ווי לאָדא האָט אים פאַרגעשטעלט. א מאַן מיט אַלע מיילעס. מיסטער בלעקסטאָן איז אָבער געווען א קריסט.

דאָוויד שיינזאָן האָט באַמערקט, אַז לאָראַן הויבט ניט אָן צו אַרן, וואָס ער איז א קריסט. פאַרקערט. בא איר איז דאָס נאָך געווען א מין אָרעאָל ארום זיין פּערזענלעכקייט. מיסטער בלעקסטאָן... ער האָט געזען, אַז ווען זי זאָגט ארויס דאָס וואָרט בלעקסטאָן, ווערט זי עפּעס, ווי א דערהויבענע. עפּעס איר גאַנצער וועזן ווערט געביטן. איר האַלטונג, איר קוק, איר גאַנג און איר ריידן — אַלעס ווערט ווי דורך א קישעף באַלויכטן מיט עפּעס א מין אריסטאָקראַטיזם.

פלעגט ער אַמאָל א פרעג טאָן, צו איז זי עפּשער, פאַרליבט אין אים, אין דעם מיסטער בלעקסטאָן, וואָס זי זעט זיך אַזוי אָפט מיט אים.

— מייבי — פלעגט זי ענטפערן שעלמיש — מייבי... — פלעגט ער זי אָנקוקן אַזוי שטריינג און בלייבן זיצן אַן ערנסטער.

פלעגט זי צוגיין צו אים, ארומנעמען מיט דער רעכטער האַנט זיין האַלדז, און מיט דער לינקער שלעפּן אים באַם אויער:

— יו בעד באָי, יו... דו ביזט דאָך ניט קיין אָלד פעשאָנד מען. מיסטער בלעקסטאָן איז א פיינער מאַן.

— יאָ... יאָ... אָבער, לאָראַטשקאַ... — ער פלעגט ליב האָבן צו רופן זי „לאָראַטשקאַ”, ווי די מוטער פלעגט זי רופן. — לאָראַטשקאַ, דו ביזט נאָך יונג. דו פאַרשטייסט ניט. מיסטער בלעקסטאָן איז זייער אַ פיינער מאַן, אָבער...

— אָבער, אָבער... דו דיינקסט, אַז מיסטער בלעקסטאָן כאַפּט מיך שוין אויס. אַ, פּאַ! דו איבערראַשט מיך, האָנעסט...

פלעגט ער שוין אַ שמייכל טאָן און פאַרוואַנדלען דעם גאַנצן געשפּרעך אין אַ וויץ. זי נעמט עס, טאַקע, ערנסט, כאַ, כאַ, כאַ, כאַ! אַזאַ יונג מיידל און רעדט שוין פון כאַסענע האָבן... אי—אי—אי!

און דער גאַנצער געשפּרעך, צו וועלכן ער פלעגט זיך אַמאָל גרייטן טעג און צוטראַכטן ווערטער און פראַזן צו מאַכן עס דעלי־קאַטער, ווי ס'איז נאָר מעגלעך, — אָט דער געשפּרעך פלעגט זיך אַלעמאָל ענדיקן אַזוי — מיט אַ וויץ.

היינט, אָבער, האָט דאַוויד שיינזאָן ניט ווילנדיק אונטערגעהערט אַ געשפּרעך, וואָס לאָראַ האָט געפירט מיט בלעקסטאָנען אפן טע־לעפאָן, — גוט... קום און רעד איבער מיט מיין פאָטער... — האָט ער געהערט איר זאָגן. האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס אומפאַרמיידלעכע איז געשען. — די ליבע האָט אירע קאָרבאָנעס... — אַזוי האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט און ביטער אַ שמייכל געטאָן... — די ליבע...

איצט האָט ער אַרומגעשפּאַצירט איבערן צימער און געטראַכט. וואָס וועט ער טאָן און וואָס וועט ער ענטפערן בלעקסטאָנען. וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער צו פאַרווערן אָדער צו דערלויבן. ווייסט ער ניט, אַז זיי פרעגן אים נאָר דערפאַר, ווייל עס וויל זיך זיי אַרויסווייזן דעם רעספּעקט צו אַ פאָטער. און אַז ער וועט זאָגן ניין, וועט עס זיי דען אָפּשטעלן? און ווי אַזוי זאָגט מען עפּעס ניין. נאָר דערפאַר, ווייל יענער איז אַ קריסט?

שיינזאָן האָט געהערט ווען בלעקסטאָן איז געקומען. און, ווי עס האָט זיך אים געדוכט, האָט ער געהערט אַפילו אַ קוש. איצט זיצן זיי דאָרטביידע און וואַרטן, מיסטאָמע, אויף אים. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי בלעקסטאָן זיצט אַ רואיקער און רויכערט אַ ציגאַר. די גאַנצע פּראָצעדורע פון ריידן צו אים, צו שיינזאָנען, ווייזט אים אויס, מיסטאָמע, קאָמיש, אָבער, אַז לאָראַ וויל... וועט ער איר צוליב טאָן.

אַט שטייט זי שוין ווידער אַמאָל הינטער דער טיר און הערט זיך צו. טראַכט מיסטאַמע: וואָס שרייבט ער היינט אַזוי לאַנג, רער פּאַ? זי קלאַפּט:

— דעדי...גענוג אַרבעטן. קום טרינקן טיי.

שיינזאָן האָט געעפנט די טיר. אויסגעזען מיד, אָבער ענטשלאָסן.

— טיי? אָ, יע, לאָמיר טרינקן טיי.

— מיסטער בלעקסטאָן איז אויך דאָ.

— אָ, יע? מיסטער בלעקסטאָן? פיין.

זיי זיינען אַריינגעקומען אין פראָנט צימער. צערעדט זיך פון א פּאָליטישן סקאַנדאַל מיט וועלכן דאָס לאַנד האָט געקאָכט.

שיינזאָן האָט זיך צוגעהערט צו בלעקסטאָנען מיט אויפמערקזאַמקייט: באַוואונדערט זיין געלונגענעם און טיפן אַנאַליז פון דער פּאָליטישער אַפערע. געקוקט אין זיינע שווארצביינעוודיקע אויגן און געפילט עפּעס אַזוי היימיש מיט אים.

דו פאַרגעסט, אַז ער איז אַ קריסט — האָט שיינזאָן אַ טראַכט געטאָן, — מענטשן קאָנען פאָרט אויפהויבן זיך העכער איבער די באַריערן און דערשפּירן נאָר דאָס מענטשלעכע...

זיי האָבן געטרונקען טיי, געשמועסט און געלאַכט.

לאָראַ האָט געקוקט אַף בלעקסטאָנען, און אין איר מיידלישן האַרץ האָט זיך אומגעדולדיק געריסן אַ פייערל.

זי האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן צימער מיט אַ געהיימניספולן שמייכל. צוגעגאַנגען פּלוצים צום פאָטער. אַרומגענומען אים מיט איר געווייינטלעכן זשעסט. צוגעלייגט איר באַק צו זיינער.

— פּאַ... איך וועל אַרויסגיין אַביסל שפּאַצירן. עפּעס קאָן איך ניט איינזיצן דאָ מיט אייך. איך וויל זיך באַוועגן.

— אָלרייט, לאָראַטשקאַ. גיי אויב דו ווילסט... אָבער... מיסטער בלעקסטאָן...

— אַ, נעווער מיינד, מיסטער בלעקסטאָן... ער קאָן מיך שוין. גוד באַ־אַי!

בלעקסטאָן האָט געשמייכלט. שיינזאָן האָט געקלאַפּט מיט די פינגער אין שטול. ניט געקוקט מער אַף בלעקסטאָנען. אויסגעמידן זיינע בליקן. ער האָט געוואוסט — בלעקסטאָן וועט באַלד אָנהייבן ריידן.

ס'איז אָבער אוועק א צען־פופצן מינוט, און בלעקסטאָן האָט נאָך ניט באַרירט דעם געשפּרעך אַף וועלכן שיינזאָן האָט זיך גערעכנט. זיי האָבן שוין פון לאַנג אויסגעטרונקען די טיי. פּאַרויכערט, און געשוויגן.

בלעקסטאָן האָט אויסגעלאָשן זיין סיגאַר, געקוקט א ווײַלע אַף שיינזאָנען, ווי וועלנדיק פאַרויס אויסגעפינען וואָס פאַר אַן איינדרוק עס וועט אַף אים מאַכן זיין דערקלערונג

— מיסטער שיינזאָן, איך האָב אייך עפּעס מיטצוטיילן.

— יע.

— איך וויל הייראַטן אייער לאָרא.

שיינזאָן האָט גאָרניט געענטפערט. געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און געוואַרט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז בלעקסטאָן וועט נאָך עפּעס זאָגן.

בלעקסטאָן האָט זיך אויפגעהויבן. געבליבן שטיין קעגן שיינ־זאָנען:

— מיסטער שיינזאָן. מיר זיינען אינטעליגענטע מענטשן. לאָמיר ריידן אָפנהערציק. איך קען אייך זייער גוט און איך גלויב, אַז איר קענט מיך אויך. איך האָב אסאַך געהערט וועגן אייך. אייער נאָמען איז אייננג פאַרבונדן מיט אייער נאַציע. מ'קען זאָגן, אַז איר זיינט איינער פון די שטערן אַף דעם איצטיקן אידישן הימל. און אַלע שטערן קען מען זאָגן וואוינען אין גלעזערנע הייזער. אַלע אייערע טאַטן, אייערע ווערטער און אַפילו אייערע וואונטשן און פאַרבאָר־גענע געדאַנקען זיינען אָפן פאַר יעדן אויג און אויער. דאָס איז דער שיקזאַל פון יעדן מענטשן, וואָס ווערט גרויס. איר הערט אויף צו זיין א פרייער, אַן אייגענער. איר ווערט אַלעמענס. אַלע פאָדערן פון אייך איר זאָלט לעבן, ווי איר פּריידיקט, נאָכפאָלגער זעט מען אָבער זעלטן, זייער זעלטן. איך שטעל זיך פאָר וואָס פאַר א טומל מיין הייראַט מיט לאָראַן וועט אַרויסרופן. מע וועט אייך אויסוואַרפן, אַז איר ,וואָס קומט פּריידיקן פאַר אַנדערע דעם ריינעם אידעאַלן נאַציאָ־נאַליזם, איר אַליין האָט ניט געקאָנט און עפּשער ניט געוואָלט איינ־האַלטן אייער אייגן קינד, וואָס איז אַריבער צו פרעמדע. אָבער, מיסטער שיינזאָן, זיינען מיר דען ניט גענוג מוטיק און פאַרגעשריטן צו פאַרשטיין, אַז עמעסע מענטשן בלייבן מענטשן פון וואָס פאַר א

נאָציע זיי זאָלן ניט זיין?

— איר זיינט גערעכט, מיסטער בלעקסטאָן. איר האָט געזאָגט דעם עמעסן עמעס. ס'איז קימאַט אַן אַקסיאָמע. דאָך האָט איר פאַר־געסן אַן עפּעס.

— אַן וואָס?

— אַן דעם „עפּעס". דער „עפּעס" איז קימאַט אַ וועלט פאַר זיך. איך אַליין בין אַ וועלט. איך טראָג אין זיך דאָס בלוט, די נעשאָמע און דעם גייסט פון דעם אידנטום. איך בין אַ קעמערל אין אַ גרויסן אָרגאַניזם פון קעמערלעך. איין קעמערל שטאַרבט אָפּ — ווערט געבוירן אַן אַנדערער קעמערל. איך קאָן אָבער ניט צו־לאָזן דעם געדאַנק, אַז איך, דאָס קעמערל אין אידישן אָרגאַניזם, זאָל שטאַרבן און פאַרפאַלן ווערן אָן אַ שפּור.

— מענטשן — וועלטן מישן זיך אויס. — האָט בלעקסטאָן געענטפערט.

וועלטן ווערן ניט צעשטערט און ווערן ניט פאַרפאַלן אָן אַ שפּור אין אונזער אוניווערז. איר, מיסטער שיינזאָן, זיינט דער טיפּ איד, וואָס לעבט מיט דעם סענטימענטאַלן כאָלעם פון אַמאָל און מיט דער אָפּטימיסטישער פאַנטאַזיע פון אַן אינדיווידואַליסטישן מאָרגן.

שיינזאָן האָט אַ שמייכל געטאָן.

— אונזער קולטור איז ניט אַ סענטימענטאַלער כאָלעם און דער מאָרגן פון דעם אידישן פאָלק מוז קומען.

— ניין, ניין! פאַרשטייט מיך ניט שלעכט, — האָט בלעקסטאָן געענטפערט. — איך זאָג ניט אַז קולטור איז כאָלעם. קולטור ווערט קיינמאָל ניט פאַרפאַלן, קולטור אַסימילירט זיך. אייער קולטור איז ניט אָריגינאַל און קיין פאָלקס קולטור איז ניט אָריגינאַל. קולטור, גייסטיקע אויצרעס אַסימילירן זיך. די אידישע אויצרעס, די אידישע קולטור איז ניט געקומען פון אידן אַליין, פּונקט, ווי די רוימישע און די גריכישע איז ניט געקומען פון רוימער אָדער גריכן אַליין. אַלעס אין דער וועלט גיסט זיך צוזאַמען. לאַנגזאַם. זייער לאַנגזאַם. אָבער עס גיסט זיך צונויף און עס אַסימילירט זיך. די אַמאַלגאַמאַ פון קולטורן ברענגט אַרויס אַ נייע קולטור אַן וועלכער עס שפּיגלט זיך אָפּ דער נייער מענטש. איר זיינט ניט דער איד, וואָס האָט גע־לעבט מיט דריי טויזענט יאָר צוריק. איר זיינט דער נייער מענטש

און איך אויך. וואָס איז דער „עפּעס" אין אייך, וואָס איר האָט מוירע צו צעשטערן און צו וועלכן איר זיינט אַזוי צוגעבונדן? רעליגיע? — ווייס איך, אַז איר זיינט ניט רעליגיעז. די שפּראַך? מיין ליבער מיסטער שיינזאָן, אידן האָבן שוין אַסאַך שפּראַכן גע־רעדט. און אויב אַ פֿאָלק קעמפּט אַמאָל צוליב זיין שפּראַך איז דאָס מער צוליב פּאָליטישע סיבעס. אָט געניסט לאָרא פון קולטור אין אַנדערע שפּראַכן. און זי איז ניט פאַרקישעפט פון די גייסטער פון אַמאָל. אין מומיעס שאַצט מען מער זייער אַלטקייט, ווי זייער אינ־האַלט. זי געניסט, און זי איז פּונקט אַזאַ געוואונטשענער מיטגליד אין לעבן, ווי אַנדערע.

— ניין, זי איז ניט... — האָט שיינזאָן אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— אָ, אַנטיסעמיטיזם איז דאָך ניט אַן אייביקע זאַך, מיסטער שיינזאָן. דאָס זיינען דאָך נאָר שטעכיקע דערנער אױף אַן אומדאַנק־באַרן באָדן.

— האָט איר זיך אַמאָל פֿאַרגעשטעלט, וואָס אַ מענטש פּילט, ווען ער ווייסט, אַז ער מוז שטאַרבן און קיינער, קיינער בלייבט ניט נאָך אים? — האָט שיינזאָן געפֿרעגט. — די גאַנצע עקזיסטענץ ווייזט דעמאָלט אויס נוצלאָז און זינגלאָז. מיט אַ פֿאָלק איז אויך אַזוי. אַ פֿאָלק וויל ניט שטאַרבן. אַסימילאַציע איז זעלבסט־פֿאַר־ניכטונג. ס'איז זעלבסטמאָרד.

— ס'איז אַזוי און ניט אַזוי, מיסטער שיינזאָן. ווייל פּונקט, ווי פֿון אונז מענטשן בלייבט גאָרניט און דאָך בלייבט עפּעס, אַזוי פֿאַרבלייבט אויך עפּעס פֿון אַ פֿאָלק. עס פֿאַרבלייבט אַ ביאָלאָגישער שפּור אַזוי צו זאָגן. אַסימילאַציע איז ניט זעלבסטמאָרד. סאיז אַ געזעץ. און ס'איז נאָר אַ פראַגע פֿון צייט. פֿון אַמפּיביע זיינען מיר געקומען צו מענטש. אַסימילאַציע איז אויך נאָר אַלאַנגזאַמער איבער־גאַנג צו קאָסמאָפּאָליטיזם. זעלבסטמאָרד... כאַ, כאַ, כאַ! אַסימי־לאַציע איז פּראָגרעס, ניט זעלבסטמאָרד.

שיינזאָן האָט געפּילט, אַז ער האָט אַזוי פּיל וואָס צו זאָגן און צו ענטפֿערן. דאָס אַלעס, וואָס בלעקסטאָן זאָגט איז דאָך נאָר ספּע־קולאַטיוו. ס'איז דאָך נאָר פֿאַנטאַזיע אָדער אוטאָפּיע גאָר. ביז די מענטשהייט וועט קומען צו קאָסמאָפּאָליטיזם — דערווייל פּילט

ער, ווי ער רייסט אַרויס דעם באָדן פון אונטער זיינע פיס און ער קאָן גאָרנישט טאָן. זאָל ער דעבאַטירן מיט אים, איבערצייגן אים אַז אַסימילאַציע איז כאַראַקטערלאָז. אַז אַ מאַן גייט אַוועק פון פאָלק, בלייבט נאָך ערגעץ דער פּלאַם פון דוירעס אין זיין האַרצן. אָבער, אַז אַ פרוי גייט אַוועק — ווערט באַ איר דער פלאַם אינגאַנצן אויסגעלאָשן. און עפּשער בלייבט ערגעץ דער ביאַלאַגישער שפּור, ווי ער זאָגט. און עפּשער איז טאַקע בלעקסטאָן גערעכט. איז דען לאַראַ אידיש איצט? און ווען ער, בלעקסטאָן איז אַ איד און ווייסט גאָרניט פון אידישקייט און לעבט אַ לעבן אָן טראַדיציעס, אָן דעם פלאַם פון דוירעס, וואָלט שוין דעמאָלט גוט געווען? יאַ, יאַ — ס'וואָלט בעסער געווען. די אידישע נעשאָמע מעג זי, אפילע, זיין געפאַנגען, מעג זי, אפילע, זיין אמאַלגאַמירט און אָפּשפּיגלען אין זיך די צורע פון אַלמענטשלעכער קולטור — זי ווערט אָבער ניט אויס אידיש. ערגעץ טיף, טיף איז דאָ דער פונק און ער צעפלאַקערט זיך ווען אַ שטורם קומט. אָבער אַזוי...

בלעקסטאָן איז געזעסן און גערויכערט. געקוקט, ווי דער רויך צעגייט זיך און דער בלויעלעכקייט פון קומענדן פאַרנאַכט. אויף זיינע ליפן האָט זיך געשלייגעלט אַ שמייכל. דאַוויד שיינזאָן איז נאָך אַלץ געזעסן אַ פאַרטראַכטער. געקלאַפּט נערוועז מיט די פינגער אָן שטול. אויך גענומען אַ ציגאַר און פאַררויכערט. ער האָט געוואוסט, אַז עפּעס דאַרף ער זאָגן. יענער זיצט און וואַרט, מיסטאַמע, אויף אַן ענטפער. מאָדנע... ער ווייסט, אַז ווען ס'קומט אים אויס צו ריידן און דעבאַטירן וועגן דעם מיט אַ אידן, וואָלט ער דאָך געבליצט מיט געדאַנקען, געברענט מיט סאַטירע און געשטאָכן מיט איראָניע. און דאָ... דאָ זיצט ער, ווי אַ באַזיגטער און זיין איינציקער שלאָגנדיקער אַרגומענט, איז דער נאַציאָנאַלער געפיל, דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ און פלאַם, דאָס, וואָס בלעקסטאָן רופט — סענטימענטאַלע כאַלוימעס פון פאַרגאַנגענע דוירעס — מומיעס.

דאַוויד שיינזאָן וועט איבערגעבן זיין איין און איינציקע טאָכטער צו דער קריסטלעכער וועלט... המ...

— נו, מיילע... — האָט ער אַ זאָג געטאָן, אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אָן שטול און גלייך געכאַפּט זיך, אַז ער איז ניט אַליין. אַז בלעקסטאָן פאַרשטייט ניט קיין אידיש. כאַ, כאַ, כאַ!

וועל... ווי אזוי זאָל ער גיבן צו פאַרשטיין אין ענגליש וואָס „נו, מיילע" הייסט...

דאָס צימער איז פּלוצים באַלויכטן געוואָרן מיט עלעקטרישער ליכט.

זיי האָבן דערזען בײַ דער טיר לאָראַן, אָנגעטאָן אין אַ טעניס קאָסטיום.

— בלעקסטאָן, קומט שפּילן טעניס.

בלעקסטאָן האָט זיך אויפגעהויבן. נאָך אים שיינזאָן. לאָרא איז געשטאַנען לעבן זיי, אָנגעלעגט אױף דעם פאָטער און האַלטנדיק בלעקסטאָנען בײַ דער האַנט.

— פּאַ, עס טוט מיר לייד... — האָט זי געזאָגט, — אָבער איך וויל שפּילן.

— אָלרייט, לאָראַטשקאַ, אָלרייט...

ער האָט אָנגענומען אירע און בלעקסטאָנס האַנט און צוזאַמענגעדריקט זיי מיט זיינע ציטערענדיקע פינגער.

---

ארטור בלעקסטאָן איז אַהיים געקומען אין אַ געהויבענער שטימונג. פאַרשידענע געפילן און געדאַנקען האָבן, ווי מיט פונקען געצונדן זיין האַרץ און מויאַך. ענדלעך. לאָרא וועט זיין זיינע. זיינע טרוימען אין לעבן האַלטן אין פאַרווירקלעכט ווערן.

ער האָט זיך אויסגעטאָן, גענומען אַ קאַלטן דוש, אָנגעטאָן זיך אין זיינע פּאַדזשאַמעס און אַנידערגעזעצט זיך אױף דער וועראַנדע, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום יאַם.

גערויכערט, געקוקט אַפן יאַם און געטראַכט.

אַט זיצט ער... אַ דערפאָלגרייכער לאַיער... רעספּעקטירט פון אַלע זיינע באַקאַנטע און קליענטן. דוכט זיך, דאָס לעבן דאַרף אויסווייזן גוט, ווען מ'קאָן אונטערציען אַזאַ באַלאַנס, ווי ער. ער איז צופרידן און, זיכער, גליקלעכער פון דאַוויד שייזאָנען, פון דעם איד, וואָס דראַפּירט זיך אין אַטאָגע פון סענטימענטאַלן נאַציאָנאַליזם און וויל איינהאַלטן די מילשטיינער, צווישן וועלכע עס ווערן צעריבן די פעלקער.

דאָוויד שיינזאָן קאָן ניט זיין גליקלעך.

נאַראָנים גלויבן, אַז אַן אידעאַל לייטערט און דערהויבט. אידע־

אלן פאַרשקלאַפן, און אידעאַליסטן זענען שקלאַפן צו זייערע אייגענע אידעאַלן. אַט האָט ער זיך באַפרייט פון דעם.

און ס'איז דאָך געווען אַ צייט, ווען אויך ער האָט געהאַט יענע גרויסע סענטימענטאַלע אידעאַלן... און דראַפּירט זיך אין אַלער־לײַ טאָגעס. איצט... כע... איצט טראָגט ער נאָר אַ מאַסקע. און די מאַסקע טראָגט ער שוין צוואַנציק יאָר. צוואַנציק יאָר! די מאַסקע איז שוין איינגעוואַקסן אין זיין פלייש און בלוט. די מאַסקע האָט שוין אויפגעהערט צו זיין אַ מאַסקע. זי איז געוואָרן זיין פּנים, זיין איך. לעבן האָט ער געוואָלט. לעבן אָן מוירע, אָן שרעק אָן האַס... פאַרגעסן, אַז מען קוקט אױף דיר, ווי אױף אַ פּאַראַזיט אױפן רוקן פון דער ערד. יע, ער געדיינקט ווי פּיינלעך עס איז געווען די ערשטע יאָרן צו טראָגן די מאַסקע. אָבער איצט...

בלעקסטאָן האָט זיך אַ הויב געטאָן אױף זיין שטול, גלייך ווי עמיצער האָט אים פּלוצים געשטעלט אַן אומדערוואַרטעטע פראַגע: איצט?... האָט ער זיך דען אינגאַנצן באַפרייט פון יענעם פּיין. טראָגט ער דען ניט אויך איצט דעם סאָד אין זיך? פילט ער דען ניט אָפּט דעם פיזישן און גייסטיקן דראַנג צו אַנטפּלעקן דעם סאָד? עס ווילט זיך ניט אַוועקגיין אַזוי... יעדער איינער וואָס טראָגט אין זיך אַ סאָד, פילט אָפּט, ווי עמיצער אין אים וויל אַ געשריי טאָן! אַט קוקט! אַט האָב איך געטראָגן אין זיך עפּעס, וואָס איר האָט ניט געזען... ניט געוואוסט... איר זעט: איך בין ניט איינער. איך בין צוויי... דריי... כאַ, כאַ! יע... יע... עס ציט צו אַנטפּלעקן דעם סאָד. ווייל ערגעץ טיף, טיף ליגט עפּעס, וואָס רייסט זיך צו באַפרייען זיך. עפּשער איז דאָס דער שטאָלצער גייסט, אַ? כע... סענטימענטאַליזם, ווייזט אויס איז אַ קריינק, וואָס שטעקט אָן אַלעמען.

אַ ווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן. ערגעץ ווייט אױפן יאַם האָט אַרעווע געטאָן אַ סירענע... און דאָס רעווען פון דער סירענע האָט ווי דורך אַ קישעף אַ טראָג געטאָן בלעקסטאָנען אױף צוואַנציק יאָר צוריק.

אַט אין אַזאַ זומער נאַכט איז ער אָנגעקומען קיין אַמעריקע אַ זעכצן יאָריקער באָכערל, מיט אַ טאָרבע אױף די פּלייצעס און מיט דעם פּיין פון אַ שקלאַף אין הארצן. געקומען אהער פון יענעם

פינצטערן רוסלאַנד, וואו מע האָט דערהארגעט זיינע עלטערן. זיין מומע האָט אים ארויסגענומען אהער. א גוטע מומע געוועזן. איז זי אָבער געשטאָרבן און ער איז אויך דאָ געבליבן אן איינזאמער. געקעמפט פאר עקזיסטענץ און געלערנט. אָבער אויך דאָ האָט ער דערפילט, אז ער איז דער זעלבער שקלאַף, ווייל ער איז געבוירן פון א שקלאַף.

אָ, ער גערדיינקט זיך גוט, יענעם באָכער. א קלוג באָכערל געוועזן. אן איינגעאקשנטער... א באָכערל מיט אן אוואַנטיוריסטישער נעשאָמע. א באָכער, וואָס האָט ניט געוויינט. קיינמאָל ניט געוויינט. דאָס טייוולשע פלעגט אים רייצן. דאָס געפערלעכסטע — אים רופן... ניט מוירע געהאַט. ער האָט געוואוסט: — דאָס לעבן איז א פעלד פון קאמף און דער שטארקער באזיגט. Homo hominis lupus est...

וועט ער זיין א וואָלף צווישן וועלף... א פוקס צווישן פוקסן און עפשער גאָר א לייב צווישן לייבן. יא... יא... מ'דאַרף נאָר וואגן... וואגן! וואָס האָט אים געקאָנט אָפּשטעלן? און וואָס האָט אים באַדארפט אָפּשטעלן? אליין! ער איז איינער אליין אין דער וועלט פון מענטשן. טאָ פארוואָס זאָל ער זיך ניט אָנטאָן די מאסקע און ווערן איינער פון יענע, וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק ניט געבוירן צו ווערן אידן. מוז ער טראָגן אין זיך דעם באלאסט, די ירושע, וואָס איז אים פארבליבן פון דוירעס? ! צוליב וואָס? צוליב דער היסטאָרי־שער פארגאַנגענהייט, וואָס האָט שוין מער קיין פּלאַץ אין לעבן?! צוליב דעם ייכעס — די מומיע פון דריי טויזענט יאָריקער אלטקייט, צוליב וואָס?

און ווי צעבראָכענע אלטווארג האָט ער צעשליידערט און פאר־ברענט געפילן און סענטימענטן, און געבליבן א ליידיקער. אויס־געליידיקט זיך, ווי מע ליידיקט אוים א הויז נאָך דעם טויט פון א וויטן קאָרעוו. דער נייער יונגער יורעש פארבט איבער דאָס הויז, נעמט אריין נייע מעבל, פילט עס אָן מיט נייעם אינהאַלט און ערגעץ... וויט... טיף אין א קעסטל לאָזט ער איבער אן אלטן זייגער, אָדער אן אלטע פלאַש, אָדער אן אלטן בעכער. פאר אן אָנדיינק. אזוי איז אויך ער געוואָרן דער נייער באַלעבאָס, דער יוירעש אין זיין אייגענעם קערפּער. פאר זיך, און פאר דער גאנצער וועלט:

ארטור בלעקסטאָן, וואָס האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין פאַרגאַנגענ־הייט, אַרטור בלעקסטאָן, וואָס לעבט נאָר אין דער קעגנוואַרט און גייט נאָר צו דער צוקונפט. מיט איין ציל — צו לעבן! מיט איין ציל — צו זיגן! אָט ווייסן אַלע, אַז ער איז אַ קריסט. איז ער דען ניט מענטש? טראָגט ער דען ניט צו זיין ביילעק צו קולטור. אָדער מוז זיין קולטור אומבאַדינגט האָבן דעם ספּעציפישן שטעמפּל: אידישע קולטור? יע. ער איז קריסט. און זיינע קינדער וועלן שוין, מיסטאַמע, אויך זיין קריסטן, אויב... אויב עס וועט זיך אים ניט פאַרגלוסטן אַמאָל צו ווייזן זיי דעם אַלטן בעכער און טרינקן אַ טאָסט צו יענעם פאַרגעסענעם באָכער. און דער בעכער ליגט ערגעץ. ער ווייסט, אַז ער ליגט ערגעץ. אָט אַ די שיינזאָנס, וואָס שטעלן אַרויס די אַלטווארג פון אויבן אָן און מאַכן אַ מוזייאום פון זייער לעבן — אָט אַ די שיינזאָנס דערמאָנען אים אָן דעם.

אָט, ערשט היינט פאַרנאַכט האָט זיך אים אַף אַ מינוט אויס־געוויזן, אַז יענער... דער פאַרגעסענער וועט אַרויס פון אינעווייניק, צעברעכן די דיקע ווענט פון צוואַנציקיאָריקן שוויגן, אַראָפּרייסן די מאַסקע פון בלעקסטאָנען און אויך אַ קלאַפּ טאָן מיט דער האַנט אָן שטול און זאָגן: נו, מיילע.

בלעקסטאָן האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי איבעראַשט און דער־פרייט דאַוויד שיינזאָן וואָלט געוועזן, ווען...

אָ, ניין, ניין! מע טאָר ניט טראַכטן, אַפילע, פון דעם. יענער איז טויט... טויט...

בלעקסטאָן האָט זיך דערמאָנט, ווי שיינזאָן האָט צוזאַמענגע־דריקט זיין האַנט מיט לאַרעס. דערמאָנט זיך אָן זיינע אייגענע ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט שיינזאָנען: עמעסע מענטשן וועלן אימער זיין מענטשן פון וואָס פאַר אַ נאַציע זיי זאָלן ניט זיין.

— אויב אַזוי — האָט בלעקסטאָן אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין — בין איך דאָך, עפּשער, נאָר אַ פּייגלינג, ווען איך באַהאַלט זיך אונטער אַ מאַסקע? נאָר אַן עגאָאיסט, וואָס אַנטלויפט צו רעטן די אייגענע פעל? עגאָאיסט?... ניין, ניין! זאָלן זיי אויך אַנטלויפן, באַפרייען זיך... און אויב זיי אַליין וועלן ניט זיין פריי, וועלן זייערע קינדער זיין...

בלעקסטאָן האָט אַרומגעשפּאַנט אַף דער וועראַנדע. געוואונדערט

זיך וואָס עס מאַכט אים צו טראַכטן, צו אַמפּערן מיט זיך אַליין. דערשפּירט, אַז ערגעץ איז פאַראַן אַ שפּאַלט אין זיין לעבן, וואָס איז צוזאַמענגעקלעפּט מיט עפּעס אַ קליי. און דער קליי איז זיין רייכטום, זיין פּראָפעסיע און די אַלע מאַטעריעלע סובסטאַנצן פון לעבן. און וואָס, ווען דער קליי איז ניטאָ? וואָלט ער ניט צעבראָקלט געוואָרן... צעפאַלן געוואָרן?

אָט שטייט זיין באַהאַלטענער איך צווישן צוויי וועלטן. אַף אַ מין No Man's Land שטייט ער. אַליין. איינער אַליין — מענטש. פון איין זייט די קריסטלעכע וועלט, פון דער צווייטער זייט — די אידישע — שיינזאָנס וועלט, און אינמיטן ער. מיט אַ מאַסקע אַפן פּנים. עפּשער דאַרף ער שוין איצט ניט די מאַסקע? עפּשער זאָל ער גאָר אַראָפּרייסן די מאַסקע און אָנקוקן זיין אייגן פּנים. דאַרף ער טראָגן די מאַסקע אויך פאַר שיינזאָנען... פאַר לאָראַ... לאָראַ...

— בלעקסטאָן איז אַריין אין הויז. דערזען, אַז ס'איז ערשט עלף. אָנגעטאָן זיך שנעל. אַריין אין גאַראַדזש און אין אַפּאָר מינוטן אַרום האָט זיך שוין זיין אויטאָמאָביל געטראָגן איבער די בולוואַרן צו דאָוויד שיינזאָנס הויז.

לאָראַ איז נאָך ניט געשלאָפן. זי האָט אים באַגעגנט פאַר־וואונדערט און אביסל דערשראָקן.

בלעקסטאָן האָט זי געבעטן אַריינרופן דעם פאָטער. אַליין אַ־נידערגעזעצט זיך און פאַררויכערט אַ ציגאַר.

ווען דאָוויד שיינזאָן איז אַריינגעקומען און אַנידערגעזעצט זיך קעגן אים, האָט בלעקסטאָן געשוויגן אַ ווילע. געקלאַפּט מיט די פינגער אָן שטול און פּלוצים אַ זאָג געטאָן:

נו, מיילע...

— אַ איד? ! — איז שיינזאָן אויפגעשפּרונגען.

— אַ איד. יע... אַלטער שוואַרצנשטיין... אַ איד...

שיינזאָן איז געשטאַנען אַ ווילע אַ קאַלטער. דערנאָך אַ שמייכל געטאָן. אויסגעשטרעקט די האַנט צו בלעקסטאָנען.

— די גייסטער, אַ? די גייסטער האָבן אייך געבראַכט צוריק, אַ, כאַ, כאַ, כאַ!

לאָראַ איז געזעסן אַ בלייכע. אירע גרויסע פאַרוואונדערטע

אויגן האָבן געקוקט אַף בלעקסטאָנען מיט פרעמדע בליקן. און פרייד האָט געקעמפט מיט גרויער אַנטוישונג וואָס איז לאַנגזאַם געקראָכן אין האַרץ אַריין:

— אַ איד... אַ איד...

— — — — — — — — — — — —

שפּעט אין דער נאַכט איז בלעקסטאָן אַהיים געקומען. עפּעס אַן אומצופרידנקייט מיט זיך האָט אים געדריקט.

דער סאָד איז אַרום און ווי אַ מיעסע באַשעפעניש געלעגן באַ זיינע פיס און כוזיק געמאַכט פון אים.

— אַ איד... כע, כע, כע! אַ איד... צו וואָס האָסטו עס געטאָן, דו נאַר, דו שוואַכלינג? ! איצט וועסטו האָבן קינדער אידן... אידן, נייע שקלאַפן, כע, כע, כע! נאָך אידעלעך, ע? כע, כע, כע!

# שמולעוויטש

איציק שמולעוויטש איז געווען א שוסטער אין דער אלטער היים, און א שוסטער איז ער געוואָרן אויך דאָ אין אמעריקע.

געקומען קיין אמעריקע איז ער מיט זיין ווייב ריווע, ווען די מילכאָמע איז שוין געווען פאַרענדיקט און אין לאַנד האָט געהערשט די זאַטע צופרידנקייט פון די אַרויפגעאַרבעטע אָלרייטניקעס. די מיל־כאָמע מיט אירע גרויזאַמקייטן האָט מען גלייך פאַרגעסן. גלייך ווי ס'איז קיין מילכאָמע ניט געווען. מענטשן האָבן זיך געיאָגט נאָך געלט. מענטשן האָבן זיך געיאָגט נאָך פאַרגעניגן. און אין דעם געיעג האָט שמולעוויטש ניט באַוויזן צו פאַרכאַפּן אַן אָרט. דאָס לעבן איז מיט אימפּעט געפלויגן פאַרביי, און ער האָט אַפילע ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. מענטשן ווערן רייך, — נו, האָבן זיי מאַזל. ער האָט ניט קיין מאַזל — איז ער אַ קאַבצן. אַזוי איז די וועלט. איינער איז אָרעם, און דער צווייטער איז רייך. דאָרט אין דער אַלטער היים איז אויך אַזוי געווען. און ווי קאָן עס דען זיין אַנדערש?

זיין ווייב ריווע, האָט אָבער אַנדערש געקוקט אַף דער זאַך. וואָרים, וואָס איז זי געקומען קיין אַמעריקע, נעבאַך? צו וואָס האָט זי דאָרטן איבערגעלאָזט אַן אַלטע מוטער און די שוועסטער און די גאַנצע מישפּאָכע? עמעס, זי האָט זיך דאָרטן גוט אָנגעפּלאָגט, עמעס. דערפאַר אָבער האָט זי געהאַט די אייגענע אַרום זיך. האָבן זיי געהונגערט, האָט זי אויך געהונגערט. אָבער דאָ... מענטשן ווערן דאָ רייך איבער נאַכט, מענטשן טוען עפּעס, מענטשן ספּעקולירן, עפּענען ביזנעס, קויפן הייזער, האָבן פאַרגעניגן . . . און זי, וואָס?

נו, זיי מאַכן דאָ אַ לעבן. ניט קיין מיעס לעבן כאָלילע. אין דער היים האָט זי, אַפילע, פון אַזאַ לעבן ניט געכאָלעמט. אָבער . . . אַ מענטש וויל דאָך און קאָן דאָך אַלץ מער, מער און מער. און פאַרוואָס זאָל ער, טאַקע, ניט פּרואוון. מענטשן פּרואוון, זוכן, נישטערן, דאָ, דאָרט, אַ ביזנעס, עפּעס וואָס סיניט איז — און ער... זיצט זיך דאָרט

אין שאַפּ אין קלאַפּט פּלעקלעך. אַ שוסטער געווען און אַ שוסטער געבליבן. אַ לאַנדסמאַן האָט אים אַרויפגענומען אַהינצו, זיצט ער דאָרט און שוסטערוועט. אַ מענטש זאָל פּרוּווען אַמאָל אַ טראַכט טאָן פון עפּעס אַנדערש — ווייסיך! ס'קומט אים ניט אַפילע אָפן זינען. ער איז צופרידן, זאָגט ער, מיט דעם וואָס ער מאַכט. וואָס איז אים אַזוי שלעכט? פאַר קיין סטרייקס האָט ער ניט מוירע. — ס'איז ניט קיין יוניאָן שאַפּ. אָפּגעשפּאָרט אָפּאָר הונדערט דאָלער האָט ער שוין אויך. אַרבעטן דאָרט קאָן ער זיין גאַנץ לעבן און קיינער וועט אים ניט טשעפּען, קיינער וועט אים ניט אַרויסוואַרפן. טאָ וואָס זשע זאָל ער קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין פייער אַריין? עמעס, ער איז נאָך קיין מיליאָנער ניט געוואָרן. אָבער אַמעריטשקע בלאָף! — אַזוי אָ ווערט מען עפּעס אַ מיליאָנטשיק.

און איציק שמולעוויטש פלעגט אוועקמאַכן מיט דער האַנט. פאַרן יעדן טאָג אינדערפרי צו דער אַרבעט; די זעלבע קאַר, די זעלבע גאַסן, די זעלבע מענטשן, דער זעלבער לאָנטש, וואָס די ווייב גיט אים מיט — אַלץ דאָס זעלבע. יעדן טאָג, יעדע נאַכט — אָט פונקט, ווי אַ ראָד אין אַ מאַשין, וואָס דרייט זיך, און דרייט זיך, און איז אַלץ אָף דעם זעלבן פּלאַטץ.

דאָך אַ מאָדנע לאַנד דאָס אַמעריקע.

ציט, און שלעפּט, און טרייבט... וואָס אַ שטייגער ציט און שלעפּט דעם ראַלף לעינען? אַזאַ גוטער אַרבעטער און מאַכט אַזעלכע גוטע ווידזשעס און דער באָס האָט אים ליב. דוכט זיך, אַ גאַנצער באַלעבאָס אין דער פעקטאָרי דאָרטן. און דאָך ציט אים צו ביזנעס. ווען זיי האָבן נאָר אַ פרייע מינוט, האַלט ער אין איין ריידן פון ביזנעס. מיילע, רעדט אַ מענטש — זאָל ער ריידן. זיין ריידן איז אָבער אַ מאָדנע ריידן. נאָר עפּעס אַ טייוול רעדט אַרויס פון אים, דעם לעינען. יעדעס וואָרט קריכט אים, אין שמולעוויטשן אַריין ווי אַ רועך און שלעפּט און ציט, און ציט און שלעפּט.

אַ וואָוילער מאַן, דער לעין. ער קאָן אים אַפילע ניט רופן פּאָשעט אַזוי זיך לעין. אַזאַ מאַן ווילט זיך רופן „מיסטער לעין.” ער איז אַזאַ ציכטיקער. רעדט אַזוי שטיל, נעלאַסן. און עס וואונדערט אים, אַפילע, שמולעוויטשן, וואָס אַזאַ מאַן רעדט אַזוי גוט אידיש. זיינע וואָנצעלעך

און זיין שמייכעלע זיינען פול מיט כיין. און א פּאָר שורעם ווייסע ציין האָט ער, אז ס'איז א מכאיע צו קוקן. אפן קאָפּ שלאָגט זיך שוין דורך א פּליכל, אָבער דאָס גיט אים צו נאָך מער... ווי אַזוי רופט מען עס — מערער ווירדע, אַזוי צו זאָגן.

יע...איז אָט דער ראלף לעין...עפּעס ציט ער בא אים, בא שמו־לעוויטשן, די לעצטע טעג, די צונג: צי ער, שמולעוויטש איז צופרידן דאָ אין שאָפּ, צי ער קאָן אויסקומען מיט די ווײדזשעס, צי טראַכט ער ניט, עפּשער, אליין צו גיין אין ביזנעס. וואָרום, וואָס דיינקט ער, מיסטער שמולעוויטש? ס'איז עפּעס א פּלאַן צו ארבעטן אַזוי פּאָר יענעם דאָס גאַנצע לעבן? מ'ווערט דאָך אַלט — און אז מ'ווערט אַלט, ווייסט ער דאָך מיסטער שמולעוויטש, אז דאָ אין אמעריקע מאַכט מען מיט אַן ארבעטער קיין טיינעס. מ'וואַרפט אים ארויס, ווי א צעבראָכן פּלעשל. אויסגעזויגן אים איז אויס — ארויס! איז אז ס'מאַכט זיך א מאַן, וואָס האָט סייכל, שפּאָרט ער אָפּ א פּאָר דאָלער; און מר. שמו־לעוויטש איז ניט קיין נאַר. עפּעס האָט ער, מיסטאמע, אָפּגעשפּאָרט, ניט אַזוי?

נו, דאַרף ער זיך באהאַלטן פאַר לעינען? פאַר וואָס זאָל ער אים ניט זאָגן דעם עמעס? וואָס איז, ער וועט בא אים אויסכאַפּן די אַפּטייקע?

האָט ער אים איינמאָל דערציילט אַלץ, וואָס עס טוט זיך בא אים אף דער נעשאָמע, און אין שטוב, און אין באַנקביכל. לעין האָט אים אויסגעהערט, געזעסן א ווײלע פאַרטראַכט און פּלוצים א זאָג געטאָן:

— מיסטער שמולעוויטש, איר געפעלט מיר. איר זיינט א שטי־לער, ערלאַכער מענטש. איך קאָן שוין דערקאָנען א מענטשן. איך, אז איך גיב נאָר א קוק אף א מענטשן, זע איך שוין וואָס, און ווער און ווען. אייער מיסעס, איז זייער א פּראַקטישע און קלוגע פרוי. וואָס וועט איר ,טאַקע, אָפּזיצן דאָ אַזוי אייער גאַנץ לעבן, וואָס?

הערט מיסטער שמולעוויטש וואָס איך וועל אייך זאָגן. איר האָט, זאָגט איר, זעקס הונדערט דאָלער. ס'איז גאָרניט קיין סאַך געלט. אָבער, אפילע מיט זעקס הונדערטער קאָן מען אויך עפּעס אויפטאָן. ווען...: ווען מ'האָט זיך אף וועמען צו פאַרלאָזן.

און דאָ איז לעין ארויסגעקומען מיט א פּלאַן. דער פּלאַן איז באַשטאַנען אין דעם, אז זיי, דאָס הייסט ער, שמולעוויטש און לעין,

זאָלן בײדע עפּענען אַ שוך געשעפט. זײ װעלן שױן אױסקומען. מיסטער שמולעװיטש האָט זעקס הונדערט דאָלער און ער, ליען האָט טױזענט דאָלער. צוזאַמען מאַכט עס זעכצן הונדערט. װען מיסטער שמולעװיטש קאָן ערגעץ צולײען אַ פּאָר הונדערטער װאָלט עס, אַװדע, געװען בעסער. מיט צװײ טױזנט דאָלער קאָן מען שױן עפּעס אױפטאָן.

און ליען האָט אָנגעהױבן צו מאָלן פאַר שמולעװיטשן בילדער פון אױפשטײג און דערפאָלג. אײן סטאָר... און אַז ביזנעס גײט גוט, עפנט מען נאָך אַ סטאָר, און װער װײסט? אַמעריקע איז דאָך אַ לאַנד פון קײטן. —אײן סטאָר, און אַ צװײטע, און אַ דריטע, און אַט װערט שױן אַ גאַנצע קײט. װאָס זײנען דען געװען די שערמאַן בראָדערס? און די פּאַרקער קאָמפּאַני? אױך אָנגעהױבן מיט אַ קלײנער סטאָר. און מע האָט זיך אַרױפגעאַרבעט. זאָל ער עס איבערטראַכטן. ניטאָ װאָס צו כאַפּן. זאָל ער איבעררײדן מיט דער מיסעס, און אַז זײ װעלן באַשליסן, װעט זײ שױן ניט באַנג טאָן. זײ דאַרפן זיך שעצן גליקלעך, װאָס זײ האָבן אַזאַ געלעגנהײט.

שמולעװיטש האָט זיך צוגעהערט, װאָס ליען רעדט און, קומענדיק צוריק צו דער אַרבעט, האָט ער שױן ניט געקענט אײנזיצן. עפּעס האָט אים שױן געשלעפּט, געשלעפּט... אָט די רוכעלעך, פאַרסאַרפּעט זאָלן זײ װערן! אָט האָט עס שױן אױך אים אָנגעכאַפּט דאָס קאַדאָכעס צו לױפן, צו ביזנעװען און מאַכן געלט. ריװע װעט עס דערהערן, װעט זי נאָך אױך אונטערשטופּן, און עס װעט זיך אָנהױבן... און טאַקע פאַרװאָס זאָל ער ניט אָנהױבן? אַז ער װעט מוירע האָבן צו פּרוּװן, װעט ער דאָך קײנמאָל אױף קײן װעג ניט אַרױס. און זאָל, טאַקע, אַ װײב זען, אַז זײן רײדן דאַרט אין דער הײם איז ניט געװען קײן פּוסטע רײד. אַז ער װיל איז ער נאָך אַלל־רײט, קאָן ער נאָך עפּעס באַװײזן.

װען שמולעװיטש איז אַהײם געקומען און האָט דערצײלט דער װײב, װאָס ליען האָט אים פאָרגעשלאָגן, האָט זיך אים אױסגעװיזן, אַז זי איז עפּעס פּלוצים שענער געװאָרן. ער האָט דערזען פאַר זיך אַ פּאָר נײע שײנע שײנענדיקע אױגן און עפּעס אַזאַ זיסן ליבלעכן שמײכל אױף אירע בלײכע ליפּן — עפּעס גאָר אַנאַנדערע װײב איז זי געװאָרן.

— הער זשע, איציק, — האָט זי אים געפּרואווט וואָרענען באַם עסן, — דו קאָנסט דאָך אָנהויבן מאַכן שטיק, און דרייען מיט דער צונג אַהין און אַהער, זאָג איך דיר פאָראויס. זאָלסט ניט דורכלאָזן דעם „טשענס." אויב דער מאַן איז טאַקע אַזאַ, ווי דו באַשרייבסט אים מיר, זאָלסטו מאָרגן פאַרבעטן אים אַף סאַפּער און לאָמיך אויך אַקוק טאָן אַף אים.

און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרבעטן לעינען אַף סאַפּער.

---

ווען שמולעוויטש איז אַריינגעקומען מיט לעינען צו זיך אין הויז אַריין, האָט ער דערפילט, אַז זיין ווייב האָט זיך מיט וואָס איבער־צונעמען פאַר אים. ערשטנס זיינען די צימערן געווען אַזוי ריין און שיין אויפגערוימט, אַז ער אַליין האָט זיי ניט דערקאָנט. צווייטנס, האָט זי זיך פאַרפּוצט אין אַ קלייד אַז ס'איז זי מאַמעש ניט צו דערקאָנען.

— אָ, — האָט לעין מיט שמייכל זי באַגריסט. — מיסטער שמו־לעוויטש, וואָס האָט איר מיר ניט געזאָגט, אַז איר האָט אַזאַ שיינע ווייבל.

— אַ שיינע? כע... — האָט שמולעוויטש געהאַלטן אין איין ווישן דעם שוויים פון שטערן, — איך וועל אייך זאָגן דעם עמעס, איך אַליין האָב אויך ניט געוואוסט.

מיסעס שמולעוויטש האָט געגרייט צום טיש, געראַשט זיך און גערעדט, און אַפילע, מער ענגליש, ווי אידיש. ער האָט זיך גאָר קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אַז זיין ריווע זאָל קאָנען אַזוי גוט ענגליש.

און ווען זיי האָבן אָבגעגעסן, און שמולעוויטש האָט פאַררויכערט פון מיסטער לעינס צען סענטיקע סיגאַרן, האָבן זיי גענומען רעדן „ביזנעס" און באַשלאָסן, אַז, ערשטנס, וועט מיסטער שמולעוויטש זען קריגן אַפאַר הונדערט דאָלער אין אַ „לאָאַן אַסאָסיאיישאָן", און צווייטנס, וועלן זיי אַרויסגיין אָנקוקן די קראָם, וואָס מיסטער לעין האָט אין זינען צו דינגען. אַ וואונדערבאַר פּלאַץ! צווישן קריסטן. צווישן אידן זאָל גאָט אָפּהיטן. ווי זאָגט מען? מיט גאָים צו לעבן און מיט אידן צו שטאַרבן. אידן! זיי נעמען אַרויס די נעשאָ־מע. היינט די קאָנקורענץ! דאָרט וואו אידעלעך זיינען, שווימלט און גריבלט מיט סטאָרס. גיי מאַך אַ לעבן, אַז איינער קריכט אַפן

צוויטן.

איז באשלאָסן, הייסט עס, זונטיק וועלן זיי פאָרן אָנקוקן, און עפשער, טאַקע, גלייך אַפן פּלאַץ דינגען די סטאָר. און וועגן דעם איבעריקן מעגן זיי זיך פאַרלאָזן אַף אים, אַף לעינען. ער וועט שוין זען אַלעס פאַרזאָרגן. זיי מעגן זיך אָנפרעגן אַף אים.

די נאַכט און די איבעריקע נעכט נאָך דעם זייִנען געווען שלאָפלאָזע נעכט. שמולעוויטש און די ווייב פלעגן ליגן אין בעט און זייערע געשפּרעכן פלעגן זיך ציען ביזן טאָג אַריין... עס האָט געשלעפּט, געצויגן... די דאָלערס — די רוכעלעך האָבן ניט צורו געלאָזט.

מיסטער לעין פלעגט קומען יעדן טאָג. די סטאָר האָט מען שוין געדונגען. מ'האָט שוין געמאַכט פאַרבינדונגען מיט גרויסע פירמעס: געקויפט פּיקטשורס און מ'האָט שוין, אַפילע, געדונגען א מאַן צו מאַכן די שילדן.

און דאָ איז, פּלוצים, אויסגעוואַקסן א פּראָבלעמע. די „שור־סטאָר" באַדאַרפט האָבן א נאָמען.

אָנרופן די סטאָר, „לעין ענד שמולעוויטש שוסטאָר" — האָט עפּעס לעינען ניט געשמעקט. דער נאָמען שמולעוויטש איז צו אידיש. עפּעס איז ער — זאָלן זיי אים מויכל זיין — ניט קיין אינטעליגענטער, עמעס אמעריקאַנער נאָמען. צווישן קריסטן, פאַרשטייט זיך, דאַרף מען זיך אַביסל קריסטלען. זיין לעינס פּלאַן וואָלט געווען, ווען זיי די שמולעוויטשעס רופן זיך מיט אַן אַנדער נאָמען. נו, אַשטייגער, „סעמיועלס." און עס איז טאַקע ניט ווייט פון שמולעוויטש אויך. און עס וועט קלינגען, טאַקע, שענער: „לעין ענד סעמיועלס".

שמולעוויטש האָט געקוקט אַף דער ווייב, געצופּט זיך דאָס קליינע בלאָנדע בערדל אונטער דער ליפּ. און געשמייכלט ערגעץ אין דער וועלט אַריין. און לעין האָט שוין ניט גערעדט, אַפילע, צו אים. זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט האָט ער איבערגעפירט אַף דער מיסעס שמולעוויטש. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס לעצטע וואָרט געהערט צו איר. האָט ער גערעדט און גערעדט און פּלוצים דיפּ־לאָמאַטיש אַזוי א פרעג געטאָן:

— וואָס זשע זאָגט איר, מיסעס סעמיועלס?...

מיסעס שמולעוויטש האָט א קוק געטאָן אַף אים מיט אירע שיינע אויגן און געפילט נאָר ווי אַרומצוכאַפּן אים און קושן. ווי

שיין, ווי איידל דער נאָמען סעמיועלס האָט אַ קלונג געטאָן אין אירע אויערן. מיסעס סעמיועלס, אַוואַדע מיסעס סעמיועלס! מוז מען דען דאָס גאַנצע לעבן בלייבן שמולעוויטש? וואָס איז דעם מאַנס נאָמען שמולעוויטש בעסער ווי דער נייער נאָמען סעמיועלס?

איז געבליבן אַזוי: „לעין ענד סעמיועלס שו־סטאָר."

---

די „גרענד אָפּענינג", דער טאָג ווען זיי האָבן געעפּענט דעם סטאָר איז געווען באַ זיי אַ גרויסער יאָנטעוו. באַקאַנטע און פריינט האָבן צוגעשיקט בלומען. מיסעס לעין און די „נייע" מיסעס סעמיועלס זיינען געזעסן באַ דער קאַסע. ביידע אָנגעפּודערט און שיין געקליידט. מיסעס סעמיועלס האָט צום ערשטן מאָל אין איר לעבן אָנגעפאַרבט אירע ליפּן און יעדעס מאָל האָט זי געכאַפּט אַקוק אין שפּיגל און באַוואונדערט די פרוי וואָס זי האָט דאָרט געזען. ס'האָט זיך איר געוואָלט, אַפּילע, אַוויין טאָן פאַר פרייד. מיסטער שמולעוויטש האָט אויך אויסגעקוקט ווי אַ נייער. די נאַכט פאַר דער „אָפּענינג" האָט אים לעין אַוועקגענומען אָן אַ זייט און געהאַט מיט אים אַ פריינטלעכן שמועס. מיסטער שמולעוויטש ווייסט דאָך, מ'גייט טאָן ביזנעס אין אַ קריסטלעכער נאַכבאַרשאַפט, דאַרף מען אויסקוקן אַביסל מער נעט, אַזוי צו זאָגן. זאָל ער זיך קויפן אַ נייעם אַנצוג, און אָפּראַזירן די עטלעכע בלאָנדע האָר אונטער דער ליפּ.

אַ „באַרבער" וועט אים שוין „פיקסן", אָלרייט. ער איז דאָך אַ יונגערמאַן, טאָ זאָל ער זיך אויפפירן יונג, מיט צוטרוי צו זיך און איידל צו אַנדערע. איידעלקייט, דאָס איז דאָס ערשטע וואָס עס פאָדערט זיך אין ביזנעס. קומט אַריין אַ ליידי, צי אַ דזשענטלמאַן, גייט מען אים אַקעגן מיט אַ שמייכל: „יעס מעם," „יעס סער", דעם קינד אַ קניפּ אין בעקל, דער פרוי אַ קאָמפּלימענט — און אַזוי ווערט מען אַ ביזנעס מאַן. אַזוי ווערט מען באַליבט. „סמאַיל ענד די וואָירלד וויל סמאַיל וויט יו." — שמייכל און די וועלט וועט שמייכלען מיט אייך. וועל... מיסטער שמולעוויטש, ער מיינט מיסטער סעמיועלס, איז דאָך ניט קיין נאַר, ער וועט זיך שוין אויסמענטשלען, „יו בעט — ער וועט!"...

אַזוי זיינען אַוועק די ערשטע פּאָר וואָכן. זיי פלעגן ביידע שטיין אין סטאָר און ביידע אַקעגן לויפן די קוינים. סעמיועלס פלעגט

אימער לאָזן לויפן לעינען פאָרויס, ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט עס בעסער טאָן. נאָר ווען עס פלעגן אַריינקומען עפּעס אַלטע, פּאַשעטע אָרימעלייט דעמאָלט פלעגט זיך שמולעוויטש אָננעמען מיט מוט און אָקעגן לויפן זיי. זייער זעלטן אָבער פלעגט זיך אים איינגעבן צו פאַרקויפן אַ פּאָר שיך. פלעגט ער שטיין אַזוי אַ דערשלאָגענער. לעין אָבער, פלעגט אים טרייסטן: זאָל ער זיך ניט זאָרגן, ער וועט נאָך פאַרקויפן, אַז ס'וועט גיין אַ רויך. עס פלעגט אים אָבער פאַרדריסן פאַרוואָס די קוינים ווענדן זיך אימער צו לעינען, ווי צו דעם באַלעבאָס און אַלעמאָל פלעגט ער נאָר הערן: — מיסטער לעין, מיסטער לעין. — ער וואָלט געוואָלט אַמאָל הערן אויך זיין נאָמען.

מיט די ווייבער האָבן זיי אָראַנזשירט: איין טאָג פלעגט מיסעס לעין זיצן בא דער קאַסע און איין טאָג מיסעס סעמיועלס. און ווען מיסעס סעמיועלס פלעגט זיצן אין סטאָר, פלעגן זיי שמולעוויטשן לאָזן אַהיים גיין אויף אַ פּאָר שאָ כאַפּן אַ דרעמל. — „וואָס דאַרף מען שטיין ביידע", פלעגט מיסעס סעמיועלס טיינען, „זאָל איינער דאָ שטיין, נישקאָשע"...

דערפאַר, ווען מיסעס לעין פלעגט זיין אין סטאָר, פלעגט מיסטער לעין בעטן זיך אַהיים גיין אויף אַפּאָר שאָ, כאַפּן אַ דרעמל. פלעגט עס שמולעוויטשן האַנאָע טאָן, וואָס יענער האָט אַזוי פיל צוטרוי צו אים און לאָזט אים אַליין אין סטאָר און אין דער זעלבער צייט פלעגט עס אים שרעקן. פּאָרט אַ סטאָר — און אין אַ קריסטלעכער נאַכבאַרשאַפט.

איינמאָל, אין אַ רעגנדיקן טאָג, ווען מיסעס לעין איז געזעסן בא דער קאַסע, האָט זיך לעינען פאַרגלוסט אַהיים צו גיין אויף אַפּאָר שאָ. וואָס וועלן זיי ביידע זיצן אין אַזאַ וועטער? איז ער אַוועקגעגאַנגען. שמולעוויטש איז געבליבן אַליין מיט מיסעס לעין. און אימער, ווען ער פלעגט בלייבן מיט איר אַליין, פלעגט ער ווערן ווי אַ שטומער. פון וואָס זאָל ער מיט איר ריידן, זי קוקט אויס צו זיין עפּעס אַזאַ אינטעליגענטקע, און ער איז דאָך פּאָרט ניט מער ווי אַ שוסטער. פלעגט זי לייענען דעם „אַמעריקאַן", און ער דעם „טאָג". אָבער האַלטן אים פלעגט ער צווישן צוויי זייטן פון אַן ענגלישער צייטונג. טאָמער קומען אַריין קאַסטאָמער, זאָלן זיי ניט זען, אַז ער לייענט אידיש.

אין דעם רעגנדיקן טאָג, ווען לעין איז אהיים געגאַנגען, האָט שמולעוויטש גענומען די צייטונג און אַנידערגעזעצט זיך לייענען. צו זיין איבערראַשונג האָט זיך אָבער געעפנט די טיר און ס'איז אריינגעקומען אַ פרוי, איז ער איר אַקעגן געלאָפן מיט אַ שמייכל: יעס, מעם... סליפּערס? שור, שור...

אַנידערגעזעצט זי אַף אַ ביינקעלע, אַראָפּגעשלעפּט אירע שיך, געבראַכט צוטראָגן די שיך, וועלכע זי האָט פאַרלאַנגט. אָנגעמאָסטן איין פּאָר און אַנאַנדערע פּאָר, געבראַכט נאָך דריי פּאָר, פאַרשידענע „פּעטערנס". די זיינען צו גרויס, יענע צו קליין, די ברייט, און יענע צו שמאָל. ער האָט גערעדט, געשמייכלט, געשלונגען ווערטער פאַר וועלכע ער האָט זיך געשראָקן, אַז ער האָט זיי ניט ריכטיק אַרויס־געזאָגט. געקוקט איר אין די אויגן און נאָך מער געפּלאָנטערט זיך — ווייל אירע אויגן... ער האָט נאָך אַזעלכע שיינע אויגן, אַזאַ שיינע פרוי אין זיין לעבן ניט געזען... יעס מעם, שור, אַוואַדע... —אַפילע דאָס וואָרט אַוואַדע... האָט זיך באַ אים אַרויסגעכאַפּט. זי האָט אָבער ניט באַמערקט, דאַנקען גאָט... ענדלעך, ענדלעך, ענדלעך... זי האָט אויסגעקליבן אַ פּאָר שיך. אָט אָ די דאָזיקע גע־פעלן איר. זי וועט זיי נעמען.

ער איז געוואָרן שיקער פון דערפאָלג. פאַרקויפט אַ פּאָר שיך... פאַרקויפט! און צו וועמען? צו אַזאַ שיינער, אינטעליגענטער, קריסט־לעכער פרוי. ער ווייסט, ער קען שוין! שור קאָן ער שוין! פאַר גרויס פרייד האָט ער געכאַפּט אָנטאָן איר די אַלטע שיך און, האַלטענדיק איר קליין זיידן פיסל אין זיינע הענט, האָט ער עס אַ קוועטש געטאָן מיט אַזוי פיל ליבע, מיט אַזוי פיל דאַנקבאַרקייט, אָט פונקט, ווי ער וואָלט אַ קוועטש געטאָן דעם פריינטס אַ האַנט. ער האָט פאַרבונדן אַ פעקל, און ניט געזען, ווי דער פרויס אויגן זיינען פלוצים געוואָרן האַרט און בייז. ניט געזען, ווי קאַלט זי האָט גענומען דאָס פעקל און איז אַרויס פון דער סטאָר. ער איז געווען שיקער פון פרייד.

דער רעגן האָט נאָך געגאָסן און קיין קוינים זיינען שוין מער ניט געקומען. ליען האָט אָפּגערופן אַפן טעלעפאָן און די מיסעס לעין האָט אים געפרעגט וואו ער איז, צי ער איז טאַקע אין דער היים, צי ערגעץ אַנדערשוואו. ביזי? ניין... נאָר איין פּאָר שיך פאַרקויפט. יע, ער מעג זיצן אין דערהיים. זיי וועלן שוין אַליין

פאַרמאַכן.

שמולעוויטש האָט דערפילט, אַז ער איז בייז אַף איר. ווי זי האָט עס עפּעס אַזאַג געטאָן, נאָר איין פּאָר שיך פאַרקויפט. וויפל האָט זי געוואָלט ער זאָל פאַרקויפן צו איין קוינע? צען פּאָר שיך?

ס'איז שוין געווען אַרום צען אַזייגער. נאָך אַ האַלבע שאָ מעג מען שוין פאַרמאַכן.

פלוצים האָט זיך געעפנט די טיר, און אַ מאַן איז אַריינגעקומען. געבליבן שטיין אַווײַלע אַ רויטער און בייזער און געקוקט אַף שמולעוויטשן.

— מיסטער סעמיועלס?

— סעמיועלס? — האָט שמולעוויטש אַ פרעג געטאָן, און אַ רוף געטאָן: — מיסטער סעמיועלס! — גלייך געכאַפּט זיך אַז דאָס מיינט מען דאָך אים אַליין — ער אַליין איז דאָך סעמיועלס, טפוי... איז ער רויט געוואָרן — נו, גיי געדיינק, אַז ער הייסט איצט סעמיועלס.

— יעס סער, יעס סער. דאָס בין איך... דאָס בין איך סעמיועלס.

— סיי! — איז דער מאַן צוגעגאַנגען נעענטער, — סיי, וואָס מיינ־סטו עפּעס מיטן דריקן מיין ווייבס פּיס? וואָס איז זי דיר עפּעס „אַ לייף ווייער" צו וואָס? דו שמוציקער איד — דו! איך וועל דיר דיין האַלדז צעברעכן, דו לויזיקער איד!

— סער... אַי דאָנט נאָו... — האָט שמולעוויטש געוואָלט עפּעס זאָגן און פלוצים דערפילט, ווי עפּעס האָט, ווי אַ פייערדיקע אַנגעגליטע מאַסע אַזוי געטאָן אין אויג אַריין, און פאַרדרייט אין אַ נעבל פון הייסן בלוט און שפּריצענדיקע פונקען. אַ פאַרכאַלעשטער האָט ער גע־פילט ווי דאָס האַרץ ווערט אים עפּעס אַזוי שוואַך, און, פאַלנדיק האָט ער געהערט, ווי מיסעס לעין קוויטשעט מיט באַנומענע קוילעס. און עמיצער גיסט אַף אים וואַסער און שלעפּט אים און רייסט בא אים דעם קאָלנער.

מיט מי האָט ער געעפנט איין אויג און דערפילט, אַז דאָס צווייטע איז ווי פאַרקלעפּט. אָנגעטאַפּט עס. אַ צובלוטיקט אויג, אַ פאַרשוואָלן אויג. געכאַפּט אַ קוק אין שפּיגל און דערשראָקן זיך פאַר זיך אַליין. איין זייט פּנים ווייס, ווי קאַלך און די צווייטע בלוי און שוואַרץ.

—וואָס איז דאָ געשען, וואָס?— האָט ער מיט אַ שוואַכער שטימע געפרעגט בא מיסעס לעין.

— וואָס סאיז געשען, וואָס?! — האָט זי בייז געענטפערט, — טאַקע דאָס וויל איך אויך וויסן, וואָס סאיז געשען. וואָס האָט איר דאָרט געטאָן מיט זיין פרוי, וואָס? וואָס האָט איר געקוועטשט די פיס, וואָס? וואָס מיינט איר, זי איז אייך מיסעס שמול... שמול... שמולע־וויטש. סאָם ביזנעסמען... אידיאָט!

זי האָט בייז פאַרשלאָסן די סטאָר און איז אוועק צו דער קאַר.

שמולעוויטש איז איר נאָכגעגאַנגען אַזאַ קלייניגקער און דערש־לאָגענער. זיין האַרץ האָט אין אים געוויינט.

ווען ער איז אַהיים געקומען און די ווייב האָט אים דערזען, האָט זי זיך דערשראָקן:

— אוי, וואָס איז דאָס, איציק?!

ער האָט איר אַלץ דערציילט. ער הויבט ניט אָן צו וויסן, וואָס דאָרט איז געשען. נו, יאָ, ער האָט איר פאַרקויפט אַ פּאָר שיך און אָנגעמאָסטן צען פּאָר שיך. אָבער קוועטשן... זאָל ער אַזוי געזונט זיין מיט איר צוזאַמען, אַז ער הויבט ניט אָן צו וויסן וואָס עס הייסט קוועטשן אַ פרויס פיס — נו, אָט האָסטו דיר אַ סימכע אויף זיין טאָטן. פאַרקויפט אַ פּאָר שיך!

ריווע האָט גאָרניט געזאָגט. זי האָט אים געלייגט קאַלטע קאָמפּ־רעסן. אין אירע אויגן, אָבער, האָט ער געלייענט מער וויפל ווערטער האָבן געקאָנט זאָגן.

קיין ערגערע נאַכט האָט ער זיינע סאָנים ניט געוואונטשן.

---

דריי טעג האָט שמולעוויטש ניט געקאָנט זיך ווייזן אין סטאָר אַריין. דאָס אויג איז געווען געשוואָלן און בלוי. ווי גייט מען מיט אַזאַ אויג אין אַ סטאָר?

דערפאַר האָט די ווייב ניט אַרויסגעטראָטן פון דאָרט. און געטאָן האָט זי עס דערפאַר, ווייל מיסעס לעין האָט עפּעס צו הויך פאַריסן די נאָז און געהאַט די האָזע אָנצורופן שמולעוויטשן „אידיאָט" אין אירע אויגן. און טאַקע איר אַליין האָט זי אויך געזוכט יעדע רעגע צו באַליידיקן. — מיסעס שמול... שמול... סעמיועלס, פלעגט זי יעדע רעגע מאַכן זיך, ווי זי פאַרגעסט איר נאָמען. וואָס פאַר אַ שמול... שמול... איז זי פאַר איר? זי מעג וויסן, אַז איר נאָמען איז סעמיועלס, שוין צייט. און איר אויף צו לעהאַכעס וועט זי זיין אין סטאָר און

טאקע נאָך צוליב עפּעס... אָבער דאָס איז שוין קיינעמס איסעק ניט זי איז ניט אַ נאַר דאָס צו דערציילן.

---

עס זיינען אַוועק נאָך אַ פּאָר וואָכן און נאָך אַ פּאָר וואָכן. די געשעפטן זיינען געגאַנגען ניט אַזוי גוט, ווי זיי האָבן זיך גערעכנט. עפּעס צאָלן דאַרפן זיי אַזוי פיל — און אַריינקומען, קומט אַריין ווייניקער און ווייניקער.

מיסעס לעין האָט געשריען, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל שמול... סעמיועלס איז אין סטאָר. ער פּאַרטרייבט פּאָשעט די קוינים. מ׳קאָן זיך דען פאַרלאָזן אַף אים? און מיסעס סעמיועלס האָט געשריען, אַז ס׳איז דערפאַר, ווייל זי, מיסעס לעין, איז צופיל באַלעבאָסטע דאָ אין סטאָר. ווען זי האָט אין זינען אין דער היים די קיך, וואָלט זי אַסאַך מער נוצן געבראַכט. גאַנצע טעג פלעגן זיי אַרומגיין אָנגעבלאָזענע און בייזע. לעין אַליין האָט אויך אָנגעהויבן אַרומצוגיין אַ פאַרטראַכטער און עפּעס ווי אַ פרעמדער. ניט געקוקט קיינעם אין די אויגן און אַלץ אויסגעמידן צו בלייבן אַליין מיט דער מיסעס סעמיולס אין סטאָר.

שמולעוויטש האָט שוין צו קיין פּרויען ניט געוואַגט מער צו פאַרקויפן שיך. פלעגט ער ניט האָבן וואָס צו טאָן. פלעגט ער אַרומגיין אַ גאַנצן טאָג און אויסגלייכן די שאַכטלעך מיט די שיך. אין די לעצטע צוויי טעג האָט אַ נייעס גאָר איינגאַנצן אים צוטומלט. ווי אַזוי? ווען, וואָס? וואָס מיינט זי עפּעס ריווע, פּלוצים... זי שוואַנגערט — נו! וועט ער, הייסט עס, ווערן אַ טאַטע... מיילע... נו... מענטשן זיינען דאָך ניט קיין מלאָכים. זיין שולד מעססאָמע, וואָס דען, אירע? אי־אי־אי... נו!

די וואָכן זיינען געגאַנגען לאַנגזאַם. די געשעפטן שלעכט. מענטשן האָבן אויפגעהערט קויפן שיך, צו וואָס?

איינמאָל ווען זיי האָבן פאַרשלאָסן די סטאָר, האָט לעין אָזאָג געטאָן, עפּעס אַזוי פרעמד און בייז:

—שמולעוויטש, מען דאַרף צאָלן די בילס. איר ווייסט?

— וואָס דען איך ווייס ניט? — האָט שמולעוויטש געענטפערט.

— אַז איר ווייסט, טאָ וואָס זשע שווייגט איר? וואָס מאַכט איר זיך געפיינערט? וואָס בין איך אייך? איך דאַרף זיך זאָרגן, איך דאַרף פאַרקויפן, איך דאַרף צאָלן די בילס — אַלץ איך. וואָס טוט איר?

איר שלאָגט דאָך ניט אָן אַ פינגער אָן אַ פינגער.

— וואָס זשע ווילט איר זאָל איך טאָן? אַז פאַרקויפן לאָזט איר מיך ניט. טאָ וואָס זשע זאָל איך טאָן?

— טוט! טוט עפּעס, גאָד דעם! גייט מאָרגן ארויס און באָרגט ערגעץ צוויי הונדערט דאָלער און לאָמיר באַצאָלן רענט. שוין צוויי כאָדאָשים ניט געצאָלט.

— וואָס הייסט, איך זאָל באָרגן? נו, און איר?

— איך האָב שוין ניט וואו.

— איך האָב אויך ניט וואו... איך צאָל נאָך ביז היינטיקן טאָג פאַר די פיר הונדערט דאָלאַר. וואו זאָל איך נעמען?

— נו, טאָ גייט אייך צו אָלדע שוואַרצע יאָר. וואָס דאַרף איך אייך? צאָלן אייך פאַר ארומדרייען זיך אין סטאָר?

שמולעוויטש האָט דערפילט, אַז אביסל עמעס איז ערגעץ פאַראַן אין לעינס רייד. ער האָט אָבער ניט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס יענער האָט זיך פּלוצים אַזוי געביטן. אַזאַ וואוילער מענטש געוועזן און נאַ — קוק! אָבער וואָס קאָן ער זיך העלפן? וואָס קאָן ער טאָן? וואו זאָל ער נעמען? איז ער אַהיים געקומען און דערציילט אַלעס ריוועןָ.

ריווע האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן און געשוויגן. דערנאָך האָט זי שטיל געזאָגט:

— איך וועל מיט אים איבעררײדן.

— גוט, רייד דו. דו גייסט דאָך באַ מיר אין די הויזן.

און אַזוי איז געבליבן.

ס'איז אוועקגעגאַנגען נאָך אַ וואָך און די געשעפטן זיינען געוואָרן נאָך ערגער.

לעין איז געוואָרן מאָרע־שכוירעדיקער פון טאָג צו טאָג. די מיסעס לעין האָט צו קיינעם ניט גערעדט. אַף שמולעוויטשן פלעגט זי זיך אַפילע ניט אומקוקן, גלייך ווי ער עקזיסטירט ניט פאַר איר. עס האָט זיך געשפּירט, אַז אָט אָט וועט עפּעס מוזן אויסברעכן, וואָס וועט איבערקערן אַלעס מיטן קאָפּ אראָפּ און מיט די פיס ארויף.

איינמאָל איז לעין געבליבן אַליין אין סטאָר מיט מיסעס שמולעוויטש.

— איצט — האָט זי אַ טראַכט געטאָן, — וועט זי האָבן אַ געלעגנהייט דורכצורײדן זיך מיט אים און אויסגעפינען איין מאָל פאַר אַלע

מאָל פאַרוואָס ער האָט זיך פּלוצים אַזוי געענדערט. מיילע, וועגן זיינע געפילן צו איר, פון וועלכע ער פלעגט אַזוי פיל רײדן, ווען זיי פלעגן זיין אַליין, — וועגן דעם וועט זי ניט ריידן איצט. זי פאַרשטייט, אַז מ׳טאָר ניט צוגיין צו אַ מאַן מיט טײנעס. ערשטנס, קאָן מען מיט געוואַלד קיין ליבע ניט קויפן, און, צווייטנס, וועט זי אים ניט אַרויסווייזן, אַז זי איז אַזוי שטאַרק געטראָפן פון זיין פּלוצימדיקער קאַלטקייט... אָבער ביזנעס, דאָס איז עפּעס אַנדערש. איציק איז, טאַקע, אַ נעבעכל, אַ גאָרנישט שעבגאָרנישט, אָבער לעין דאַרף ניט ווערן דער גאַנצער באָס. ניט ער און ניט זי זיין מיסעס. זי אוואָדע און אוואָדע ניט. ווייל אויב זיי ווערן די גאַנצע באַלעבאַטים, איז שוין די גאַנצע ביזנעס פאַר זיי קיין ביזנעס ניט. ס׳איז שוין אַזוי, פאַרשטייט זי, אויך געגנוג שלעכט. שוין די צווייטע וואָך, אַז מ׳שלעפּט פון דער סטאָר ניט מער ווי צוואַנציק דאָלער אַ וואָך — נו, ס׳קאָן דאָך קומען כאָלילע דערצו, אַז מ׳וועט שוין גאָרניט קאָנען שלעפּן. וואָס וועלן זיי דעמאָלט טאָן? צו די צאָרעס איז זי נאָך אַריינגעפאַלן אויך, און נאָך ווי אַזוי... אָבער דאָס איז שוין פאַרפאַלן. נו, וועט זי איצט מיט אים ריידן.

— לעין... — האָט זי שטיל אַרוף געטאָן.

— יע.

— וואָס זיינט איר געוואָרן עפּעס אַזאַ...

— וואָס בין איך געוואָרן? איך בין גאָרניט געוואָרן.

— עט, מיך וועט איר ניט אָפּנאַרן. איך קאָן אייך שוין גוט.

— נו, אַז איר קאָנט מיך שוין אַזוי גוט, טאָ וואָס פרעגט איר מיך?

— ע... מיסטער לעין — יו גאָט פרעש.

— פרעש, מעש — אַזוי בין איך און שוין.

— וואָס וועט זיין דער סוף? ווי לאַנג קאָן מען עפּעס לעבן אַף צוואַנציק דאָלער אַ וואָך.

— זאָל שמולעוויטש גיין אַרבעטן וועט ער מאַכן מער.

— אַרבעטן? אַזוי? און איר וועט זיצן דאָ און...

לעין איז געוואָרן בייז. וואָס מיינט זי עפּעס זיצן דאָ אַזוי? ער זיצט דאָ אין געהאַקטע וואונדן, זיצט ער. ווער טראָגט אָפּן קאָפּ אַלע זאָרגן, אַלע צאָרעס? ווייסט זי, אַז באַלד, באַלד וועט מען זיי

פארמאכן און אויפהייבנגען א בלעטל אף דער טיר? וואס ווילן זיי, אז ער זאל נאך אריינבראקן נאך אנדערע טויזענט איבער זיי? גאר דעם!... ער איז שוין אזוי אויך גענוג אריינגעפאלן. זאלן זיי איבער־נעמען די סטאר, זאלן זיי פירן די ביזנעס. שמולעוויטש! אויך מיר א ביזנעסמאן. טפו, צו אלדע שווארץ יאר!

ער איז ארומגעלאפן איבערן סטאר. געדוויכערט איין ציגארעטל נאכן אנדערן, געווארפן בייזע בליקן, און דערנאך ארויסגעגאנגען און אנידערגעשטעלט זיך אין דרויסן בא דער טיר.

מיסעם שמולעוויטש האט אקוק געטאן אין שפיגל אף איר נייעם „העיר־קאט", און א טראכט געטאן: „ווייסיך וואס — די צייט איז שלעכט, רייסן מיר זיך. ס'וועט זיך פארבעסערן, וועלן מיר זיך ווי־דער קושן אין די פיסקלעך".

ווען שמולעוויטש האט געעפנט אינדערפרי די סטאר, האט ער באמערקט אז דארט, וואו ער האט ערשט נעכטן צונויפגעשטעלט די שאכטלעך מיט די שיך אזוי שיין אין גלייכע רייען, איז איצט אלעס צעשטופט און לויז. עפעס דוכט זיך אים, אז עס וואלט באדארפט זיין אסאך מער שאכטלעך. וואו זיינען זיי אהינגעקומען? עס קאן דאך ניט זיין, אז מ'האט זיי איבערנאכט פארקויפט. אבער... ווייסיך — מעסטאמע, וויזט אים אויס... די לעצטע צייט איז ער דאך אזא צעטראגענער. ער האט ווידער אויסגעגלייכט די רייען שאכטלעך און בארואיקט זיך.

מיט א פאר טעג שפעטער, האט ער ווידער באמערקט אז עס איז געווארן, דוכט זיך אים, א גאנצע לאך אין דער וואנט. ס'פעלן עפשער, פופציק שאכטלעך. וואו האבן זיי געקאנט אנטרינען? און ווען לעין איז געקומען, האט ער א פרעג געטאן:

— לעין, ס'איז דאך געווען א פולע וואנט מיט שיך — וואו זיינען זיי אהינגעקומען?

— א, וואס באדערט איר מיך. איר זעט דאך, איך האב אלעס איבערגעשטעלט, איבערגעסארטעוועט... א באלעבאס! שטייען אזוי פיל ליידיקע שאכטלעך און ער פרעגט אף שיך.

— אבער, איך וויים דאך, איך האב דאך אלע ליידיקע שאכ־טלעך ארויסגעווארפן.

— אזוי ארויסגעווארפן? ! — איז לעין געווארן בייז. — טא

טוט א קוק, מיסטער שמולעוויטש וויפיל לײדיקע שאַכטלעך איר האָט נאָך אין דער סטאָר! אַרויסגעוואָרפן!

און לעין האָט פּאָר שמולעוויטשעס אויגן אָנגעהויבן צו שלעפּן לײדיקע שאַכטלעך אײנע נאָך דער צווייטער.

לײדיקע שאַכטלעך... אַזוי פיל לײדיקע שאַכטלעך. ערשט יענע וואָך האָט ער זיי אַלע איבערגעשטעלט, אָפּגעבראַשט, און איצט, לײ־דיקע שאַכטלעך.

עפּעס האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. עפּעס געפעלט אים ניט דאָ די מיסע. וואָס הייסט עפּעס לײדיקע שאַכטלעך? הייסט עס, אַז אַט דער לײטישער מענטש לעין, האָט אים באַגאַנוועט, הייסט עס?...

אַן אויפגערעגטער, אַ ציטערנדיקער און רויטער פון קאַעס האָט שמולעוויטש אָנגעהויבן וואַרפן די שאַכטלעך. געלאָפן איבער דער סטאָר פון איין עק צום צווייטן.

— וואָס הייסט?! וואָס מיינט איר עס?! באַגאַנוועט מיך? וואָס מיינט איר עס? !

לעין האָט בייז אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר און איז אוועק.

שמולעוויטש איז געבליבן אַליין. נאָך אַלץ ניט געקאָנט געפינען זיך אַ פּלאַץ פון אויפרעגונג, אַרויסגעשלעפּט אַלע מאָל אַנדערע שאַכ־טלעך פון די פּאָליצעס און געפילט, ווי עס פּלאַצט אין אים דאָס האַרץ. געוואַלד, וואָס טוט זיך דאָ!...

וואָס טוט מען איצט? נו, וואָס טוט מען איצט? וואָס פאַר אַ ביזנעס קאָן מען איצט פירן אָן שיך און מיט אַ שוטעף, אַ גאַנעוו? עפּשער האָט ער גאָר אינגאַנצן די צייט געגאַנוועט און געבלאָפט. וואָס בלייבט איצט צו טאָן? אַז ער אַליין ווייסט ניט גאָרניט אין די ביזנעס; אַז צאָלן בילס, האָט לעין געצאָלט; אַז אונטערשרייבן די טשעקס האָט לעין אונטערגעשריבן; אַז קויפן וואַרע, האָט לעין גע־קויפט; איז וואָס קאָן ער איצט טאָן, וואָס? אוי, אוי, אוי! ער וואָלט עפּעס אַזעלכעס געוואָלט אָפּטאָן, אַז ער זאָל דערפילן, דער... דער גאַנעוו... אָבער וואָס קאָן ער טאָן? אונטערצינדן, עס זאָל פאַרברענט ווערן? צו אַלדע שווארצע יאָר, וואָס האָט ער דאָ? וואָס האָט עס אים געטויגט, דער רואך זאָל עס נעמען!... אַ ביזנעסמאַן האָט זיך אים פאַר־גלוסט צו ווערן... אַ גאַנצער יאָ טעבע דאָס האָט זיך אים פאַרגלוסט

צו ווערן!...

דערזען דורכן פענצטער, צוויי מענער קריכן ארויס פון א מאשין. געבליבן שטיין אף א מינוט ביי דער טיר און אריינגעקומען.

— העללאָ.

— העללאָ, סערס... — איז ער אקעגן געלאָפן.

— זייט איר מיסטער לעין?

— נאָ, נאָו סער, אי עם שמולל... סעמיועלס.

— אָ, יעס, אָ, יעס. האָט איינער ערנסט געזאָגט. צוגעגאנגען צום קאונטער, אויפגעעפנט זיין טאש, ארויסגענומען עפּעס בילס און פּאַפּירן, געשריבן עפּעס א ווײַלע.

— מיר זיינען פון קאָורט, רעסיווערס. — האָט איינער א זאָג געטאָן.

— יע. —האָט שמולעוויטש ניט פארשטאנען און געשמייכלט.

זיי האָבן עפּעס גערעדט צו אים, עפּעס געפרעגט, האָט ער ניט פארשטאנען, וואָס זיי מיינען. ענדלעך, האָט איינער פון זיי א זאָג געטאָן:

— די שליסל...

האָט ער אָנגעהויבן עפּעס צו פארשטיין און נערוועז אָנגעהויבן שלעפּן די שליסל פון דער קעשענע.

— יעס... שור...

זיי האָבן גענומען די שליסל, אָנגעקלעפּט עפּעס א בלעטל אף דער טיר.

— קאַמאָן.

זיי זיינען ארויסגעגאנגען. זיי האָבן פארשלאָסן די טיר, אריינגעזעצט זיך אין מאשין און אוועקגעפאָרן.

שמולעוויטש איז געבליבן שטיין בא דער טיר א צעטומלטער, אָן געדאנקען. נאָכגעקוקט דעם מאשין, אקוק געטאָן אף דער טיר מיטן בלעטל, א פּרואוו געטאָן צו זי איז טאקע, פארשלאָסן, א קראַץ געטאָן זיך אין קאָפּ און דערפילט פּלוצים אזא לייכטקייט, אזא רואיקייט אפן הארצן.

פּארמאכט! א שיינע ריינע קאַפּאָרע און צו אלדע שווארצע יאָר, גאָטעניו!

די זון האָט אים געשמייכלט גלייך אין פּאָנים אריין און א

ווינטל האָט אַזוי צאַרט געגלעט די באַקן... איצט דאַרף ער שוין ניט טראַכטן, ניט זאָרגן, אויס!... אַ מעכאַיע, אַ פּרייער מענטש געוואָרן ווידער. וואָס, האָט ער באַדאַרפט דעם שוואַרצן כאַ־לעם? וואוהין האָט אים דער רואַך געטראָגן, וואוהין?

און דאָס ביינקעלע פון דער פעקטאָרי, האָט אין זיינע געדאַנקען, ווי אַ שמייכל געטאָן צו אים... אַ רוף געטאָן. שמולעוויטש, כאַ, כאַ, כאַ! שמולעוויטש, אַ רואַך דיר אין טאַטנס טאַטן אַריין! אַ ביזנעסמאַן, אַ ? !

שמולעוויטש האָט זיך געלאָזט אַהיים, קימאַט לויפנדיק. צו קומענדיק צום הויז איז ער געבליבן שטיין, ווי אַן אָנגעכאַפּטער פון אַן אומזעבאַרער האַנט. וואָס איז עפּעס די גדולע אױף אים? ווען זי וועט דערהערן, וואָס ס'איז געוועזן און וועט אַ קוק טאָן אױף אים, און דערזען די שמייכלדיקע צורע זיינע, וועט זי דאָך אויסלאָזן אַלע וויסטע כאַלוימעס צו זיין קאָפּ. איז ער געשטאַנען אַזוי אַ ווײַלע אַ פאַרטראַכטער, געמאַכט אַפּאָר טרויעריקע אויגן, איינגעבויגן זיך, ווי אַ דערשלאָגענער און געעפנט די טיר.

דורך דער האַלב פאַרמאַכטער טיר פון שלאָפצימער האָט ער דערזען לעינען. ער איז געזעסן לעבן ריווען אָפן בעט און זי האָט אים מיט אירע אַנטבלויזטע אָרעמס געשלעפּט צו זיך.

— נאָך ברויגעז? נאָך אַלץ ברויגעז, יו בעד באָי...

שמולעוויטש האָט שטיל פאַרמאַכט די טיר, אַרויסגעגאַנגען. געבליבן שטיין. דערנאָך אַנידערגעזעצט זיך אױף די טרעפּ. די הענט און פיס האָבן אים געציטערט, און ס'האָט זיך אים געוואָלט וויינען.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, געלאָזט זיך גיין אָן אַ ציל און אָן אַ געדאַנק. געגאַנגען וויט, און פּלוצים דערזען די סטאָר.

דאָס בלוט האָט אין אים אַ רויש געטאָן, אַ טרייב געטאָן... אַ־אַ! — אַ־אַ!

דערזען אַ קופּע שטיינער בײַ דעם ראָג. שטיינער... שטיינער... אַ־אַ!

געכאַפּט אַ שטיין און מיטן גאַנצן קויאַך אַ שליידער געטאָן אין דעם פענצטער פון דער שו סטאָר. מיט אַ בראַזג און קלאַנג האָבן זיך צעשאָטן שטיקער גלאָז אױף דעם ראָג... אַ שפּריץ געטאָן מיט שאַרפע שטיקלעך... האָבן זיך דערהערט געשרייען, געוואַלדן. עמיצער

האַט אים אַ כאַפּ געטאָן באַ די פּלייצעס, באַ די הענט... עמיצער האָט אַ זעץ געטאָן אים אין קאָפּ... געשרייען... טומל... פּראַגן — אַלע — אַלע צוזאַמען — מיט נייגעריקע בליקן, מיט בייזע בליקן...

שמולעוויטש איז ווי קלענער געוואָרן. געקוקט טאַמעוואַטע אַפּן שוואַרצן לאָך פון פענצטער; געשטופּט פון זיך די מענטשן און אַלץ געריסן זיך אַנידערזעצן זיך אַף דער ערד, וואו ער איז גע־שטאַנען... געפילט, די פיס האַלטן אים ניט... און פאַר די אויגן טאַנצן שוואַרצע שאָטנס...

איינער פון די שכיינים האָט אים דערקאָנט.

— מיסטער סעמיועלס? !

— נאָו, נאָו, נאָו... — האָט שמולעוויטש שטיל געשטאַמלט — נאָו מאָר סעמוילס... נאָ מאָר... שמולעוויטש — שמולעוויטש — יעם סערם... שמולעוויטש.

# אַפֿן בריק

פון דעם קעלער אין דעם אַפּאַרטמענט הויז, וואו עס פלעגט זיך אויפהאַלטן דער קאַליקע „שאַק" האָט זיך געפילט דער רייאַך פון גאַז. די שכיינים האָבן אָנגעהויבן אַריינקוקן דורך די פענצטער. זיי האָבן אָבער גאָרניט געזען, האָבן זיי געקלאַפּט אין דער טיר און קיינער האָט ניט געענטפערט. איינעם איז איינגעפאַלן אַפּצורופן די פייערלייט. אין פינף מינוטן אַרום זיינען זיי מיט אַ געפילדעריי און קלינגעריי צוגעפאָרן צום הויז, אויפגעבראָכן די טיר און אַרויס־געטראָגן שאַקן.

אַלע האָבן געקאָנט שאַקן. מיט אַ בינטל בליישטיפטן פלעגט ער אַרומגיין אין די גאַסן, איינגעבויגן אין צווייען, ווי אַן איבער־געבראָכענער. ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס זיין קאָפּ האָט אָנגע־שפּאַרט קימאַט באַ זיינע קני, פלעגט ער דאָך גיין שנעל פון קראָם צו קראָם און קלוימערשט פאַרקויפן בליישטיפטן. אין עמעסן אָבער, האָט קיינער פון אים קיין בליישטיפט ניט גענומען, נאָר געגעבן אים אַ פּאָר סענט און באַגלייט מיט אַ בליק פון עקל און ראַכמאָנעס.

ווען מ׳האָט אים אָפּגעמינטערט און אָנגעהויבן אויסצופרעגן פאַרוואָס ער האָט געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד, האָט ער ניט גע־וואָלט ענטפערן. געדרייט מיטן קאָפּ הין און צוריק, אָפּגעשאַרט פון זיך די מענטשן מיט די קליינע, דאַרע הענט און געשוויגן.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען אים שוין ווידער געזען גיין מיט זיינע קורצע, שנעלע טריט. אין דער נאַכבאַרשאַפט, וואו ער האָט געוואוינט האָט ער זעלטן געבעטן אָבער זיינע שכיינים פלעגן אים אָפּט באַגעגענען אין אַלע טיילן פון שטאָט.

איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט האָט אים באַגעגנט מאַשעט.

מאַשעט איז געווען אַ הויכער, שיינער און געזונטער מאַן. פאַרנומען אַ צימער אין הויז פּונקט קעגנאיבער וואו שאַק האָט געוואוינט. געווען אַ צוריקגעצויגענער, אַ שווייגנדיקער.

מאשעט פלעגט אפט זען שאקן און שאק מאשעטן. שאק פלעגט אבער קיינמאל ניט קוקן אף אים. דערזעענדיק מאשעטן, פלעגט ער ווערן נאך קלענער און זיינע טריט פלעגן ווערן שנעלער. דערפאר פלעגט מאשעט קוקן אף אים שוין צופיל. איצט, ווען זיי האבן זיך באגעגנט אפן בריק, האט זיך מאשעטן פלוצים פארגלוסט צו באקאנען זיך נענטער מיט אים.

שאק איז געגאנגען פארויס און מאשעט נאך אים. ס'איז שוין געווען גאנץ טונקל. שאק האט באמערקט, ווי מאשעט גייט אים נאך, האט ער זיך ארומגעקוקט, ווי זוכנדיק א פלאץ וואו אפצורוען זיך, און דערזעענדיק בא דער זייט א שטיין, האט ער זיך אנידערגעזעצט. מאשעט איז אבער אויך געבליבן שטיין. געשטאנען נעבן אים און אראפגעקוקט אפן טייך, וואס האט זיך, ווי א טונקל גרויע שלאנג געטראגן אונטערן הויכן בריק.

— וואוינט איר ניט אף טשערי סטריט, מיסטער? — האט מאשעט א פרעג געטאן.

— איך? יע... וואס דארפט איר וויסן?

— א, גלאט אזוי. איך האב אייך דארטן געזען. איך וואוין אויך אף טשערי סטריט.

— א, יע... איך וויים. איך האב אייך אויך געזען — האט שאק געענטפערט.

זיי זיינען אנטשוויגן געווארן. מאשעט האט פאררויכערט אסיגארעטל.

איר רויכערט? — האט ער אויסגעשטרעקט די סיגארעטן צו שאקן.

— ניין. איך רויכער ניט.

— גוט איז אייך.

— כי... וואס איז מיר גוט? — האט שאק א מאדנע לאך געטאן — איך וועל שפארן געלט, צי איך וועל ניט רואינירן מיין געזונט? וואס איז מיר אזוי גוט?

— וועלללל... איר ווייסט דאך... — האט מאשעט געפרואווט פארריכטן זיין אומטאקטישקייט. — דאס וויכטיקסטע אין לעבן איז דאך דער פאקט, אז מע לעבט. אז דער מענטש קאן פילן און וויסן, אז ער לעבט — דעמאלט דארף ער אלץ און עס גלוסט זיך אים

אלץ.

— יע... אז מ׳איז געזונט און שטארק. אָבער, אז מ׳איז אזא קריפּל, ווי איך, ווילט זיך ניט לעבן, אפילע.

— יע... יע... — האָט מאשעט א טראכט געטאָן — יע... אזעלכע ווי דו דארפן ניט לעבן.

און געזאָגט האָט ער:

— מיר דוכט זיך, אז ווען עס בלייבט מיר נאָר דער קאָפּ און איך וויים, אז איך עקזיסטיר, וואָלט איך, אפילע, דאן געוואָלט לעבן.

— צו וואָס? צו זען די זינלאָזיקייט פון לעבן? איר רעדט אזוי ווייל איר ווילט מיך טרייסטן, אָדער, ווייל איר האָט שטארק ליב דאָס לעבן. איך האָב עס פיינט. איר הערט, דאָס לעבן איז שרעקלעך, און מיין לעבן איז גאָר קיין לעבן ניט. א וואָרעם האָט מער פאר־געניגן פון זיין לעבן, ווי איך. געבוירן א מענטש און... זעט... איך קאָן, אפילע, ניט ארויפקוקן צו דער זון, צו די שטערן. איך מוז אימער קוקן אף דער ערד און אף מיינע פיס.

—שוין לאנג, אז איר זיינט אזוי? — האָט מאשעט געפרעגט.

— שוין צוואנציק יאָר. צוואנציק יאָר גיי איך איינגעבויגן אינצווייען, ווי אָן איבערגעבראָכענער שטעקן.

— פון וואָס איז דאָס אייך געקומען?

— מ׳האָט מיך איבערגעפאָרן מיט א מאשין, צוועלף יאָר בין איך אלט געווען, ווען עס איז געשען. און פון דעמאָלט אָן מוטשע איך זיך.

—האָט איר עפּעס קרוווים, פריינט?

— כי... פריינט? איך בין אוועק פון די פריינט. ווייל אין יעדנס וואָרט, אין יעדנס בליק האָב איך געפילט זייער שטימע פראגע: וואָס לעבט ער אף דער וועלט. וואָס מוטשעט ער זיך און אונדז. איך בין אוועק פון מיינע פריינט.

— יע... איך פארשטיי...

— און זיי זיינען, עפשער, גערעכט די מענטשן. די וועלט דארף ניט האָבן אזעלכע באשעפענישן ווי איך. וואָס פאר א נוץ ברייננג איך מיט מיין לעבן? און וואָס פאר א פארגעניגן האָב איך פון מיין עקזיסטענץ? אז, אפילע אין די פּאָשעטסטע נאטירלעכסטע באדער־

פעניש׳ן אין וועלכע יעדעס קינד קען זיך העלפן — בין איך אומבא־האָלפן. די וועלט דאַרף האָבן אַזעלכע מענטשן, ווי איר. געזונטע און שטאַרקע.

— איין מאָמענט פון פאַרגעניגן, איין מאָמענט, ווען דער מענטש דערשפּירט די גרויסקייט פון דער וועלט — איין מאָמענט אַזעל־כער באַרעכטיקט שוין די עקזיסטענץ — האָט מאשעט געזאָגט — טרעפט זיך ניט אַמאָל, ווען איר האָט פּאָרט אַביסל פאַרגעניגן אין לעבן?

— יע... אַביסל. פון לייענען — האָט שאק געענטפערט. איך לייען אַסאַך, זייער אַסאַך, ווייל דאָס איז דאָס איינציקע וואָס איך קאָן אויספירן.

— איר זעט. דאָס איז שוין גענוג צו באַרעכטיקן אייער עק־זיסטענץ.

— גענוג? גענוג... איך בין מעקאַנע דעם הונט, וואָס לויפט נאָך דער צויג. איין טאָג, איין טאָג אַזעלכער, ווי דער הונט האָט... מער וואָלט איך ניט געוואָלט.

— דאָס גרעסטע פאַרגעניגן איז אימער דאָס, וואָס מיר האָבן ניט. אז מיר האָבן עס, ווערט עס אויס פאַרגעניגן.

— יע... דאָס איז אַן אַלטער עמעס פאַר די, וועלכע האָבן גע־האַט די מעגלעכקייט דאָס אויסצועפּינען און איבערצייגן זיך אין דעם. ווען איך בין געווען אַ קינד, בין איך געלאָפן, געשוואומען אין טייך, געפילט דעם פאַרגעניגן פון באַוועגונג, פון זינגען און שפּילן זיך. היינט... וואָס טויג מיר דער קאָפּ, ווען מיין קערפּער איז פאַרקריפּלט? איז דען ניט מער זין אין אַ געזונטן, שטאַרקן קערפּער, ווי אין אַ קלוגן, אַפילו געניאַלן קאָפּ? איך וואָלט בעסער געוואָלט זיין אַגע־זונטער נאַר איידער אַ געניאַלער קריפּל.

מאשעט האָט געקוקט אויף שאקן, ווי ער זיצט אַן אויסגעבויגענער, מיטן קאָפּ צו דער ערד, אַ קוק געטאָן אויף זיין אייגענער הויך און ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער איז נאָך העכער געוואָרן. אַ טראַכט געטאָן, אַז ס׳וואָלט גוט געווען צו באַזיצן אַזאַ מאַגישע קראַפט צו פאַרוואַנדלען קריפּלס אין געזונטע מענטשן. אָט פילט ער איצט, ווי עס גלוסט זיך אים אויפצוהויבן דעם צונויפגעקאָרטשעטן דאַרן קערפּער און אויסגלייכן אים מיט די הענט... אַזוי לאַנגזאַם, לאַנג־

זאַם, ווי מ׳גלייכט אוים אַן אויסגעבויגענעם שטיק אייזן. אויסגלייכן, אַנידערשטעלן אַף דער ערד און אַ זאָג טאָן: גיי מענטש! גיי!

— מיסטער — האָט שאַק פּלוצים איבערגעשלאָגן מאַשעטס געדאַנקען — איר האָט מיסטאַמע, געהערט, אַז איך האָב געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד, האַ?

— יע. איך האָב געהערט.

— דיינקט איר ניט, אַז זיי זיינען אידיאָטן, וואָס זיי האָבן מיך אָפּגעראַטעוועט? וואָס איז זיי געגאַנגען אַזוי אין לעבן, אַז איך זאָל ניט שטאַרבן, אַז איך זאָל זיך מוטשען און אַרומקריכן אַף דער ערד אַ צענויפגעקאָרטשעטער?

— איר ווייסט דאָך... די מענטשלעכע מאָראַל...

— אָ, מאָראַל, מאָראַל... — האָט אים שאַק איבערגעשלאָגן — מאָראַל! מיליאָנען מענטשן ווערן אויסגעהאַרגעט און מ׳רעכנט זיך ניט מיט קיין מאָראַל, און דאָ, אַז אַ מענטש וויל זיך אַרויסרייסן פון דעם אומדערטרעגלעכן לעבן — זיינען זיי דאָ, לייגן זיי אַוועק די גאַנצע וויסנשאַפט, דעם גאַנצן סייכל און צווינגען אים צו לעבן.

— וואָס זשע האָט איר געוואָלט, זיי זאָלן טאָן? זיי זאָלן אייך לאָזן שטאַרבן? — האָט מאַשעט געפרעגט.

— יע... יע... זיי האָבן מיר באַדאַרפט לאָזן שטאַרבן, ווייל נאָר דער טויט וועט זיין מיין אויסלייזער... און דיינקט ניט, אַז אויב ס׳איז מיר ניט געלונגען דעמאָלט, האָב איך שוין געמאַכט שאָלעם מיט מיין לעבן. איך וועל זיך ניט מוטשען. איר וועט זען. ווען איר קומט ניט אָן, וואָלט איך איצט געווען שוין, עפּשער, טיף אַף דעם אָפּגרונט פון טייך. דער טייוול האָט אייך אָנגעטראָגן.

—דער טייוול? עפּשער דער טייוול...

—יע, יע דער טייוול. וואָס זיינט איר מיר נאָכגעגאַנגען? איך בין אייך עפּעס שולדיק, צו איר זיינט אויך פון די דאָזיקע, וואָס זוכן מאָראַלישע טאַטן?

מאַשעט האָט געקוקט אַף שאַקן, ווי ער ציטערט נערוועז אין זיין אויפרעגונג, און ס׳האָט אים געצויגן אַ שפּיל צו טאָן מיט דעם קריפּלס נעשאָמע, אויפדעקן דאָס פאַרבאַהאַלטענע, דאָס עמעסדיקע; אַנידערשטעלן אים אַף דער גרעניץ פון טויט און לעבן און זען ווי

עס וועט זיך אַרויסווייזן די עמעסדיקייט פון זיין ווילן.

— איך בין ניט פון יענע — האָט מאַשעט געזאָגט — אויב איר ווילט קאָן איך אייך, אַפילע העלפן.

— וואָס קאָנט איר מיר העלפן? וואָס מיינט איר?

— איך מיין איך קאָן אייך העלפן שטאַרבן.

פון אונטער דעם קריפּלס אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ האָבן אויף מאַשעטן אַ קוק געטאָן פאַרוואונדערטע און דערשראָקענע אויגן.

— וואָס מיינט איר? — האָט ער איבערגעפרעגט.

— איך מיין העלפן אייך מאַכן אַ סאָף צום לעבן. קיינער וועט אונדז ניט. קיינער וועט קיינמאָל ניט וויסן, וואָס ס'איז געשען... איין גוטער שטופּ און איר וועט אַריבערפליען גלייך אין וואַסער אַריין אָ? וואָס זאָגט איר?

— אָ? — האָט שאַק אַ פאַרלאָרענער געקוקט אויף מאַשעטן — אָ?

— איך מיין מאַכן אַן ענדע. וואָרים אין עמעסן זיינט איר דאָך גערעכט. צו וואָס טראָגן אין זיך דאָס פּאַלשע, דאָס באַרמהערציקע, ווען יעדער, וואָס באַגעגנט אייך ווייסט, אַז דאָס בעסטע פאַר אייך וואָלט געווען ווען איר שטאַרבט. יעדער ווייסט עס, אָבער קיינער וואָלט ניט געהאַט די מוט צו באַפרייען אייך. איז דאָס דען ניט אַ טאַט פון באַפרייאונג? וואָלט מען דען געלאָזט אַ הונט אָדער אַ פערד אַרומשלעפּן זיך אַזוי, ווי איר שלעפּט זיך? מ'וואָלט זיי דערשאָסן אין ס'וואָלט געהייסן, אַז זיי טוען אַ נאָבעלן טאַט. ניט אַזוי? יע... איך האָב גענוג מוט צו טאָן דאָס פאַר אייך. אין פינף מינוטן אַרום וועט אַלעס זיין געענדיקט. פריער אָדער שפּעטער מוז מען דאָך גיין. טאָ וואָס איז פינף פיינלעכע מינוטן ווען מ'גייט אין אייביקייט?

שאַקס קערפּער האָט קאָנוואולסיוו אַ ציטער געטאָן. מאַשעט האָט באַמערקט, ווי ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר אַ שטאַנג און געהאַלטן אים פעסט, ציטערדיק.

— איך קאָן אַליין באַפרייען זיך, אַז איך וועל וועלן — האָט ער שטאַמעלדיק אַרויסגערעדט — קיינער בעט אייך ניט.

— איר האָט מוירע?

— ניין. איך האָב ניט מוירע. ס'אַליגן...

— איר האָט יאָ מוירע — האָט זיך מאשעט צוגערוקט נאָנטער צו אים.

— איר האָט קיין רעכט... איר האָט קיין רעכט — האָט שאָס א דערשראָקענער אויפגעהויבן זיך פון דעם שטיין.

מאשעט האָט פּלוצים דערפילט אין זיך א בייזקייט: א באַנער אָנצוכאַפּן דעם מענטשלעכן קנויל און א שליידער טאָן פון בריק אין וואסער אריין. און פארוואָס ניט? מיליאַרדן געזונטע מענטשן שטאַרבן דאָך און די וועלט איז אַלץ א וועלט, טאָ צו וואָס דאַרף אַזאַ מענטש לעבן אף דער וועלט. סאיז פינצטער ארום. קיינער זעט ניט. קיינער וועט ניט וויסן.

מאשעט האָט אכאַפּ געטאָן שאָקן בא דער פּלייצע און בא די פּיס און א הויב געטאָן.

— פּליז... פּליז... הארגעט מיך ניט... — האָט שאָק געדראַפּעט מאשעטן מיט די נעגל און געוויינט און געשלוכצעט אַזוי מאָדנע, אַז מאשעט איז געבליבן שטיין א ווײַלע, ווי א צעמישטער — פּליז... פּליז...

דער אומבאַוואוסטזיניקער אימפּולס האָט אָבער געצווינגען מאַ־שעטן צו פארענדיקן דאָס אָנגעהויבענע.

— אי־י־י־י־י! — שאָקס קוויטש האָט זיך, פּלוצים, ווי א שניידענדיקע שרייענדיקע זעג ארייַנגעריסן אין דער שטילקייט פון דער נאַכט.

דעם קריפּלס נעגל האָבן זיך טיפער און טיפער אייַנגעגראָבן אין מאשעטס אָרעמס. מיט א געפיל פון ראַכמאָנעס און עקל האָט מאשעט א וואָרף געטאָן שאָקן אף דעם בריק, געשטאַנען אַזוי א ווײַלע און געקוקט אף אים, א זעץ געטאָן מיטן פוס און איז אוועק מיט שנעלע טריט.

---

פאַרטאָג זיינען קופּקעלעך ארבעטער געשטאַנען אפּן בריק און געקוקט אראָפּ אפּן טייך.

צווישן די שפּיציקע שטיינער אין טייך האָט זיך אף די כוואַ־ליעס געהוידעט דער שוואַרצער קערפּער פון קריפּל שאָק.

# בעסי

זי איז געזעסן באַם פענצטער און געקוקט אַפן פאַלנדיקן שניי. געטראַכט פון אַ וואַרים, אינטים ווינקל. זיצן לעבן עמיצן צוגע־טוליעט, לייען צעזאַמען אַ בוך, איינגראָבן זיך, אין זיין אַקסל מיט אַ צעפלאַמט פּנים און פילן, ווי ער צעשויבערט אירע האָר, ווי ער גלעט און דריקט... אַך...

דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען. זי האָט זיך אויפגעהויבן. צוגעגאַנגען ענטפערן. עפּעס אַ באַקאַנטע שטימע. אַ, יע... ריימאָן.

זינאַ? זינאַ איז ניטאָ. אַוועקגעגאַנגען מיט דער מוטער. וואוהין ווייסט זי ניט... אַ, יע... זי איז אַליין... זי זיצט און טרוימט... פון וועמען? אָט אַזוי זיך... פון וואָס עס קומט אין קאָפּ אַריין. צו זי וואָלט געוואָלט ער זאָל קומען? פאַרוואָס דאַרף זי יאָ וועלן אָדער ניט וועלן? אויב ער וויל קאָן ער קומען... זינאַ וועט, מיסטאָמע, באַלד זיין אין דער היים...

זי האָט דערפילט, ווי די הענט און פיס ציטערן באַ איר. צו געלייגט די הענט צו די באַקן. אַזעלכע הייסע באַקן, פלוצים. אַנידער־געזעצט זיך און גלייך אויפגעהויבן זיך. אַרומגעגאַנגען איבערן איבערן צימער, ניט באַמערקנדיק אַליין, ווי זי גייט אַרום. געמאַכט די ליכט און אַקוק געטאָן אין שפּיגל. זי וועט זיך צופּוידערן אַביסל, און זי וועט אָנטאָן די רוסישע בלוזע, זי מאַכט זי אויסזען שענער, יונגער...

ווידער אַקוק געטאָן אין שפּיגל. און געבליבן צעפרידן מיט זיך. איר לייב איז, גראַדע, שיין. איר לייב איז ווייס. בריסטן שטאַלצע, ניט באַרירטע. נו, קאָן זי דען אַרויסגיין און אויסשרייען: פאַרוואָס ווילסטו מיך ניט. מיין לייב איז שיין און וואַרט אויף דיר?

באַלד וועט ער קומען. ניט אירער, אַ פרעמדער... זינאַס...

אַ מאָדנער באָכער איז ער. דוכט זיך אַ פאַרגעשריטענער, און דאָך... עפּעס אַזאַ עגאָאיסטישער, אָדער, ריכטיקער, אַ שרעקלע־

בער אינדיווידואַליסט. ער האָט, דוכט זיך, אַזוי ליב זינאַן און דאָך... עס דוכט זיך איר, אַז ער מיינט גאָרניט זינאַס נעשאָמע, זינאַס פרייד, זינאַס וועלט. ער מיינט פּאָשעט זינאַס שלאַנקן, וואַרעמען, באַוועגלעכן קערפּער. און ווען ער זעט אַנאַנדערן קערפּער, פּונקט אַזאַ שיינעם ווי זינאַס, וואָלט ער די צווייטע אויך ליב געהאַט מיט דעם זעלבן ברען, מיט די זעלבע ווערטער, מיט דעם זעלבן צוגאַנג און בליאַסק אין די אויגן.

דזין—ן—ן—ן—ן ! עס קלינגט. און בא איר אין האַרצן קלינגט אויך.

— זינאַ איז נאָך ניטאָ?

— ניין.

ער איז געשטאַנען און געטראַכט. געזאָגט, ער וועט זיצן אַ ווײַלע. סיווי האָט ער ניט וואוהין צו גיין.

— איר זיצט אַליין... און טראַכט? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ, אַליין. — האָט זי געענטפערט. זי האָט געוואָלט מאַכן מער ליכט.

— ניין, ניין... צו וואָס... — האָט ער זי אָפּגעשטעלט. אָט אַ דער לאָמפּ באַם שטול איז גאַנץ גענוג. איך האָב ליב ווען ס'איז טונקל אַרום.

— ווען איר זיינט מיט זינאַן — האָט זי אַ שמייכל געטאָן.

— מיט זינאַן... המ... פאַרוואָס דיינקט איר אַזוי?

— ווייל איר האָט זי ליב, און זי איז דאָך אַ פרוי. און איר מענער האָט ליב די טונקלקייט, ווען איר זיינט אַליין מיט אַ פרוי.

— זיינט איר דאָך אויך אַ פרוי. — האָט ער געענטפערט.

— איך בין דאָך אָבער ניט זינאַ.

ער האָט זיך אויפגעהויבן. צוגעגאַנגען צו דער ראַדיאָ. אַ מעלאָדיע האָט פון ערגעץ אַ קישעף געטאָן, און אָנגעפילט די רויט־לעכע טונקלקייט מיט שטימונג.

צוגעגאַנגען צו בעסין. אַ ריר געטאָן מיט אַ פינגער אירע האָר, אַזוי ווי צופעליק, ווי מ'רירט אַמאָל אָן, פאַרבייגייענדיק, אַ קינד אין גאַס.

— איר האָט שיינע האָר. — האָט ער אַזאָג געטאָן.

— יאָ? — האָט זי געפרעגט, און געפילט, אַז ער זאָגט

עס, ווייל ער וויל עפּעס זאָגן. זי איז אַ פרוי, זאָגט ער איר, אַז זי האָט שיינע האָר.

— וואָס האַלט איר זיך אימער פון ווייטנס. — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

— איך האַלט זיך ניט פון ווייטנס.

— אָ, איך ווייס, איך ווייס... איך האָב באַמערקט ווי איר זיצט אימער איינע אַליין בײַ זיך אין צימער. איר זיינט דאָך אַ פרוי, און אַ פרוי טאָר ניט זיין אַליין. אַ פרוי דאַרף... נו... זי דאַרף אימער טראָגן אין זיך אַ פייערל, וואָס וואַרעמט, וואָס ציט.

— עס זיינען פאַראַנען פאַרבאָרגענע פייערלעך. — האָט זי געענטפערט. — מ'דאַרף זיי קאָנען זען.

— אַ פייערל דאַרף מען פילן פון ווייטנס. אַ פייערל אונטער אַש ווערט אויסגעלאָשן.

— דיינקט איר אַז מיין פייערל איז אונטער אַש?

— יאָ, אונטער דעם אַש פון טאָג טעגלעכע זאָרגן. מ'דאַרף זיך אַמאָל אַ נעם טאָן צו אייך, פונאַנדערבלאָזן דעם זאָרג -אַש.

— פון לאַנגווייליקייט?

— אָ, ניין.

— פון מיטלייד?

— וואָס גאָר פון מיטלייד? — האָט ער געמאַכט אַ פאַר־וואונדערט פּאָנים.

—אָ, נאַרישע געדאַנקען קומען אין קאָפּ אריין. — האָט זי אַמאָך געטאָן מיט דער האַנט.

ריימאָן האָט ווידער אַ פיר געטאָן מיט זיינע פינגער איבער אירע האָר.

— איר טאַנצט?

— יאָ... אַ ביסל...

זי האָט דערפילט זיין שטאַרקע האַנט אַרום איר קערפּער. גע־פילט, ווי זי טאַנצט שלעכט און נערוועז. געבליבן שטיין. ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן זיין האַנט אַרום איר. געדריקט איר ברוסט צו זיך... וואַרעמער, שטאַרקער, זיסער...

דערהערט, פּלוצים, ווי עמיצער פּאָרעט זיך בײַ דער טיר, איז זי אָפּגעשפּרונגען פון אים. צוגעגאַנגען צום פענצטער.

זינא איז אריינגעקומען. געבליבן שטיין און עפּעס אזוי מאָדנע אקוק געטאָן אַף זיי.

אפן צווייטן טאָג פאַרנאַכט האָט מען זי געבעטן זוכן אנאנדער צימער.

*   *

*

א יאָר. עס קומט און פאַרגייט.

טוט א טאָג בליץ מיט א נייס, און מאָרגן איז עס שוין פאַרגעסן. א טאָג צו א טאָג — און ס׳ווערט א יאָר. און פונקט אזוי, ווי מ׳פילט אָן א שאַפע מיט אַלטע שמאַטעס, מיט אָפּגעטראָגענע קליידער, אזוי האָט זיך אויך אָנגעפילט בעסיס לעבן מיט יאָרן.

און פונקט ווי מ׳נעמט אמאָל ארויס אין א רעגנדיקן טאָג א אַלט מאַלבוש איבערצוטאָן זיך, א מאַלבוש אין וועלכן מ׳פילט זיך אזוי באַקוועם און גוט, אזוי פלעגט אויך בעסי זוכן אין איר זיקאָרן די אַלטע פאַרגעסענע טעג, אויסזוכן עפּעס א טאָג, וועלכער פלעג דער־מאָנען אָן א טרוים, און וואַרעמען זיך אין די דערינערונגען פון די פאַרגעסענע טעג און נעכט.

יענער אָוונט, ווען זי איז געווען אַליין מיט ריימאַנען, איז פאַרבליבן אין איר זיקאָרן. וואָס איז דען אזוינס געשען, פלעג זי אמאָל טראַכטן. ס׳איז דאָך געוועזן נאָר איין שטילע, וואַרעמע כוואַ־ליע... טאָ, פאַרוואָס געדיינקט זי עס אזוי גוט? האָט זי דען ניט געוואוסט, אז דאָס איז געווען א שפּיל אזא אין וועלכער ער האָט, מיסטאמע, פּינקטלעך אויסגעמאָסטן און אויסגערעכנט: פון דאַנען ביז דאַנען און ניט מער. און וואָס וואָלט געווען ווען זינא קומט ניט אָן? וואָס וואָלט געווען?

אָט איז אוועק נאָך א יאָר. און אויך דאָס יאָר וועט קיינמאָל, קיינמאָל ניט צוריק קומען. אָט פונקט אזוי, ווי עס קומען ניט צוריק די טויטע. אוועק א יאָר — געשטאָרבן א יאָר. און שטאַרבנדיק לאָזט עס א קנייטשל אַף איר פּאָנים און א וואונד אין איר האַרץ. אַלע זעען די קנייטשן, אָבער קיינער זעט ניט די וואונדן.

דאָרט אין שאָפּ, וואו זי אַרבעט זענען פאַראַן נאָך אזעלכע מיידלעך, ווי זי. לאַכט מען פון זיי אונטער די אויגן. ערשט נעכטן האָט איינער געמאַכט א כעשבן, אז אין אמעריקע זיינען פאַראַן

ארום דריי מיליאָן אַזעלכע מיידלעך. היינט וויפיל זיינען פאַראַן אַזעלכע אַף דער גאַנצער וועלט? ! געוואַלד, דאָס איז דאָך אַ קלאַס אַרויסגעשטויסענע, געקריוודעטע! אַ קלאַס פאַר וועלכן מע וואָלט באַדאַרפט קעמפן, אָט פונקט, ווי מ׳קעמפט פאַר דעם אַרבעטער קלאַס. אָט, ער איז זיכער, אַז אין סאָוועט רוסלאַנד וועט אין פופציק יאָר אַרום ניט זיין אַפילע איין אַלטע מויד אַף אַ רעפּוע. וואָס האָבן זיי דאָרט מוירע? אַז מ׳וועט ניט פאַרשקלאַפט אָט אַזוי, ווי דאָ באַ אונדז, האָט מען כאַסענע. ס׳געפעלט ניט, מע שטימט ניט — נעמט צוועלף שאָ און אויס! מ׳מוטשעט זיך ניט. זי מעג יאָ וועלן, זי מעג ניט וועלן, אַז אויס — איז אויס. פאַר יעדער מיידל וואָלט זיך געפונען אַ מאַן, ווען ער האָט ניט מוירע פאַר די קייטן, ווען מע לאָזט אים פריי, ווי אַ בין, וואָס זויגט אויס די זיסקייט פון דער רויז און היידאַ! עט, וואָס פאַרשטייען זיי דאָ.

אין רוסלאַנד פאַרשטייט מען אַן אייסיק! אַ לעבן אַף זיי, אַף די קאָמוניסטלעך!

בעסי האָט זיך צוגעהערט און געפילט, אַז ס׳איז פאַראַן עפּעס עמעס אין זיינע רייד. ערגעץ ליגט אַן אומנאַרמאַלקייט אין מענטשלעכע באַציאונגען, און פאַלשקייט אין מענטשלעכע געזעצן. און זי איז איינע פון די אַרויסגעשטויסענע, פון די געקריוודעטע...

---

פינף כאַדאָשים, אַז זי גייט אַרום אָן אַרבעט. אויפגעגעסן דאָס ביסל געלט. אַלע אַלטע מיידלעך האָבן געלט, זאָגן זיי. נעכטן האָט זי שוין באַדאַרפט באָרגן אַפאָר דאָלער באַ אַ באַקאַנטער מיידל. גייט איצט אַף אַ פּלאַץ, וואו, מ׳האָט איר געזאָגט, ס׳פאַראַן אַרבעט. גייט און טראַכט: אָט צוליב דעם איז זי געבוירן געוואָרן, אַז זי זאָל גיין יעדן טאָג טאָן די זעלבע אַרבעט? יעדן טאָג מוירע האָבן פאַר דעם מאָרגן... וואָס זאָל זי טאָן, איר לעבן זאָל אַ פלאַקער טאָן מיט פייערדיקע פאַרבן, איר האַרץ זאָל אַ ציטער טאָן מיט פרייד?... זי זאָל קאָנען אויסשרייען זינגענדיק און קלינגענדיק: איך לעבן! איך לעב! וואָס זאָל זי טאָן? נו, און אַז זי וועט שוין קריגן אַרבעט? וועט זי זיך באַרואיקן, וועלן זיך ווידער אָנהויבן דרייען אירע טעג, ווי עס דרייט זיך די קאַלטע לעוואָנע אַרום דער ערד.

זי גייט און טראַכט: אימער טראַכט זי. געוואָרן אַזוי נערוועז

די לעצטע צייט. לאכן? שמייכלען. זי קאָן ניט טראָגן אַ מאַסקע. געקאָנט אַמאָל. — איצט קאָן זי ניט. אָבער, אַט גייט זי דאָך אַף אַניי פּלאַץ. און אַז מ׳קומט אַריין אַ ברויגעזע, קוקט מען אַף דיר קרום. דאָ אין אַמעריקע קומט מען אַריין מיט אַ שמייכל און מ׳לויפט דיר אַקעגן מיט אַ שמייכל. אַ שמייכל פון אַ מענטשען... אַ מאַשינאַווע שמייכל. מ׳טאַנצט אַרום דיר ווי מאַריאָנעטן און דו טאַנצט אַרום זיי. נו, גוט. זי וועט שמייכלען.

בעסי איז געבליבן שטיין בײַ דער טיר פון שאַפּ. אַרויסגענומען אַ שפּיגעלע. אָנגעפּודערט זיך. אַ שמייכל געטאָן און געעפנט די טיר. זי איז געבליבן שטיין מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ. זי האָט דערזען ריימאַנען. אַ ביסל אַ פאַרעלטערטער. אַ ביסל פעטער.

ער האָט זי אויך דערקאָנט. אַקעגן געלאָפן.

— מיס... מיס בעסי... וואָס מאַכט איר?

— איך דאַנק אייך... וואָס מאַכט איר? איז דאָס אייער שאַפּ?

—אַ, יע... אַרויפגעאַרבעט זיך, ווי איר זעט.

—איך זוך אַרבעט. האָט איר עפּשער אַ פּלאַץ פאַר מיר? — האָט בעסי גלייך געפרעגט.

ריימאַן האָט געטראַכט אַ ווײַלע. אַ קוק געטאָן אַף איר מיט אַ גאַנייוווישן בליק. אָפּגעמאָסטן זי פון קאָפּ ביז די פיס.

— יע. איר קאָנט בלייבן.

בעסי איז געבליבן אַרבעטן.

---

בעסי פלעגט זען ריימאַנען יעדן טאָג. ער פלעגט אָפט צוגיין צו איר, שטיין אַ ווײַלע, פרעגן אַפּאַר פראַגן און אַוועקגיין. פון די מיידלעך, וואָס האָבן געאַרבעט לעבן איר, האָט זי זיך דערוואוסט, אַז דעם שאַפּ האָט ער ערשט ניט לאַנג געעפנט, אַז זײַן פרוי קאָנען זיי ניט. אין שאַפּ אַריין קומט זי ניט. זי האָט אים, גראַדע, געפרעגט אַפּאָר מאָל וועגן זיינאַן און געלאָזט איר גריסן, האָט ער געענטפערט ניט גערן און ס׳האָט זיך איר, אַפילע, אויסגעוויזן, אַז ער מיידט אויס צו ריידן פון דעם. עפּשער מיינט ער, אַז איך שלאָג זיך אָן ער זאָל מיך פאַרבעטן צו זיך, — האָט בעסי אַ טראַכט געטאָן. —

און דערפאַר ענטפערט ער אַזוי אָפּיציעל.

עס זיינען אַוועק אַ פּאָר כאַדאָשים. אין דער צייט איז בעסי געוואָרן אַן אייגענע אין שאַפּ. דאָך פלעג זיך איר, צייטנווייז, אויסווייזן, אַז די מיידלעך באַציען זיך צו איר קאַלט. עפּשער דערפאַר, האָט זי געטראַכט, ווייל ריימאַן גייט אַמאָל צו צו איר. עפּשער פאַררעכענען זיי זי פאַר איינער פון דעם טיפּ מיידלעך, וואָס כאַנפענען זיך צום באַלעבאָס. זי ווייסט די מיידלעך האָבן פיינט ריימאַנען. זיי האָבן אים פיינט, ווייל ער עקספּלואַטירט זיי און מאַסקירט זיך אין דער זעלבער צייט אַלס אַרבעטער פריינט. אָט האָט ער ערשט יענע וואָך געפּרואווט אָפּרייסן פון זייער געהאַלט, געגעבן זיי צו פאַרשטיין, אַז די שלעכטע צייטן האָבן זיך אָפּגערופן זייער שלעכט אַז זיינע געשעפטן. ער ווייסט, ער ווייסט... ס'איז שווער אויסצוקומען היינטיקע צייטן מיט דעם געהאַלט, וואָס זיי קריגן בא אים, אָבער... וואָס קאָן ער זיך העלפן. מ'מוז קאָאָפּערירן.

זי, בעסין, האָט ער אַריינגערופן צו זיך אין געזאָגט, אַז איר געהאַלט וועט פאַרבלייבן, ווי פריער. האָט זי זיך געפילט עפּעס אַזוי מאָדנע. ווי אַ שולדיקע איז זי אַריינגעגאַנגען צוריק אין שאַפּ. זי האָט געפילט, זי האָט אים באַדאַרפט עפּעס זאָגן. אָבער... זי האָט ניט געהאַט קיין מוט. ווען זי איז אַריינגעגאַנגען צו אים האָט זי געפילט אָט פונקט, ווי אין יענער נאַכט, ווען ער האָט גערעדט צו איר, האָט זי געוואַרט אַף עפּעס אַ זשעסט, וואָס זאָל ווערן דאָס קליינע שמאָלע בריקל, וואָס זאָל זיי פאַראייניקן איבער דעם אָפּגרונט פון עפּעס באַזונדערע נעבלדיקע באַציאונגען. ער האָט אָבער ניט געפּרואווט דאָס בריקל איבערצוואַרפן, איז זי אַרויסגעגאַנגען מיט אַ געפיל פון אַן אָפּגענאַרטער.

די מיידלעך האָבן געקוקט אַף איר פאַרדעכטיק. זי האָט, אַפילע, איבערגעכאַפּט אַפּאָר בליקן פון כויזעק און סינע. האָט זי געזאָגט אַפּאָר שלעכטע ווערטער וועגן ריימאַנען. זי האָט אָבער באַמערקט, אַז דאָס האָט נאָך מער פאַרשאַרפט דעם פאַרדאַכט.

דעם טאָג האָט זי געאַרבעט אַזוי נערוועז. אָפּגעשטעלט זיך אַלעמאָל און געטראַכט. געכאַפּט זיך, אַז זי זיצט און קוקט עפּעס אַזוי גלאַט אין דער וועלט אַריין און טראַכט פון גאָרניט.

* *
*

ס'איז געווען איינער פון די הערבסטיקע פארנאכטן, ווען דער פורפורנער הימל, די פאלנדע בלעטער אין פארק ווייען אן עפעס א באזונדערע שטימונג, וואס רעגט און רופט צו טרוימען.

בעסי איז געגאנגען פון דער ביבליאטעק. אריבערגייענדיק דעם וועג צום פארק, האט זי דערהערט, ווי עמעצער רופט זי. זי האט זיך אומגעקוקט און דערזען ריימאנען אין זיין אויטאמאביל. זי איז צוגעגאנגען.

— איר גייט אהיים? — האט ער זי געפרעגט.

— יא.

— קומט אריין. איך וועל אייך צופירן.

זי איז אריין אין אטאמאביל. אנידערגעזעצט זיך לעבן אים. ער האט פאררויכערט א סיגאר. ניט געקוקט אף איר. געפרעגט וואו זי וואוינט. זי האט געזאגט, האט ער זיך געלאזט פארן. דורכ־פארנדיק דעם פארק, האט ער זיך אפגעשטעלט אין א זייטיקער אלייע. בעסי האט אים ניט געפרעגט צו וואס ער איז געבליבן שטיין. זי פלעגט אימער זען גענוג אטאמאבילן אין די אלייען פון די פארקן און בא דעם ברעג פון ים. זי האט געוואוסט, אז דאס טיילן זיך אפ פון דער ארומיקער ראשיקער וועלט פארליבטע פארלעך. אבער וואס איז ריימאן געבליבן שטיין דא אין דער האלב פינצטערער אלייע? זאל ער עפעס מיינען דערמיט? בעסי האט געשוויגן. זי האט געווארט.

— אייך וואונדערט, מיסטאמע, וואס איך בין דא געבליבן שטיין, — האט ער געפרעגט.

— א, ניין. פארוואס...

— איך וועל אייך זאגן דעם עמעס. — האט ער אויסגעטאן זיין הוט. — איך האב קיינמאל ניט קיין געלעגנהייט צו ריידן מיט אייך. אין שאפ, ווייסט איר דאך, איז אוממעגלעך און ... איך וועל וועטן, אז איר האט געביטן אייער מיינונג וועגן מיר. — א קוק געטאן אין אירע אויגן און א שמייכל געטאן.

— א, ניין. פארוואס זאל איך בייטן מיין מיינונג וועגן אייך?

— איך ווייס ניט. אזוי איז שוין די וועלט. — האָט ער געזאָגט. — איך בין דאָך דער ארבעטגעבער און איר די ארבעטאָרין. פאַרבונדן אַ נאָענטע פריינטשאַפט האָבן מיר ניט געהאַט די געלעגנהייט, איז... בין איך דאָך פּאַרט אַ פרעמדער. און צו פאַרשטיין אַ פרעמדן איז דאָך שווערער, ווי צו פאַרשטיין אַן אייגענעם.

— איך פיל זיך ניט פרעמד צו אייך. — האָט בעסי געזאָגט.

— ניין? דאָס איז גוט. איך וואָלט געוואָלט נאָך איין זאַך פון אייך בעטן.

— וואָס? — האָט זיך בעסי פאַראינטערעסירט.

— איר זאָלט אויפהערן צו קוקן אויף מיר ווי אויף אַ באָס. איך רופ אַ פריינט, בעסי. איבערהויפּט דאָרט אין שאַפּ.

בעסי האָט געפילט ווי אַ קוק צו טאָן אויף אים און דורכנעמען אים מיט אַן איראָנישן בליק, מיט אַ בייזן בליק. און אויך זאָגן אים, אַז ער זאָל זיך ניט נאַרן, ניט פאַרלאָזן זיך צופיל אויף איר לאָיאַליטעט ווען עס האַנדלט זיך וועגן די ארבעטער אין שאַפּ. זי האָט אָבער גאָרניט געזאָגט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— איר זעט דאָך. איך בין געוואָרן רייך. — האָט ער ווייטער גערעדט. — דאָס רייכקייט אַליין איז אָבער ניט אַלץ.

— איר האָט דאָך זינאַן. — האָט בעסי אַ קוק געטאָן אויף אים.

— זיינט איר דען ניט גליקלעך?

— אַ, יע...

ער איז גליקלעך און ניט גליקלעך. אָט פּונקט ווי מ'קאָן ניט זיין פולקאָם גליקלעך פון רייכטום, פּונקט אַזוי קאָן מען ניט זיין פולקאָם גליקלעך אין הייראַט. וואָס איז, אייגנטלעך, הייראַט? צוויי מענטשן פאַרקישופטע פון עמאָציאָנעל־סעקסועלע כוואַליעס, וואָכן פלוצים אויף, צוזאַמענגעשמידטע מיט אומזעבאַרע קייטן. מוזן זיי — צוויי באַזונדערע וועלטן, אימער שפּאַנען צוזאַמען. אַמאָל אין זיין וועלט, אַמאָל אין איר וועלט. און ווען ער וויל גיין אַליין אָדער מיט עמיצן אין אַנאַנדער וועלט און זי לאָזט ניט, אָדער ווען זי וויל גיין און ער לאָזט ניט, — הערט מען דעמאָלט, ווי עס קלינגען די קייטן פון די פאַרשקלאַפטע... עך!

— איר, מענער, זיינט קיינמאָל ניט צופרידן. — האָט בעסי געזאָגט.

—דער מאַן איז פון דער נאַטור אַ... זוכער. אימער זוכט ער. אימער דאַרף ער עפּעס נייעס, וואָס זאָל אים ציען, רופן... — האָט ריימאַן געענטפערט.

— נו, דאָס ווילן אויך די פרויען, גלויב איך. זיי ווילן אויך אימער נייעס... עפּעס, וואָס ציט און רופט. איך מוז אָבער צוגעבן, אַז די מענער זיינען פון דער נאַטור פּאָליגאַמיסטן.

בעסי האָט דאָס געזאָגט מיט אַן אַבזיכט. זי האָט אינסטינקטיוו דערשפּירט, אַז דער מאַן איז דאַנקבאַר דער פרוי, וועלכע קומט אים אַקעגן און עפנט פאַר אים דיפּלאָמאַטיש אַ פאַרבאָרגן, געהיים טירל, דורך וועלכן ער זאָל קאָנען אַריינדרינגען אין איר האַרץ און אָנקניפּן דעם דעליקאַטן פאָדעם, וואָס קאָן אַמאָל אַזוי שטאַרק צובינדן און דאָך אַזוי לייכט אָפּרייסן זיך. זי האָט דערשפּירט, אַז וואָס מער זי וועט זיך פאַרפאַנצערן, אַלץ מער וועט ער זי עפּשער ווילן, אָבער... ניט אַלע מענער זענען קעמפער. ניט יעדער מאַן האָט ליב צו קריכן איבער שטעכיקע דראָטן און אַטאַקירן, ריזיקירנדיק צו פאַלן אונטער די אונזעבאַרע פיילן פון איראָנישן סאַרקאַזם אַף וועלכן פרויען זענען אַזוי פייאיק. איבערהויפּט, ווען זי איז ניט אַזוי רייצנד. ס׳איז נאַטירלעך... אַ מאַן איז דאָך אַ פּאָליגאַמיסט, זי אָנערקענט עס דאָך. מעג ער, קאָן ער זיך ניט העלפן... מוז ער... און זי וועט אים, נאַטירלעך, ניט באַשולדיקן...

אַנידערלייגנדיק זיין האַנט אַף איר קני, אַזוי נאַטירלעך, גלייך, ווי ער האָט עס אימער געטאָן... אַזוי פריינטלעך און דאָך מיט אַ קוים באַמערקטן וואַרעמען דרוק, האָט ער אַקוק געטאָן אין אירע אויגן און געזאָגט:

—איר ווייסט בעסי, עפּעס זענט איר געוואָרן אַנאַנדערע.

— וואָס מיינט איר?

— נו איך מיין... איר זענט געוואָרן אינטערעסאַנט.

— איר מיינט עס?

— אַ, זיכער. עפּעס... עפּעס איז פאַראַן אין אייך דאָס ספּעציפישע ווייבלעכע... עפּעס אַזעלכעס, וואָס ס׳איז שווער צו דעפינירן. עפּעס וואָס ציט. זיינט איר, עפּשער — פאַרליבט?

— פאַרליבט?

— יאָ. אַ פרוי, אַז זי ווערט פאַרליבט, קומט אין איר פאַר

עפּעס אַ באַזונדערער פּראָצעס. זי ווערט שענער.

— עפּשער בין איך פאַרליבט. — האָט בעסי אַ שמייכל געטאָן.

זי האָט אויפגעכאַפּט זיין באַמערקונג און, ווי מיט עפּעס אַ צערטלעכקייט ארומגענומען דאָס וואָרט. אַף אַ מינוט האָט זיך איר טאַקע אויסגעוויזן, אַז זי איז פאַרליבט. אין וועמען? אין וועמען... פאַרליבט און שוין. און זאָל ער׳ טאַקע, וויסן, אַז זי קאָן זיין פאַרליבט און אַז מ׳קאָן זיך אין איר פאַרליבן. זאָל ער מיינען.

זי האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ. פאַרמאַכט די אויגן. געזעסן אַזוי מיט אַ שמייכל אַף די ליפּן. אָט דוכט זיך איר, אַז ער האָט געמאַכט עפּעס אַ באַוועגונג. אָט האָט זי, דוכט זיך, דערפילט זיין פּאָנים אַזוי נאָענט לעבן איר פּאָנים.

נו, וואָס וואַרט ער?

זי האָט דערפילט זיינע וואַרעמע ליפּן אַף איר האַלדז און אַ ציטער געטאָן. דערפילט זיינע פינגער אַף איר ענטבלויזטן אַקסל. זיי גליטשן זיך אַראָפּ. אַראָפּ צו דער רונדקייט פון איר ברוסט... אָט, אָט פאַלט זי אין טהום. די געדאַנקען טומלען זיך, מישן זיך, מישן זיך... אַזוי מאַרנע...

פּלוצים האָט עפּעס עליקטיקער פאַס אשלאָג געטאָן אין אירע אויגן און ריימאָנדס הענט האָבן זיך אָפּגעצויגן פון איר.

פון קעגנאיבער האָט אַן אָטאָמאָביל געוואָרפן די ליכט פון דעם פּראָזשעקטאָר אַף זיי. אַ געלעכטער האָט זיך דערהערט פון דאָרט. דער פאַס ליכט איז ווי אַ לעבעדיקער געשפּרונגען איבער זיי, אַנטאַפּענדיק דעם אָטאָמאָביל פון אַלע זייטן.

כאַ, כאַ, כאַ! די אינגלעך אין מאַשין האָבן געלאַכט, געפּייפט, געוויצלט זיך.

ריימאָן האָט געלאָזט גיין דעם מאַשין לאַנגזאַם, דערנאָך שנעלער, שנעלער. ער האָט פון עפּעס גערעדט, געלאַכט, מאַסקירנדיק די פאַרלעגנהייט אין וועלכער ער האָט זיך געפונען. ווידער אַמאָל געפרעגט בא בעסין איר אַדרעס און צוגעפירט זי צום הויז.

* *
*

בעסי איז געוואָרן אַנאַנדער מענטש. זי האָט זיך געפילט, ווי איינע, וואָס איז יאָרנלאַנג געלעגן קראַנק און פּלוצים אויסגעפונען, אַז זי איז גאָר געזונט, אַז אין איר איז גאָר פאַראַן אַזויפיל ענערגיע, אַזויפיל קראַפט; אַז אירע פיס זענען קרעפטיק און ניט נאָר גייען, נאָר אַפילע לויפן קאָן זי. פאַרוואָס האָט זי זיך איינגערעדט, אַז זי איז מיאוס? אַ מענטש דאַרף האָבן כיין און זי האָט עס.

מיט אַפּאָר טעג צוריק האָט ריימאַן זי אַריינגערופן צו זיך.

— בעסי, זייט אַזוי גוט און טוט אַקוק אַף דעם קאָסטיום דאָרטן.

בעסי האָט זיך אויפגעהויבן. צוגעגאַנגען. גענומען אַרומקוקן דעם קאָסטיום. געוואונדערט זיך. וואָס דאַרף ער איר מיינונג.

— געפעלט אייך? — האָט ריימאַן געפרעגט.

— יאָ, דער פאַסאָן איז זייער אָריגינעל. האָט איר אַריינגעקראָגן אַ באַשטעלונג אַף אַזעלכע קאָסטיומען?

— המ... יאָ, און ניין. — האָט ער געענטפערט. ס'איז ניט וויכטיק. דער קאָסטיום געפעלט אייך, אַ?

— אַ, יע.

— וויל איך אייך בעטן איר זאָלט אים נעמען אַ פּרעזענט פון מיר.

— איך?... אַ, ניין... צו וואָס...

ריימאַן איז צוגעגאַנגען צו איר. אַרויפגעלייגט די האַנט אַף איר אַקסל.

— ס'איז אָל־רייט, בעסי... ס'איז אָל־רייט. איר מעגט נעמען אַ פּרעזענט פון מיר. איך בין דאָך ניט אַ פרעמדער. מיר זענען דאָך פריינט, ניט אַזוי?

— ס'איז אַזוי... אָבער...

— אָבער וואָס?

— איך ווייס ניט. איך שטעל זיך פאָר פריינטשאַפט גאָר אַנדערש. עס דאַרף זיך אָנהויבן ניט מיט פּרעזענטן. פּרעזענטן זיינען גאָר איבעריק.

— איר ווייסט פאַרוואָס איך גיב אייך דעם פּרעזענט? — האָט

ריימאַן אַ קוק געטאָן אױף איר מיט אַ באַזונדערן בליק.

— איך װײס ניט פאַר װאָס?

—אַז מ'האָט אימיצן ליב, גיט מען אים אַ פּרעזענט.

— אַ־אַ, מיסטער ריימאַן. ליב... שוין ליב.

— אַ, איר פאַרשטײט מיך. איר זענט דאָך אַ קלוגע, בעסי. איר זײנט ניט פון דעם סאָרט מײדלעך, װאָס זוכן עפּעס אַ מין הימלישע ליבע. איך בין אַ מאַן און איר זײנט אַ פרוי. מיך ציט צו אײך, און איך װײס, אַז אײך ציט צו מיר. איך בין שוין פאַר־היראַט, אָבער איך קאָן ניט אױסלעשן די פײערן און װערן טױט.

בעסי האָט געמאַכט פאַרװאונדערטע אױגן. דאָס פּרױעניש, דאָס קאַצישע האָט פּלוצים דערװאַכט אין איר, װען זי האָט דערזען, אַז ער הױבט אָן איבערצװאָװאַרפן אַ בריק צו איר. אַז ער װיל זי שױן יאָ, זאָל זי ניט פאַלן גלײך אַ באַזיגטע. שפּילן אָבער פאַרזיכטיק.

ריימאַן פון זײן זײט האָט פאַרשטאַנען איר שפּיל. ער האָט געזען איר ציטער פון אומדערװאַרטעטער פרײד. האָט ער אױך באַשלאָסן צו שפּילן. זאָל זי זײן די זיגערן און ער דער קאָרבן, כאַ, כאַ!

—איך האָב ליב צו זײן אָפנהערציק — האָט ער אַ קוק געטאָן אױף איר — איר זענט אַ קלוגע און איר װײסט, אַז ליבע באַשטײט ניט דעם װאָס מ'האָט כאַסענע, װאָס מ'װאױנט אין אײן הױז, װאָס מ'װערט נימעס אײנער דעם צװײטן און מ'האַלט זיך אױס ראַכמאָנעס. איר זײנט ניט פון דעם טיפּ, װאָס װילן טראָגן די קײטן און אײנרעדן יענעם, אַז סאיז צירונג. אַז איך זאָג אײך, אַז איר געפעלט מיר און איך פיל צו אײך אַ מין... ליבע, הײסט עס נאָך ניט, אַז איר דאַרפט מיט מיר מאַכן עפּעס אַ קאָנטראַקט אױף אײביקע ליבע. מיר זײנען צװײ מענטשן, — צװײ װעלטן. מיר האָבן זיך געטראָפן אין שטראָם פון לעבן. עפּעס מאַגנעטישעס ציט אונדז — װערן מיר צוגעצױגן. אױף װי לאַנג? צו װאָס פרעגן אַזעלכע פראַגן און צו װאָס דאַרף מען גאָר אַזעלכע פראַגן.

בעסי האָט פאַרשטאַנען װאָס ער מײנט, און װי אַזױ ער שטעלט זיך פאָר דאָס מאַגנעטישע. האָט זי גאָרניט געענטפערט. צו װאָס? זי מײנט אױך דאָס זעלבע. ער האָט דאָך נאָר אױסגעדריקט דאָס, װאָס איז פאַר איר שױן לאַנג געװאָרן דער קאָמפּראָמיס מיט לעבן

און ליבע.

זי האָט נאָר אַ קוק געטאָן אַף אים אַזוי שעלמיש. דער קוק האָט באַדאַרפט באַדייטן: אַז זי פאַרשטייט אים און פאַרשטייט אים ניט; אַז זי איז מיט אים איינשטימיק, אָבער נאָך ניט באַשלאָסן; אַז ער געפעלט איר און זי וויל אים, אָבער זאָל ער נאָך ניט מיינען, אַז ער האָט זי שוין באַזיגט.

---

דעם זעלבן פאַרנאַכט איז בעסי געשטאַנען קעגן שפּיגל און געטראַכט, אַז ריימאַן וועט מיט איר קיין בישעם ניט איינעמען.

אַ מענטש ווערט, דוכט זיך, קיינמאָל ניט אַלט. אַביסל פּוידער, אַ ביסל פאַרב, אַ שיינער אַנצוג און שיין פאַרקעמט און קוק! זי איז יונג. זי איז אַנציענד. זי קאָן געפעלן און זי איז געפעלן.
Happy Days, Oh, Happy Days...

זי האָט זיך צעזונגען. זי האָט קיינמאָל ניט געזונגען קיין אַמע־ריקאַנער לידער. און ווען זי פלעג הערן אין שאַפּ, ווי די מיידלעך זינגען די דזשעז לידלעך, פלעגט זי ווערן נערוועז. ס'פלעגט זיך איר אויסדוכטן, אַז מע פאַרשוועכט די הייליקייט פון דער מעלאָדיע. און פלוצים... זי אַליין...

זי האָט זיך געהיילט צו ווערן פאַרטיק. באַלד דאַרף קומען ריימאַן. היינט גייט זי מיט אים אין טעאַטער, זי ווייסט ניט וואַיהין. ער האָט איר נאָר געזאָגט, אַז זיי וועלן אַרויספאָרן אין אַפּלאַץ ווייט פון דער שטאָט, וואו זיי וועלן זיין זיכער, אַז זיי וועלן קיין באַקאַנטע ניט באַגעגענען.

ריימאַן איז געקומען אַן אויסגעפּוצטער.

און ווען זי האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט אים אין מאַשין, האָט זי אַ טראַכט געטאָן: דאָס איז נאָך אַ טרעפ... אַרויף...

אין טעאַטער איז ער געווען זייער אויפמערקזאַם צו איר. אַרויס־געוויזן אַ סאַך געשמאַק און קענטניש, ריידנדיק וועגן דער פּיעסע. בעסי האָט געקוקט אין זיינע אויגן. געהערט אויפמערקזאַם, און אום צו ווייזן, אַז זי ווייסט און פאַרשטייט אויך עפּעס, האָט זי קונציק אָנגעוויזן אים אַף אַ פּאָר סאָציאַלע שטריכן, וואָס האָבן זיך דורכ־געוואָרפן אין דער פּיעסע. האָט ער אויך געהערט אויפמערקזאַם און געשמייכלט.

ווען זיי זיינען געפֿאָרן פֿון דעם טעאַטער, האָבן זיי זיך אָפּ־געשטעלט בײַ אַ כינעזישן רעסטאָראַן. זי האָט דאָך אַזוי פֿיל געהערט וועגן די כינעזישע „טשאַפּסואַי רעסטאָראַנען”. פֿאַרגעשטעלט זיך עקזאָטישע בילדער און שטימונגען. אָבער קיינמאָל זיך ניט פֿאָר־געשטעלט אַז איר וועט אויסקומען צו זיין דאָרט.

זי איז געזעסן לעבן אַ קליין טישל אין אַ האַלב־טונקל ווינקל. געקוקט אויף די קאָלירפֿולע לאָמפּן, אויסגעמאָלטע מיט כינעזישע פֿאַנטאַסטישע פֿיגורן. עס האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָר פּלעשלעך און פֿאַרשידענע מייכאָלים וועלכע זי האָט אין איר לעבן ניט געזען.

אונטער טענער פֿון דזשעז האָבן זיך געשאַרט הונדערטע פֿיס. געשאַרט, גלייך, ווי אַ ריזיקער גוילאָם מיט אַ שמייכל פֿון אַ מענטשן וואָלט אין ווילדן ריטם געקערט מיט אַ ריזיקן בעזים.

זי האָט געקוקט אויף די טאַנצנדיקע פּאָרלעך. דערפֿילט, ווי איר בלוט דערוואַרימט זיך, ווי אירע גלידער באַפֿרייען זיך... רייסן זיך אַריין אין סינקאָפּאַטישן כאַאָס... שלעפּן מיט איר גאַנצן וועזן. בוייגיקע, עלאַסטישע, מעטאַלענע סטרונעס האָבן פּלוצים אַ קלונג געטאָן אין איר. עפּעס האָט אַ געשריי געטאָן און אויגן שוואַרצע און ליפּן רויטע האָבן געבריט... און ניט ווויסנדיק, ווי אַזוי, האָט זי דערפֿילט זיינע הענט אַרום איר קערפּער. ניט ווייסנדיק, ווי אַזוי האָט זי זיך געשאַרט אין ווילדן ריטם... געפֿילט, ווי גלידער נעמען זי אַרום אינגאַנצן, פֿאַנגען זי... ציען זי... ווילדע טענער גיסן הייסע בלוט אין איר. שמייכלען עפּעס צורעס אַרום, שטשירן מיט די ציין... בום! זדינג־זאַנג! אַ־כאַ־כאַ־כאַ־כאַ!...

---

דער בלויער פֿאַרטאָג האָט זיך געריסן דורכן פֿענצטער אין צימערל אַריין. בעסי איז געלעגן אויף איר געלעגער מיט אָפֿענע אויגן און געטראַכט. ס'איז איר געווען גוט.

* * *

בעסי האָט זיך ניט געקאָנט פֿונאַנדערקלייבן אין אירע געפֿילן. וואָס איז געשען, און וואָס איז מיט איר? ליב האָט זי אים ניט. זי פֿילט ניט די דערהויבנקייט, די טיפֿעניש פֿון געפֿיל, ווען עס ווילט זיך וויינען אַ קאָרבן און וויינען פֿון פֿרייד. און דאָך איז איר גוט. די טעג און נעכט זיינען פֿול מיט פֿרייד און מיט פֿאַרב. אַ, זי ווייסט:

ס'איז איר גוט דערפֿאַר, ווייל דורך אים האָט זי אַנטדעקט אין זיך די פֿרוי צו וועלכער אַ מאַן קאָן גלוסטן. דאָס איז מעגלעך, הייסט עס! מעגלעך, מעגלעך... טאָ פֿאַרוואָס קאָן זי ניט געפֿינען אַן אַנדערן, אַ פֿרייען, מיט וועלכן זי זאָל זיך פֿאַרבינדן און וועלכן זי זאָל ליב האָבן! זי וועט ווידער פּרואוון. זי מוז פּרואוון, זי מוז...

האָט זי אָנגעהויבן דערמאָנען זיך. זוכן אַלטע באַקאַנטע, ערטער, וואו זי האָט געוואוסט, אַז ס'קומען מענער.

איינמאָל אין אַ פֿאַרנאַכט, ווען זי איז אַהיים געקומען פֿון דער אַרבעט, האָט איר די מיסעס געזאָגט, אַז עפּעס אַ פֿרוי האָט זי אָפּגערופֿן און געלאָזט איר טעלעפֿאָן נומער.

בעסי האָט גלייך אָפּגערופֿן. דאָס איז געווען די פֿרוי באַראַש, אירע אַן אַלטע באַקאַנטע, אַ מיטליאָריקע פֿרוי, וואָס איר איינציקער פֿאַרגעניגן אין לעבן איז געווען אויספֿירן שידוכים.

זי האָט שוין אַפּאָר מאָל געפּרוּווט צונויפֿפֿירן בעסין מיט יונגע לייט, ס'איז אָבער ניט געגאַנגען. בעסי איז ניט געפֿעלן געוואָרן די יונגע לייט. אַמאָל פֿלעגט זי דערציילן בעסין, אַז זי גייט זי צונויפֿפֿירן מיט אַ יונגן מאַן, און אַמאָל פֿלעגט זי ניט זאָגן. זי פֿלעגט אַפֿילו, דעם יונגענמאַן אויך ניט זאָגן. זי האָט שוין אָבער אַזוי געלאַוורירט, אַז בעסי און דער יונגערמאַן זאָלן, ווילנדיק ניט ווילנדיק, פֿאַרפֿירן אַ געשפּרעך און אַזוי אַרום נאָענטער באַקאָנען זיך. בעסי האָט אָבער פֿאַרשטאַנען די מאַנעוורען פֿון דער פֿרוי באַראַש, פֿלעגט זי אין אַזעלכע אָוונטן ווערן עפּעס אַזוי שפּילעוודיק סאַרקאַסטיש, פֿאַרכאַפּעריש בייז, וואָס האָט געדייצט און אין דער זעלבער צייט אָפּגעשטויסן.

די פֿרוי באַראַש פֿלעגט זיך ווען בייזערן אַף בעסין פֿאַר איר טאַקטיק. האָט אָבער אָפּט געמוזט צוגעבן, אַז בעסי מוז, עפּשער, זיין אַזוי. זי טאָר ניט זיין אַזוי, ווי דער באַראַש וואָלט זיך געוואָלט: אַ שטילע באַלעבאַטישע מיידל. דאָס וואָלט בעסין געמאַכט נאָך גרויער, ווי זי איז, עלטער און ניט אָנציענד. פֿלעגט זי זיך בייזערן און אין דער זעלבער צייט שטאָלצירן מיט איר. זי איז נאָך אָלל־רייט — בעסי — פֿלעגט זי טראַכטן, — זי וועט נאָך אָפּשיסן דעם פֿויגל.

די יונגעלייט איז עפּעס יאָ געפֿעלן אין בעסין און ניט געפֿעלן.

און ווען בעסי פֿלעגט אָנהויבן שיסן מיט סאַרקאַסטישע פֿיילן, פֿלעגט זיך אין זיי אויפֿוועקן דער מענערשער שטאָלץ און ס׳פֿלעגט זיך אָנהויבן אַ באַטאַליע פֿון אַרגומענטן, וואָס האָבן זיך אַלעמאָל געענדיקט מיט גאָרניט.

— איך שיס מיט פּוסטע פּאַטראָנען — פֿלעגט בעסי אָפּטראַכטן. זי האָט אָבער ניט געקאָנט זיין אַנדערש. אַזוי איז זי — און שוין. עפּעס זיצט אין איר אַן אַנדערע, וואָס רעדט און טוט, וואָס זי, בעסי וויל גאָר ניט ריידן און טאָן.

און אויך דאָס מאָל איז בעסי געגאַנגען צום אָוונט, וואָס די באַראַש האָט געגעבן. אָפֿיציעל האָט עס געהייסן, אַז איר יונגע טאָכטער מילדרעד גיט דעם אָוונט. בעסי האָט אָבער געוואוסט, אַז די מוטער האָט אויך אַ האַנט אין דעם, ווייל מילדרעד וואָלט זי קיינמאָל ניט פֿאַרבעטן.

בעסי איז געגאַנגען אַהינצו מיט זיכערקייט אין זיך. זי האָט געפֿילט, אַז עפּעס שטייט אונטער איר, אַף וואָס זי קאָן זיך אָנשפּאַרן. דער עפּעס איז ריימאָן. יאָ, ריימאָן. וועט זי פֿאַרלירן אויך דאָס מאָל — אַרט איר ניט. זי וועט אָבער, עפּשער, געווינען, ווייל זי איז דאָך איצטער גאָר אַן אַנדערע. ריימאָן האָט עס דאָך איר געזאָגט און זי אַליין פֿילט עס אויך.

אַריינגעקומען איז זי צו די באַראַשעס מיט אַ מין זיגרייכן שמייכל. עפּעס אַ באַזונדערע פֿריילעכקייט און ענערגיע האָט געשפּריצט פֿון איר. צו אירע באַקאַנטע אָבער, וועלכע זיינען אָנוועזנד געווען אַף דעם אָוונט, האָט בעסיס ענערגיע אויסגעוויזן אַ ביסל אַ איבערגעהיצטע.

די ראַדיאָ האָט פֿאַרהילכט מיט דזשעז און פּאָרלעך האָבן געטאַנצט, אָדער ריכטיקער געזאָגט, געטאָפּטשעט זיך אַף איין אָרט.

די באַראַש האָט פֿאָרגעשטעלט בעסין צו אַ פּאָר יונגע לייט. איינער אַ יונגער, מיסטער באָום און דער צווייטער אַן עלטערער — מיסטער קאָהן. בעסי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ס׳דאַרף, מיסטאָמע, זיין איינער פֿון די צוויי — איז עס, מיסטאָמע, דער עלטערער. און גלייך האָט זיך בא איר אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן: זי וועט שפּילן מיטן אינגערן און זען וואו ס׳האַלט מיט אים, און אין דער זעלבער צייט זאָל דער עלטערער זען, אַז זי איז נאָך פֿול מיט לעבן.

— איר טאַנצט? — האָט זי געפרעגט דעם יונגן מיסטער באָום. און איידער ער האָט צייט געהאַט צו ענטפערן, האָט זי אים שוין אַרומגענומען, אַרויפגעלייגט די האַנט אַף זיין אַקסל און גע־שלעפּט אים טאַנצן. און טאַנצנדיק האָט זי געקוקט אין זיינע אויגן אַזוי שעלמיש... צוגעלייגט איר באַק צו זיינער, נאָכגעזונגען די מע־לאָדיע און איינגאַנצן פאַרגעסן אָן איר געפלאַנטן מאַנעוור. ס'איז איר געווען גוט. די מעלאָדיע, האָט זיך איר אויסגעוויזן, גיסט זיך פון איר האַרצן צו די פיס און פון די פיס צוריק אין האַרץ אַריין...

טאַנצנדיק האָבן זיי זיך פאַרטשעפּעט אָן עפּעס און קימאַט ווי אַנידערגעפאַלן אַף אַ ביינקל. בעסי איז געבליבן זיצן אַף זיין שויס.

באָום האָט זיך געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט. עס האָט זיך אים ניט געוואָלט שפּילן די ראָלע פון אַ געפאַנגענעם. וואָס האָט זי זיך אַנידערגעזעצט אַף זיינע קני, ווען ער וויל זיך באַוועגן, ווען ער וויל גאָר אַרומנעמען און ריידן צו דער מיידל, וואָס זיצט דאָרט אַקעגן אים.

איז ער געזעסן און ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. געזעסן, גלייך, ווי ער איז ניט אַלעבעדיקער מענטש, נאָר אַ טייל פון ביינקל.

בעסי האָט גלייך דערפילט זיין קאַלטקייט און פּאַסיוויטעט און האָט זיך אויפגעהויבן.

— סאיז אייך שווער צו האַלטן מיך, איאָ? — האָט זי געפרעגט.

— אָ, ניין... — האָט ער אַ שמייכל געטאָן. דער שמייכל פון אַ מענטש, אָז ער ניט אַרויסגערעדט... 

בעסי איז געבליבן שטיין אינמיטן צימער. נו, וואָס זאָל זי איצט טאָן?

מיסטער קאָהן האָט זיך אויפגעהויבן. געבעטן זי זיצן. האָט זי זיך אַנידערגעזעצט. איר שטימונג האָט זיך פּלוצים געביטן. זי האָט געפילט, ווי אָן אָנגעצויגענער בויגן פון וועלכן די שאַרפע פיילן זיינען יעדער רעגע גרייט אַ פלי צו טאָן.

מיסטער קאָהן האָט עפּעס געפרעגט. האָט זי געענטפערט. אַפּאָר באַנאַלע פראַגן און אַפּאָר באַנאַלע ענטפערס. עפּעס אומבאַמערק־טערהייט האָט ער זיך אויסגעדרייט און אוועקגעגאַנגען פון איר.

זי איז געבליבן זיצן אַליין. געקוקט אַף די פּאָרלעך, ווי זיי טאַנצן. דערזען, ווי באָום רעדט מיט דער יונגער מילדרעד און קוקט

אַף איר מיט אַ קלוג שמייכעלע. — רעדט, מיסטאַמע, פֿון מיר, — האָט בעסי אַ טראַכט געטאָן. און גלייך געוואָרן בייז אַף זיך, וואָס זי האָט זיך איינגערעדט עפּעס אַ קאָמפּלעקס. אויפגעהויבן זיך און צוגעגאַנגען צו זיי. טאַקע דערפֿאַר, וואָס זיי ריידן פֿון איר, ווייל זי ווייזן, אַז ס׳אַרט איר ניט, אַז ס׳איז גאָר ניט פֿאַראַן וואָס עס זאָל איר אַרן. נאָך אַ באַקאַנטער איז צוגעקומען. אַרומגענומען זי און געוויצלט זיך. מיינען מיינט ער גאָרניט, נאָר זאָל ער פֿאַרשאַפֿן אַ ביסל פֿאַרגעניגן אַן עלטערער מיידל.

— ווען איך האָלט באַ כאַסענע האָבן, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, — האָב איך כאַסענע מיט בעסין.

— אַ דאַנק אייך דזשעק. — האָט בעסי זיך פֿאַרנויגט. — איך בין גערירט.

— איך בין קימאַט, ווי פֿאַרליבט אין אייך. — האָט דזשעק ווידער געזאָגט, און בעסי האָט איבערגעכאַפּט זיינעם אַ קוים באַמערקטן וואונק.

— אייער ליבע... — האָט בעסי אויך אַ וואונק געטאָן.

— מיין ליבע איז טיף... ווי דער יאַם.

— אין אייער ליבע קאָנען זיך, עפּשער, די פֿאַדעשוועס פֿאַרנעצן.

— מ׳קאָן קיינמאָל ניט וויסן, בעסי. דאָס לעבן איז פֿול מיט צופֿאַלן און אַזוי לייכטזיניק.

— דאָס לעבן איז לייכטזיניק, צו איר זיינט לייכטזיניק?

אַלע האָבן זיך פֿונאַנדער געלאַכט און דזשעק האָט אַ כאַפּ געטאָן מילדרעדן און געלאָזט זיך טאַנצן.

— קומט, — האָט בעסי ווידער אַ שלעפּ געטאָן באָומען טאַנצן און געפֿילט, אַז טאַנצנדיק שלעפּט ער זיך, ציט זיך ניט צו איר, גלוסט ניט איר באַרירונג. קאַלט.

אויפגעהערט טאַנצן און געלאָזט זיך גיין אין צווייטן צימער. געבליבן פּלוצים שטיין. דערהערט עמיצן זאָגן: זי פּרוּווט נעבאַך... זי פּרוּווט אַלץ אין דער וועלט, די בעסי. ס׳גייט אָבער ניט...

האָט זי געפֿילט, גלייך ווי זי איז אַריבערגעטראָטן אַ שוועל פֿון אַ טיר און אַנשטאָט אַ פּעסטן באָדן איז זי גאָר אַראָפּ אין אָפּגרונט.

איז ריימאָן געוואָרן איר אַזוי טייער אין דעם דאָזיקן מאָמענט.

און זי האָט אַ טראַכט געטאָן: ריימאָן... יאָ, ריימאָן וועט זיין דער, וואָס וועט איר לעבן באַשיינען און אַנטפּלעקן פאַר איר די מיסטעריע פון ליבע. ריימאָן, ריימאָן...

זאָל ער זיין פאַרהייראַט. צום טייוול! זי דאַרף אויך לעבן און געניסן. זינאַ? זי ווייסט דאָך גאָרניט. טאָר זי דען ניט פילן פונקט, ווי זינאַ? מוז ער זיין נאָר זינאַס? קאָן זי דען און מעג זי דען פאַרשפּאַרן אין איר האַרצן אים, און זיינע באַגערן, און זיין זוכעניש נאָך עפּעס נייעס? אַ, וואָס פאַר אַ נאַרישע וועלט.

* *
*

בעסי האָט עס דערשפּירט. עפּעס, וואָס פלעגט ערשט ניט לאַנג צוריק אָנפילן זי מיט ברוינזנדיקער קעמפּעריש קייט, האָט זיך איצט באַהאַלטן ערגעץ אין די ווינקלען פון איר האַרץ, ווי אַ דערשראָקן הינטל. זי האָט מוירע געהאַט און געציטערט עס זאָל ניט געשען.

זיי וועלן סטרייקן.

געוועזן נעכטן באַנאַכט אויף אַ מיטינג. אַמאָל פלעגט זי זיין די ערשטע צו ריידן, צו רופן, צו פּראָפּאַגאַנדירן. דאָ אָבער אין דעם שאַפּ איז זי געשטאַנען, ווי איבער אַן אָפּגרונט, באַלענסירנדיק אויף אַ שטריק. זי וועט פאַלן. זי ווייסט, זי וועט פאַלן אין דער רעכטער זייט, צו אין דער לינקער זייט, — פאַלן וועט זי.

אַמאָל פלעגן די מיידלעך שטאָלצירן מיט זייער בעסי. שטופּן זי פאָרויס, רוקנדיק זיך אונטער אירע פּלייצעס. איצט, אָבער, קוקן די מיידלעך אויף איר מיט אַזעלכע גלייכגילטיקע אויגן. פאַרפּירט זי אַ געשפּרעך מיט זיי, ריידן זיי עפּעס אַזוי נעבעלדיק, אָפּגעהאַקט. בעסי האָט געוואוסט פאַרוואָס. זאָגן זיי אָבער: קינדער, וואָס היט איר זיך פאַר מיר? איך בין אייערע... — האָט זי ניט געקאָנט. קיין מוט ניט געהאַט. כּוח דעם וואָלטן זיי דאָך טאַקע, געדיינקט, אַז זי פילט זיך שולדיק אין עפּעס. פלעגט זי שווייגן.

געשטימט פאַר אַ סטרייק.

ריימאָן האָט מיט איר אָפּאָר מאָל געפּרואווט ריידן וועגן דעם קומענדיקן סטרייק.

נעכטן איז זי געפאָרן מיט אים. איז ער געוועזן אַזוי גוט צו איר. ער האָט זי געקושט, געגלעטשעט. דער סטרייק... וואָס קאָן

זי אים זאָגן, ווען ער פרעגט זי? זי פאַרמאַכט די אויגן און שווייגט. ווערט ער ברויגעז, און ווערט אַנטשוויגן.

---

דער סטרייק האָט אויסגעבראָכן אין אַ רעגנדיקן טאָג. דער רעגן איז געפאַלן אָן אויפהער. ס'איז געווען טונקל. עלעקטרישע שילדן און טויזענטער פענצטער אין די וואָלקנקראַצערס האָבן באַזונדער אַרויסגעשיינט אין דער פרימאָרגנדיקער טונקלקייט.

בעסי איז געקומען זייער פרי. זי האָט ניט געוואָלט קומען שפּעט, ווען אַלץ וועט שוין זיין אין פולן גאַנג. זי וואָלט דעמאָלט ניט געקאָנט אַרויפגיין. און זי האָט געוואוסט, אַז זי מוז אַרופגיין. זי מוז ריידן מיט אים איידער, איידער...

ריימאַן איז שוין אויך געווען אין שאַפּ. ער איז איר אַקעגן געלאָפן מיט אויסגעשטרעקטע הענט. געדריקט זיי וואַרעם. אַריינגערופן צו זיך.

— נו, ווי געפעלט אייך? — האָט ער זי געפרעגט.

— ריימאַן... גיט נאָך. זיינט ניט איינגעשפּאַרט, — האָט זי געזאָגט.

— אָ, איר זיינט אַ קינד. איך בין ניט קיין עקספּלואַטאַטאָר, אָבער דער פּרינציפּ... דער פּרינציפּ...

—א. לאָזט אָפּ אייער פּרינציפּ. צו וואָס מיאוס מאַכן זיך.

—עס וועט מיך רואינירן בעסי.

— איך גלויב ניט.

—איר ווייסט ניט. איך קאָן ניט. איר ווייסט איך בין אַ פריינט פון די אַרבעטער.

בעסי האָט אַ קוק געטאָן אַף אים און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— איר גלויבט מיר ניט? — האָט ער געפרעגט. — אָט זיינט איר אויך אַ פריינט פון די אַרבעטער און דאָך גלויבן זיי אייך אויך ניט.

— יאָ, איך ווייס, זיי גלויבן מיר ניט.

— איר זעט, איך בין געווען זיכער, אַז איר וועט מיך פאַרשטיין. מיילע, מיר וועלן דערווייל אַליין אַרבעטן.

— אַרבעטן? — האָט בעסי אַקוק געטאָן אַף אים. זי האָט דערפילט, אַז באַלד וועט געשען דאָס, פאַר וואָס זי האָט

זיך אזוי גנשראָקן.

— ארבעטן? — האָט זי ווידער איבערגעפרעגט.

— וואָס דען, איר וועט ניט ארבעטן? וואָס דען זיינט איר געקומען?

בעסי האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף א שטול באַם פענצטער.

— א שיינער פריינט זיינט איר מיר. — האָט ריימאַן גערעדט.

— א פריינט! דוכט זיך, איך האָב גענוג געטאָן פאַר אייך.

— א, איר פארשטייט ניט... איר פארשטייט ניט! — האָט בעסי אויסגעשריען.

— וואָס איז דאָ צו פארשטיין?

בעסי האָט זיך אויפגעהויבן. צוגעגאַנגען צום פענצטער. ארויס־געקוקט, און דערזען די מיידלעך. זיי זיינען געגאַנגען איינציק־ווייז און צו צוויי אונטער דעם גרויען רעגן. עפּעס, ווי א פאַר־געסענער כאָלעם האָט א שוועב געטאָן פאַר בעסים אויגן. עפּעס באַקאַנטע בילדער האָבן זי ארומגערינגלט און גערופן...

אָט גייען זיי אונטן די אָרעמע מיידלעך. אויפגעשטאַנען, עפּשער, מידע און הונגעריקע... מיט צעריסענע שיך, אין וועלכע עס רינט אריין דאָס וואַסער... קראַנקע עפּשער... געקומען אַהער צו דער שוואַרצער פעסטונג, וואו עס ליגן געשמידט זייערע יונגע טעג.

זי האָט א קוק געטאָן אויף ריימאַנען. דערזען אים פּלוצים. דערזען אַנאַנדערן. דערזען א שפּיציקן קאָפּ און אויגן אין וועלכע זי האָט איבערגעלייענט: איך בין דיין האַר.

— בעסי... — ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו איר.

אָט... אָט שטייט זי אויף דעם שטריק איבערן אָפּגרונט. באַלד, באַלד וועט זי פארלירן איר גלייכגעוויכט און פאַלן... פאַלן...

עס האָט פאַר איר א שוועב געטאָן דער נאַכט קלוב... און דער דזשעו האָט א ברום געטאָן, א שטשירע געטאָן מיט די ציין, א ברי געטאָן מיט רויטע ליפּן. און אָט ציען זיך צו איר פון ערגעץ הענט און דראָען... צונויפגעקלאַמערטע, אויסגעטריקנטע פויסטן... לאַכן ערגעץ אונטן בלייכע ליפּן...

— בעסי...

זי האָט ווידער א קוק געטאָן אראָפּ...

## בעסי

דער רעגן גיסט נאָך אַלץ. אונטן גייען אויסגענעצטע, שוואַרצע, אייגעהויקערטע שוואַכע מיידלעך.

בעסי האָט אַכאַפּ געטאָן איר הוט, אַרויס, און אַראָפּ צו זיי.

דער קאַלטער רעגן האָט אַ שלאָג געטאָן איר אין פּאָנים. זי איז געשטאַנען אַווילע באַ דער טיר. געקוקט אַף די מיידלעך. גע־זוכט אין זייערע אויגן דאָס אַמאָליקע, דאָס פאַרלוירענע...



# איין זייט לעוואָנע

פרייטיק, מערץ ...193.

היינט איז דער דרייצנטער מערץ ...193. פאַר מיר ליגט אַ העפט פון ריינעם ווייסן פּאַפּיר. אָט האָב איך שוין אָנגעשריבן די ערשטע צוויי שורעס אין מיין טאָג־בוך. כע!... מיין טאָג־בוך! וועל איך דען שרייבן דאָס, וואָס איך וויל שרייבן? וועל איך דען וואַגן? קאָנען דען מענטשן וואַגן אַף אַזוי פיל, אַז דער טאָג־בוך זאָל ווירקלעך, ווערן דער עמעסער, ניט פאַרמאַסקירטער פּאַרצעף פון דעם פּאַרשוין, וואָס שרייבט אים? ווען מענטשן וואָלטן מיך געקאָנט לייענען, ווי מע לייענט אַ בוך, וואָלטן זיי געשפּיגן אַף מיר; זיי וואָלטן געקוקט אַף מיר מיט זייערע שפּיזיקע אויגן, און יעדער בליק זייערער וואָלט פאַרפּלייצט מיט עקל, און זיי וואָלטן ניט אַ טראַכט געטאָן, אַז יעדער פון זיי איז אַ היפּאָקריט, אַ פאַר־מאַסקירטע ניטדערטרעכטיקע באַשעפעניש. אָבער... איך וויל אָנ־הויבן לערנען זיך לעבן אין עמעס. זאָגן דעם עמעס פריי און אָפן. און דעם אָנהויב וועל איך מאַכן אין מיין טאָג־בוך. אַלזאָ, איך בין מאַטעס פּאַשין, אַ מאַלער. אַן אָרעמער מאַלער. איך בין צוויי און דרייסיק יאָר אַלט. פינף פוס, זיבן אינטשעס הויך. איך האָב אַ בלאַס אַסקעטיש פּאָנים און רויטע ליפּן. אַ הויכן שטערן און אַ צעשויבערטע טשופּרינע פון פּעך־שוואַרצע האָר. מיינע הענט זיינען לאַנג, מיינע פינגער דינע, אַרטיסטישע. איך בין, אין אַלגעמיין, אַ דאַרער; אין ווען איך האָב נאָך הערנער און אַן עק, וואָלט איך אויסגעקוקט, ווי מעפיסטאָפּל. אַזוי זאָגט זי, זאַזאַ. דער עמעסער נאָמען אירער איז לייע, איך רוף זי אָבער זאַזאַ. עס פּאַסט איר און איך האָב ליב דעם נאָמען. זי איז מיינע אַ שילערין. איך לערן זי מאָלן. זי האָט ניט קיין ברעקל טאַלאַנט. זי האָט אָבער וואונדער שיינע אויגן און אַ שמייכל אין וועלכן מ'קאָן צעגאַנגען ווערן. זאָג איך איר, אַז זי האָט טאַלאַנט און איך לערן זי מאָלן.

איך בין אַ טעמפּעראַמענטפולער, נערוועזער טיפּ. איך קאָן ניט שטיין אַף איין פּלאַץ. איך מוז אַרומגיין, אַרומכאַפּן יעדע זאַך

מיט אַ בליק, מיט אַ וואָרט, מיט אַ שטריך... אַף אַ רעגע און שוין — ווייטער, ווייטער, עפּעס נייעס. מיינע קאָלעגן, דיינק איך, האָבן מיך פיינט. איך קריטיקיר זיי צופיל. איך זאָג זיי, אַז מיר זיינען קימאַט אַלע טאַלאַנטלאָזע, קליינינקע, נישטיקע, עגאָאיסטישע מענטשעלעך. קאָלעגן! קינסטלער! כּע! (דאָס וואָרט „כּע" איז מיין געוואוינהייט. זאָל עס דיך ניט אַרן) אַלע קימאַט, זיינען מיר לייַדיקגייער, און אַלע האָבן מיר דעם סופּעריאָריטי קאָמפּלעקס. אַלע מאָלן מיר, שמירן מיר, וואָס עס קומט אַרויס פון אונדזער פּענזל. און ווען מיר זיינען פּאַרטיק הויבן מיר אָן אַריינצוטייטשן און אויסטייטשן אונזער קונסט. היינט האָב איך געמאָלן אַ בילד פון אַ פרוי. מיט אַלע פיבערן, פון מיין נעשאָמע, פון מיין בלוט, פון מיינע פינגער און טאַלאַנט (כּע! טאַלאַנט!) האָב איך זיך אָנגעשטריינגט, אַז דאָס בילד זאָל אויסקוקן ענלעך צו איר. די ענלעכקייט איז אָבער ניט פּולקום. איך זע עס און איך ווייס עס. איך ווייס אויך, אַז ווען די פרוי וועט מיר זאָגן, אַז די באַקאַנטע דערקאָנען זי ניט אַפן בילד, אַז דאָס איז ניט זי, אַז — אַז — אַז— וועל איך איראָניש אַ שמייכל טאָן, אַריינרוקן מיינע פינגער אין מיינע לאַנגע האָר אַ ציי טאָן מיין לולקע און וועל זאָגן: מ'דאַרף זיין אַ קינסטלער צו פאַרשטיין קונסט. קונסט איז ניט אין דער ענלעכקייט. קונסט איז אין דעם אינוויניקסטן, אין דער נעשאָמע, אין דעם גייסט. מיך האָט ניט אינטערעסירט אייער נאָז, מאַדאַם, און ניט אייערע אויגן און ניט אייער פלייש. מיך אינטערעסירט אייער נעשאָמע. און דאָס האָב איך אַרויסגעבראַכט. קוקט! פון אייערע אויגן שטראָמט אַרויס די ווייבלעכקייט, אַרומגעוויקלט אין מיסטישער עראָטיק; אייערע ליפּן דריקן אויס די פאַרזיגלטקייט פון פאַרפּייניקטער שטרעבונג; און דער הויכער שטערן מיינט ניט, אַז איר האָט אַ הויכן שטערן. עס מיינט נאָר, אַז די געדאַנקען אייערע רייסן זיך אַרויף... אַרויף, איר פאַרשטייט? אַרויף... דאָס איז מאָדערנע קונסט מאַדאַם. אַלץ איז רעלאַטיוו. וואָס עס ווייזט זיך אויס רונד, איז גאָר שפּיציק. און וואָס ברייט — איז גאָר שמאָל. אַ מאָדערנער מאָלער מאָלט אַזוי, ווי ער זעט עס. איך זע אייך אַזוי, איר פאַרשטייט?

זי וועט קוקן אַף מיר און זאָגן, אַז זי פאַרשטייט. און דערנאָך

וועט זי פּאָר אירע באַקאַנטע דערקלערן, וואָס איך האָב געזען אין איר און פאַרוואָס זי איז ניט זי און דאָך זי. אַך, אַך, אַך... זיי קומען אין מיין סטודיאָ און... כע כע... יעדער גאָרניט רופט איצט זיין באָכערישן צימער „סטודיאָ". אָבער אַ שטיקל רעכט האָב איך דאָך, אַ? איך בין דאָך פּאָרט אַ שטיקל מאָלער. איך האָב דאָך פּאָרט געקראָגן אַ פּרייז פאַר מיינעם אַ בילד, וואָס הייסט „געמאַ־פּראָדיט", וואָס דער טייוול אַליין וואָלט אויך ניט געוואוסט וואָס דאָרט איז אויסגעמאָלן! אַלזאָ, מיין סטודיאָ: אין ווינקל שטייט, אַ נידעריקע, זייער נידעריקע קאַנאַפּע. נידעריק און ברייט. די קאַנאַפּע איז איבערגעדעקט מיט אַ שאַל. מיט אַן אָריענטאַלישן שאַל. זי... איינע אַ זי האָט אים דאָ איבערגעלאָזט, אָט, ווי יאָסעף האָט איבערגעלאָזט זיין מאַלבוש אין די הענט פון פּוטיפערע... זי וועט זיך, מיסטאַמע, דערמאָנען אַמאָל אָן שאַל און וועט קומען נאָך אים. דאָרט אין ווינקל שטייט דער מאָלברעט. לעבן מאָלברעט דאָס קעסטל מיט פאַרבן און פּענזלעך. אויף די ווענט בילדער. זאָל איך באַשרייבן יעדעס בילד באַזונדער? צו וואָס? ס'איז גענוג, אַז איך וועל זאָגן, אַז האַלב פון די בילדער זיינען פון פרויען אין דער מוטער כאַוועס קליידער, געמאָלן לויט דער מאָדערנער אויס־טייטשונג... אַזוי, ווי איך זע זיי. נו, גוט. בילדער פון פרויען. אַ זעלבסט פּאָרטרעט און וועלכן יעדער איינער דערקאָנט מיך. די האָר און די הויזן זיינען זייער, זייער ענלעך. אָט דאָס איז מיין סטודיאָ. יאָ, ס'איז דאָ אויך אַ שפּיגל. און אַ טישל באַ וועלכן איך זיץ און שרייב. זאַזאַ קומט אָפּט אריין צו מיר און רוימט צו. זאַזאַ... איך וויל שרייבן אַביסל מער פון זאַזאַ. זי איז וואונדערבאַר. (יעדנפאַלס אַזוי דיינק איך איצט. שפּעטער מיט אַ יאָר, ווען עס וועט זיין אַן אַנדערע זאַזאַ, וועל איך עפּשער בייטן מיין מיינונג.) וועגן אירע אויגן און וועגן איר שמייכל האָב איך שוין דערמאָנט. איך קאָן זיך אָבער ניט איינהאַלטן ניט צו באַשרייבן זי מיט אַ פּאָר שטריכן. זי איז פינף פוס, פינף אינטשעס. ווען זי שטייט נאָענט צו מיר, פּעסט צוגעדריקט מיט איר קערפּער צו מיינעם, מיט אירע דינע הענט פאַרוואָרפן אַרום מיין האַלדז, קאָן איך אַראָפּ־קוקן אויף אירע שוואַרצע האָר. און מיט מיין דלאָניע אַרומנעמען זי קימאַט אינגאַנצן. זי איז דין. איר ברוסט אָבער איז הויך און

שטייף. דער האַלדז און די אַקסלען, ווי פון ווייסן מאַרמאָר אויס־געטאָקט. (אַ באַנאַלער אויסדרוק, איך האָב אָבער ניט קיין אַנדערן) אין אַלגעמיין איז זי, ווי אַ שיינע אויסגעטאָקטע סטאַטועטקע. אַ שטיק קונסטווערק. אַזוי — אָנגעטאָן, אַזוי — אויסגעטאָן. איך האָב שיין עטלעכע פּאָרטרעטן געמאָלן פון איר (ניט מאָדערנים־טישע!) און זיי זיינען לײדער ניט אַרויסגעקומען. זאַזאַ וואוינט ניט ווייט פון מיין סטודיאָ. ווען זי קומט צו מיר, זעצט זי זיך אַנידער אויף דער קאַנאַפּע און קוקט, ווי איך מאָל. ווען איך מאָל שווייג איך. כ'האָב פיינט צו רעדן. זי קאָן מיך שוין. זי ווייסט, אַז, ווען איך מאָל דאַרף זי צו מיר ניט רעדן. זי זיצט אויף דער קאַנאַפּע און לייענט. איך פּרוּוו אָפּט פאָרשטעלן זיך, וואָס וואָלט געווען ווען — נו, ווען זי ווערט מיין פרוי. וואָס וואָלטן מיר געטאָן? וואָלטן מיר געוואוינט אין אָט דער סטודיאָ? וואָלט זי דעמאָלט אויך געברענט מיט יענע אומזעבאַרע פייערן פון וועלכן עס ווערט מיר וואַרעם און היים? זיכער ניט. מ'דאַרף ניט זיין פאַרהייראַט מ'זאָל דאָס וויסן און פאַרשטיין. איך ווייס, זי וואָלט גערן אויסגעביטן די ברענענדיקע, פלאַמענדיקע נעץ אירע אויף דער קלעפּיקער נעץ, וואָס נעמט דיך אַרום, ווי אַ שפּינוועב און האַלט דיך געפאַנגען און זויגט דאָס בלוט פון דיר. כאָטש אָפּטמאָל ווייזט זיך מיר אויס, אַז זי איז אַנאַנדערע. זי איז, ווי אַ פויגל מיט לאַנגע סאַמעטענע פליגל און ווען זי דריקט זיך צו צו מיר מיט איר לייב און שעפּטשעט מיט איר שטילן קאָנטראַלטאָ: לאָמיר פליען מאַטעס... לאָמיר פליען, — פיל איך, אַז איך בין גרייט אוועקצופליען מיט איר. איך בין אָבער פאַרזיכטיק. איך לאָז זיך אַרומנעמען פון אירע פלאַמען און לאָז מיין האַרץ גליען. ווען איך בלייב אָבער אַליין, בין איך קאַלט און שטאַרק, ווי דורכגעגליטער שטאָל. אָט אַזוי בין איך, כאָטש איך בין ניט אַזוי. פּאַראַדאָקסאַל? עפּשער... עמיצער גייט. זאַזאַ, מיסטאַמע...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

— אָ, העלאָ זאַזאַ!...

— העלאָ, מאַטעס.

זי האָט זיך אַוואָרף געטאָן אויף דער קאַנאַפּע, פאַרוואָרפן די הענט און געבליבן ליגן מיט אַ שמייכל.

— וואָס עפּעס אַזוי שפּעט, זאַזאַ?

— אָ, איך ווייס ניט. איך בין שוין געלעגן אין בעט. געלעגן און געטראַכט. פּלוצים האָב איך דערהערט דעם זשומען פון אַן עראָפּלאַן. ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דאָס פליסטו אַוועק.

— כאַ, כאַ! — מאַטעס האָט זיך צעלאַכט. — ביזטו געקומען איבערצייגן זיך צו איך בין טאַקע ניט אַוועקגעפלויגן?

— המממ — המממ...

— וואָס וואָלט דיך געאַרט, ווען אַזאַ פויגל, ווי איך פליט אַוועק?

— אָ, איך ווייס ניט, מאַטעס.

ער איז צוגעגאַנגען צו איר. אַנידערגעזעצט זיך לעבן איר. זי האָט אַריינגערוקט אירע פינגער אין זיינע צעשויבערטע האָר און צוגעשלעפּט זיין קאָפּ צו זיך:

— נו, דאָמבעלל...

מאַטעס האָט איר אַ קוש געטאָן.

— מאַטעס איז היינט ערנסט. פאַרטראַכט. — האָט זי זיך צוגעבויגן נאָענט צו אים און אַריינגעקוקט טיף אין זיינע אויגן.

— ווייסט, זאַזאַ, — האָט מאַטעס געזאָגט. — היינט האָב איך אָנגעהויבן עפּעס, וואָס וועט דיר אויסווייזן מעשיגע, אָדער גאָר עקסצענטריש. ערשטנס האָב איך אָנגעהויבן שרייבן אַ טאָג־בוך. אָבער דער טאָג־בוך איז ניט וויכטיק. וויכטיק איז, וואָס איך האָב באַשלאָסן צו באַפרייען זיך פון דעם ליגן.

— אָ, אינטערעסאַנט! פון וועלכן ליגן, מאַטעס?

— פון דעם ליגן, וואָס האַלט אונדז באַם גאָרגל מיט אויס־געקרימטע פינגער און לאָזט אונדז ניט זאָגן דעם עמעס.

— ס'איז אינטערעסאַנט. זייער אינטערעסאַנט. , אָריגינעל אַפילע. זייער אָריגינעל. אָבער וואָס פּלוצים, מאַטעס?

מאַטעס איז אויפגעשפּרונגען און גענומען לויפן איבערן צימער.

— טראַכט זיך אַריין, זאַזאַ. טראַכט זיך אַריין. ס'איז דאָך עפּעס אַזאַ אומבאַגרייפלעכע, אַזאַ קאָלאָסאַלע זאַך — לעבן. טו אַקוק אַרום זיך. די ערד, די שטערן, די זון די אוניווערז... צו וואָס זיינען מיר דאָ? צו וואָס? און פאַרוואָס דאַרפן מיר מוירע האָבן? פאַרוואָס? נו, אָט נעם מיך, מיך אַליין. איך האָב קיינעם ניט אין

דער וועלט. מיינע עלטערן זיינען שוין פון לאַנג געשטאָרבן. קיין ברידער און שוועסטער האָב איך ניט. קיינער וואָלט ניט געוויינט, ווען איך שטאַרב, און קיינער וואָלט זיך ניט געפרייט, ווען איך ווער אַ מיקל אַנדזשעלאָ. איך בין איינער אַליין צווישן מענטשן. און דאָך לעב איך אַזוי, גלייך, ווי פון דעם ליגן הייבגט אָפּ מיין גאַנצע עקזיסטענץ. מיין יעדער געדאַנק האָט אַ צווייטן הינטער געדאַנק, און מיין יעדער געפיל האָט אַ צווייטן הינטער געפיל. מיילע, מיין אונטערבאַוואוסטזיין קאָן איך עפשער ניט קאָנט־ראָלירן, אָבער מיין וואָרט! מיין וואָרט, זאַזאַ! וואָס איז אַוואָרט קעגן דעם גראַנדיעזן באַשאַף, קעגן לעבן און טויט? וואָס לעב איך, צו אַלדע רוכעס? צו עסן, מאַלן, ליבן און שלאָפן? פאַר וועמען און פאַרוואָס דאַרף איך מוירע האָבן צו זיין איך, דער עמעסער „איך”. וואו איז דער מענטש אין מיר? פאַרוואָס באַהאַלט ער זיך אין מיר?

זאַזאַ האָט געשמייכלט:

— דו רעדסט, ווי אַ נאַיווער באָכער, מאַטעס. און איך ווייס אַז די ביזט זייער ווייט פון נאַיוויטעט. אַ שיינער שפּאַס, כאַ־כאַ! שטעל דיר פאָר אַ בילד, ווי מאַטעס גייט אין די גאַסן און שיסט דעם עמעס אין די אויגן. כאַ, כאַ, כאַ!

מאַטעס איז געבליבן שטיין, קוקנדיק גלייך אין אירע אויגן:

— איך ווייס זאַזאַ, ווי מעשוגע, ווי נאַריש דאָס איז. און דו מעגסט לאַכן. נעכטן וואָלט איך עפשער אויך געלאַכט. היינט אָבער, האָב איך באַשלאָסן צו ווערן דער אַוואַנטיוריסט, וואָס גייט אַרויס אין לעבן מיטן נאַקעטן עמעס. זאָל ער זיין אַ מעשוגענער עקספּערימענט. איך וויל אָבער עקספּערימענטירן. איך וויל זען וואוהין עס וועט מיך דערפירן.

זאַזאַ האָט געלאַכט מיט אירע אויגן:

— דער באַשלוס איז שוין אַריין אין קראַפט?

— יע.

— גוט. וועל איך האָבן דעם קאָוועד צו זיין דער ערשטער קאָרבן פון דיין עקספּערימענט.

— דאָס הייסט מיסברויכן... אָבער, איך וועל דיר זאָגן.

ער האָט גענומען דעם העפט און איבערגעלייענט פאַר איר,

וואָס ער האָט אָנגעשריבן. און ווען ער האָט געענדיקט לייענען, האָט ער געזאָגט:

— דו האָסט מיך ליב, ווייל איך געפעל דיר, אָבער דער פאַר־לאַנג צו פאַנגען מיך אין דיינע נעצן אַלס מאַן, איז גרעסער פון דיין ליבע. דו געפעלסט מיר. אָבער איך וועל קיינמאָל ניט ווערן דער מאַן, וואָס וועט ליבן נאָר דיך, וואָס וועט זאָרגן נאָר פאַר דיר און לעבן נאָר פאַר דיר. צופרידן?

זאַזאַ האָט געקוקט אויף אים אַן ערנסטע.

— מאַטעס, איז דאָס, עפשער, בלויז אַ מאַנעוור צו זאָגן מיר דעם עמעס און פּאַטער ווערן פון מיר.

— ניין, ניין. איך וויל נאָר זען צו דער מענטש קאָן זיך אויסלעבן אין ריינעם עמעס. כאָטש איך בין איבערצייגט, אַז ער קאָן ניט, דאָך וויל איך פּרובירן. איצט גיי אַהיים. ס'איז שפּעט. ס'איז שוין צוויי אַזייגער.

זאַזאַ האָט גאָרניט געענטפערט. זי האָט זיך צוגערוקט צו דער וואַנט און געבליבן ליגן מיט פאַרמאַכטע אויגן. מאַטעס האָט גע־רויכערט די ליולקע און אַרומגעשפּאַנט איבערן צימער.

— גיי אַהיים זאַזאַ. — האָט ער ווידער געזאָגט.

זי האָט ניט געענטפערט.

האָט ער ווידער אָנגעהויבן שפּאַנען איבערן צימער. געבליבן שטיין באַם פענצטער און ניט געוואוסט צו זאָל ער זיך בייזערן אויף איר, צו זאָל ער צוגיין צו איר. ווידער געשפּאַנט פון איין ווינקל צום צווייטן. געבליבן שטיין באַם מאָלברעט, געכאַפּט דאָס פּענזל און אַ שמיר געטאָן אונטער אַן אויג פון דעם ניט פאַרענדיקטן פּאָרטרעט. דערנאָך דאָ אַ שמיר, דאָרט אַ שמיר. געשטאַנען און געמאָלן, און איין געדאַנק איז געשפּרונגען אויפן צווייטן, געלאַכט, געבייזערט זיך, געמאַכט כוויזעק און געריסן זיך ערגעץ אין דער ווייטקייט, וואָס איז העכער פון די הימלען.

אומגעקוקט זיך. זאַזאַ ליגט אין אויסגעצויגענע שיינהייט. שלאָפט, צי זי מאַכט זיך שלאָפנדיק. נו, וואָס וועט ער שטיין אַזוי מיטן פּענזל אין דער האַנט. אַוועקגעלייגט דאָס פּענזל און אַ צי גע־טאָן דאָס שנירל באַם לאָמפּ. ס'איז געוואָרן פינצטער. ער האָט

זיך אויסגעטאָן און שטיל אַנידערגעלייגט זיך אַף דער קאַנאַפּע לעבן זאַזאַן.

---

פאַרטאָג, ווען מאַטעס האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין זאַזא ניט געווען. ער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און געטראַכט. ביז אַהער איז ער געגאַנגען אַף פאַרשידענע וועגן. פאַרשידענע סטעז־שקעס האָבן יעדן טאָג, יעדע שאָ, יעדע מינוט געפירט אים זיגזאַג־נווייז אין לעבן. ער האָט געקאָנט גיין הין און צוריק. ער האָט געקאָנט נעמען אַ געדאַנק, אַ פראַזע, אַ וואָרט און מאַניפּולירן מיט זיי, ווי עס האָט זיך אים געגלוסט, ווי דער קאַפּריז האָט אים אונ־טערגעזאָגט. איצט, אָבער, איז פאַראַן נאָר איין וועג. דער וועג איז אַ גלייכער, אָן זיגזאַגן. דאָס וואָרט זיינס וועט זיין, ווי אַ שאַרף מעסער און דאָס אויסגערונענע בלוט, וואָס ער וועט פאַרגיסן, וועט לאָזן רויטע פלעקן. וועלכע וועלן אים אַף שריט און טריט דערמאָנען, אַז ער איז דער מעשוגענער, צעדרייטער מענטש־פּאַיאַץ. מאַטעס איז אַראָפּ פון בעט. מיט קראַפּט אַוואָרף געטאָן פאַראויס זיין פויסט, אַ בליץ געטאָן מיט די אויגן, אַ שטשירע געטאָן מיט די ציין און צעלאַכט זיך הילכיק, מוטיק, טייוואַליש.

— איך פייף אַף אייך! אַף דער גאַנצער וועלט פייף איך! וואָס האָב איך מוירע פאַר אייך? !

ער האָט פאַרמאָגט פופציק סענט, איז ער אַרויסגעגאַנגען טרינקען קאַווע. אַרומגעשפּאַצירט. אַהיים געקומען און גענומען מאָלן. און, מאָלנדיק איז ער פּלוצים געבליבן שטיין מיטן פּענזל אַ פאַרטראַכטער. וואָס מאָלט ער, וואָס? דאָס אַלץ, וואָס ער מאָלט, איז דאָך אַליגן. ס'איז דאָך ניט פאַראַן קיין איין ריכטיקע. עמעסע און ענלעכע ליניע אין דעם. וואָס ער וויל אויסמאָלן. ס'איז דאָך נאָר אַ ברעקל פון יענעם עמעס, וועלכן עס ווילט זיך אים אַרויס־ברייננגען און דאָס איבעריקע איז דאָך ליגן, ליגן —

ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס פּענזל און גענומען שפּאַנען. גע־וואונדערט זיך: איז ער גערעכט צי איז ער ניט גערעכט. אַז אַלץ איז רעלאַטיוו, ווי איינשטיין זאָגט, איז דאָך די קונסט און דער עמעס און דער ליגן אויך רעלאַטיוו, מיסטאָמע — צום טייוול! וואָס טויג אים די גאַנצע פילאָזאָפיע, אַז ער פילט מיט אַלע זיינע כושים,

וואָס עס הייסט עמעס און וואָס עס הייסט ליגן. אַט פּונקט, ווי ער פּילט ליבע און איפּערזוכט.

ער איז געבליבן שטיין קעגן שפּיגל. באַטראַכט זיך פון קאָפּ ביז די פיס. אַ שמייכל געטאָן. פאַרגעשטעלט זיך, ווי ער וואָלט אויסגעזען אין אַ שוואַרצער באָרד, מיט אַ מאַנטל אָפן נאַקעטן לייב און מיט אַ שטעקן אין דער האַנט. געמאַכט אַ פּאָר צורעס, דערנאָך משונהדיקע אוואַיעס. אַ טראַכט געטאָן, אַז ווען מ׳איז אַליין באַוויזט מען זיך דעם עמעסן געשטאַלט. דאָס אוראַלטע, דאָס מאַלפּישע, דאָס כאַיעשע און דאָס ווילדע שפּרינגט אַרויס פון דיר און מאַכט זיך נאַריש, מעשוגע... עפּשער איז אַט דער מאַטעס, וואָס האָט זיך ערשט מעשוגע געמאַכט, דער עמעסער מאַ־טעס, דער ניט באַהאַלטענער, דער ניט פאַרדעקטער מענטש?

ער איז צוגעגאַנגען צום טיש, געעפנט דעם העפט און גענומען שרייבן.

ווען דער טאָג האָט שוין געהאַלטן באַם פאַרגיין און די נאַכט האָט זיך אָנגערוקט מיט וואָלקנס, איז מאַטעס אַרויס פון זיין סטודיאָ און געלאָזט זיך גיין אין קאַפע עפּעס עסן.

די קאַפע איז געווען געפּאַקט.

מאַטעס איז אַריינגעקומען און געבליבן שטיין באַ דער טיר און אַרומגעקוקט זיך. יע... זיי זיינען אַלע דאָ. אַלע באַקאַנטע צורעס, וואָס קומען אַהער נאַכט איין, נאַכט אויס. פאַרוועלקטע צורעס.

מאַטעס האָט געוואוסט: באַלד וועט ער הערן דאָ אַ וויץ, דאָרט אַ קיבעץ, דאָ אַביסל רעכילעס און דאָרט אַבייסנדיק וואָרט. אין סיגאַרעטן רויך וועלן ווערטער און פּראַזן שלענגלען זיך, סקווילן זיך, בייסן מיט פאַרגיפטעטע ציין. מענערשע בליקן וועלן זינקען אין ווייבלע פּרויעשע בוזימס; פּרויעשע הענט וועלן פאַרבן די ליפּן, פּוידערן די נעזער און די הערצער זייערע וועלן, ווי פאַרוועלקטע האַרבסט בלעטער לעכצן נאָך אַ ווינטל, וואָס זאָל זיי אַ הויב טאָן. אַ טראָג טאָן... און פאַרטראָגן צו אַ פּייערל, וואו זיי זאָלן זיך וואַ־רימען און פאַרברענט ווערן, אַפילע. עס אַרט זיי ניט. דאָ אַ דריק מיט אַ האַנט, מיט אַ פוס... דאָרט אַ רייס, אַ שלעפּ, אַ שיפּע אין בלוטיקן אייפּערזוכט נעבל. און אַלץ אַרום וועט זיך סקווילן אין גע־

ווירבל פון ליגן... פון מויל צו מויל, פון האַרץ צו האַרץ... און ער אויך, ער, מאַטעס אויך צווישן זיי און מיט זיי, צו וואָס?!

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט בײַ אַ טישל. אַ פרוי באַגריסט אים דאָרט פון ווייטנס. אָ, יע... דאָס איז דינאַ. זי קוקט מיט פאַרזשמורעטע אויגן און ער דערמאָנט זיך, ווי שווער ס'איז אים אָנגעקומען אויסצוטאָן זי. זי האָט זיך געטוליעט צו אים מיט איר פולן קערפּער, און יעדעס מאָל, ווען ער האָט געוואָלט אַראָפּשלעפּן פון איר אַן אַנדערן טייל פון איר טואַלעט, האָט זי, היפּאָקריטיש שעמעוודיק געקלאַמערט זיך אָן דעם מיט אירע גראָבע פינגער. זי זיצט און רויכערט און דער מאַן אירער זיצט אַקעגן און קוקט זיך אַרום און אַ פאַרדאַכט גריזשעט, מיסטאָמע, זיין האַרץ... וואוהין קוקט זי אַזוי? צו וועמען שמייכלט זי אַזוי? ווער איז ער, יענער, וואָס גאַנוועט בײַ אים זיין ווייב, זיין אייגנטום.

מאַטעס האָט זיך אַוועקגעדרייט. ניט ווייט פון אים זיצט אַ גרופּע שרייבערס. און ווייטער אַביסל עטלעכע אַקטיאָרן. און דאָרט ווייטער אַ פּאָר קאַלעגן־מאַלער. מע רופט אים. איז ער צו־געגאַנגען. זיי זוכן אויך אָן עמעס און קאָנען ניט געפינען. איינער היצט זיך. ער פּיענעט, ער שפּייט... שאַגאַל?... פּ—כע! סוטין? ס'איז בלאָף, בלאָף, בלאָף! זשאָנגלערן, אַקראָבאַטן, פּאַיאַצן אין דער קונסט. זיי שענדן דעם עמעס... זיי זיינען קרומע שפּיגלען. זיי שאַפן ניט. זיי פּראָפּאַנירן! זיי... און ער ברייננגט צו הילף ראַפּאַעלן, רעמבראַנדן, רובענסן און רעפּינען. און ער שלעפּט מאַ־טעסן באַם אַרבל. זאָל ער, זאָל מאַטעס זאָגן.

און מאַטעס טוט אַ ציִ די לולקע און זאָגט:

— מיר זיינען אַלע בלאָפערס. און אין דער קונסט דאַרפן מיר אימער אַ גאָט — אַ גרעסערן בלאָפער פון אונדז. אַן אַווטאָריטעט אַ בלאָפער, וועלכער קאָן זיך דראַפּירן אין דעם מאַנטל פון אָרי־גינעלער געניאַליטעט. און מיר באַשאַפן זיי, די געטער בלאָפערס, מיר זאָלן האָבן אַף וועמען צו שטיצן זיך.

— אַ—אַ! כאַ־כאַ־כאַ! אַ—אַ!

מאַטעסן האָט זיך געגלוסט אַוועקצוגיין. ס'האָט זיך אים אויס־געוויזן, ווי עמיצער שעפּטשעט אין זיין אויער: אוי, מאַטעס. דו רעדסט פּאָר פּייער און פּאָר וואַסער. נו, צו וואָס האָסטו דאָס אַלץ

ארויסגעשאָסן.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט בא אַ באַזונדער טישל. באַלד וועט, מיסטאַמע, קומען זאַזאַ. ער וויל זי זען. ער וויל זען אירע אויגן. ער וויל זען וואָס זי טראַכט, אויב מ׳קאָן עס זען. ער איז געווען ניט צופרידן מיט זיך. פאַרוואָס מוז ער אין זיך טראָגן עפּעס אַ מין אויפגערעגט געפיל? פאַרוואָס דאַרף ער ווערן אויפגערעגט זאָג־נדיק דאָס, וואָס ער דיינקט, אַז ס׳איז עמעס?

— העללאָ, מאַטעס...

ער האָט זיך אומגעקוקט. זיינע אַמאָליקע מיסעס און איר טאָכטער. זיי האָבן געקוקט אַף אים מיט סאַמעטענע בליקן, וועלכע ער האָט אַזוי גוט געקאָנט...

— אָ, העללאָ. — האָט ער געענפערט. און זיינע בליקן האָבן זיך אַגליטש געטאָן פון דער טאָכטערס ווייסע רונדע אַקסלען צו דער מאַמעס פולן בוזים. — יוגנט און אַלטקייט. — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. — רייץ און אָפּשטויס... רייפע עפּעלעך לעבן צע־פּלאָסענע...

— איך רעד דאָך צו אייך, מאַטעס! פון וואָס טראַכט איר?

— אָ, גאָרניט — האָט ער אַ שמייכל געטאָן. אָבער עפּעס האָט אַ זעץ געטאָן אין פּלייצע: ס׳איז דאָך אַליגן, דעם עמעס זאָג! דעם עמעס! — האָט ער אַ קוק געטאָן אין אירע אויגן און געזאָגט:

— איך האָב געטראַכט, אַז לעבן דער יונגער שיינער טאָכטער אייערער, וואָס האָט אַזעלכע ווייסע אַקסלען און בריסטן ווי ווייסע רייפע עפּל, זעט אויס אייער בוזים, ווי צעקנאָטענער טייג.

די מיסעס האָט אַ קוק געטאָן אַף אים און איז רויט געוואָרן. דערנאָך האָט זי איר בייזן און אַביסל פאַרוואונדערטן בליק איבער־געפירט אַף דער טאָכטער. און אָנכאַפּנדיק זי בא דער האַנט, האָט זי איר אַ שלעפּ געטאָן נאָך זיך, און בא דער טיר שוין, האָבן זיי זיך אומגעקוקט אַף צוריק, ווי ניט גלויבנדיק, אַז זיי האָבן, ווירקלעך, געהערט עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז אַזוי אומפאַרשעמט און מעשוגע.

מאַטעס איז געשטאַנען צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט און גע־וואוסט, וואָס זיי טראַכטן וועגן אים, און געוואונדערט זיך, ווי לייכט דער עמעס האָט זיך אַרויסגעשפּאַנט פון זיין מויל. כע!...

דער עמעס! נו, וואָס שטייט ער דאָ? עפּשער דאַרף ער דאָ גאָר ניט שטיין; עפּשער דאַרף ער זיך גאָר איינגאַנצן אָפּשיידן פון מענטשן; אָדער לאָזן זיך גאָר איבער דער וועלט, פון שטאָט צו שטאָט, פון דאָרף צו דאָרף. ווייל אויב שוין יאָ זיין מעשוגע, זאָל כאָטש די מעשוגאַעס זיינע ניט פאַרגראָבן ווערן אין אַ גרוב און פאַרשפּיגן ווערן און פאַרטאָפּטשעט ווערן...

דינאַ קוקט ווידער אַף אים. זי לאָזט די דינע שנירלעך רויך פון אירע אָנגעפּאַרבטע ליפּן און שמייכלט צו אים מיט איר וואול־גאָרן האַלב ציניש שמייכל. מיט איר קליינעם פינגער פון איר אַנטבלויזטער האַנט רופט זי אים. דער מאַן אירער רויכערט דעם גראָבן סיגאַר און קוקט מיט אַן אומרואיקער שטריינגקייט פון אונטער זיינע אָנגעכמורעטע ברעמען.

מאַטעס איז צוגעגאַנגען. געדריקט די נאַסע האַנט פון איר מאַן מיסטער קאַנץ. אָל־רייט, ער וועט זיך אַנידערזעצן אַף אַ ווײַלע. נייעס? וואָס זאָל ער דערציילן? עס וועט זיי ניט אינטערעסירן. איר מאַן אוואַדע ניט.

— אַ מאַלער, מיסטער?

— יאָ אַ מאַלער.

— וואָס מאָלט איר?

— וואָס עס מאָלט זיך. — האָט מאַטעס געענטפערט — מייסטנס פּרויען.

— אָ, אַזוי? ! — האָט מיסטער קאַנץ אַקוק געטאָן אַף אים קאַלט, פון אויבן אַראָפּ — פּרויען... המ... נו, און וויפל קאָסט עס בא אייך אָפּצומאָלן זיך, אַ?

— ווי בא וועמען.

— ס'איז הייסט עס, די פּרייז, הייסט עס, געווענדט זיך אין דער פּרוי, אַ?

מאַטעס האָט ניט געענטפערט. גענומען אָנשטאָפּן די ליולקע מיט טאַבאַק און געטראַכט: ווען דער מיסטער קאַנץ ווייסט, אַז ער, מאַטעס ווייסט, אַז זיין פרוי דינאַ האָט אָפּן רעכטן דיך...

— מיסטער מאַטעס — האָט דינאַ איבערגעריסן זיינע געדאַנקען — טוט אַ בעט מיין מאַן, ער זאָל מיך לאָזן מאַכן אַ פּאָרטרעט בא אייך.

— ווער לאָזט דיך ניט, ווער? ! — האָט זיך מיסטער קאַנץ אָנגעצונדן. — מאַך, אַז דו ווילסט.

—איך וועל אייך קיין פּאָרטרעט ניט מאַכן. — האָט מאַטעס געענטפערט.

— פאַרוואָס?

— ווייל ערשטנס קומען זיי באַ מיר ניט אַרויס, און צווייטנס האָב איך דאָך שוין געפּרוּאווט.

דינאַ האָט אַוואָרף געטאָן אויף אים אַ דערשראָקענעם, וואָרנענדיקן בליק.

— וואָס מיינט איר, איר האָט שוין געפּרואווט? — האָט מיסטער קאַנץ געפרעגט.

— איך מיין, איך האָב שוין געמאָלן אַ פּאָרטרעט פון אייער פרוי.

— זי האָט מיר גאָרניט געזאָגט.

— איך ווייס, זי האָט אייך גאָרניט געזאָגט.

— וואָס... וואָס... — האָט מיסטער קאַנץ, ניט וויסנדיק וואָס צו זאָגן אַקוק געטאָן אויף זיין פרוי, דורכנעמענדיק זי מיט זיינע אויגן.

— נו, איך גלויב איך וועל שוין גיין. — האָט זיך מאַטעס אויפגעהויבן.

— וואַרט נאָר, וואַרט נאָר, יונגערמאַן, — האָט אים קאַנץ אַ שלעפּ געטאָן באַ דער האַנט. — איר מיינט צו זאָגן, אַז מיין ווייב איז געווען דאָרט באַ אייך און איר...

— יע, זי איז געווען. — האָט מאַטעס אַרויסגעריסן זיין האַנט.

— ס'אַלינגן! — איז דינאַ בלייך געוואָרן.

אַ הילכיקער פּאַטש האָט פּלוצים אַ קלונג געטאָן אין קאָפּע.

מאַטעס איז אויף אַ ווײַלע געבליבן שטיין אַ פּאַרטומלטער, מיט אַ רויטער, פלאַמענדיקער באַק. און ווען מיסטער קאַנץ האָט אַ ציטערדיקער און הייזעריקער אָנגעהויבן שרייען און רייסן זיך פון דינאַס הענט, האָט מאַטעס אפילו געטאָן מיט זיין פויסט אין קאַנצעס פּאָנים און צעבלוטיקט אים די נאָז. פון אַלע זייטן האָבן זיך אַרוק געטאָן טישן און ביינקלעך. נייגעריקע קעפּ האָבן זיך אַצינעטאָן און אַלץ אַרום האָט אַ זשומע געטאָן און אין דעם גערויש

פון דעם אויפגעברויזטן נייגער, האָט מיסטער קאַנץ, ווי אַ סאָפּנ־דיקער לאָקאָמאָטיוו געריסן זיך פון פרעמדע הענט און מאַטעס האָט אַ בלייכער געקעמט מיט די פינגער די צעשויבערטע האָר און געקוקט ארום זיך מיט בייזע בליקן.

— מאַטעס!

ער האָט דערזען זאַזאַן. זי האָט אים געשלעפּט באַ דער האַנט. — מאַטעס, קום.

ער איז איר נאָכגעגאַנגען.

אין דרויסן איז זי געבליבן שטיין און פאַרשפּילעט אַ קנעפּל באַ זיין צעכראַסטעט העמד.

— פאַר דעם עמעס, מאַטעס, אַ?

— הממ... הממ...

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט איר קלוגן קאַלטן בליק און אַ קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען.

— קום אהיים. איך דיינק איך וועל רופן צו דיר אַ דאָקטאָר, צעדרייטער.

ער האָט אַ שמייכל געטאָן, ארומגענומען זי באַ דער פּלייצע און זיי האָבן זיך געלאָזט גיין צו זיין סטודיאַ.

---

עס זיינען אוועק אפּאַר וואָכן. און אין די פּאָר וואָכן האָט אים דאָס לעבן אַ פאַרכאַפּ געטאָן, ווי אַ געפערלעכע שפּיל, וואָס איז פול מיט אַזאַרט. זאַזאַ האָט אים געקרוינט מיטן נאָמען „דאָן קיכאָט”. זי האָט געלאַכט, געכוויזעקט פון אים.. געראַטן אים מיט איר איראָנישן שמייכל אין די אויגן, ער זאָל פּראָקלאַמירן אַ קרייץ־צוג פאַר דעם עמעס. צי זאָל ער גאָר איינגאַנצן אָנטאָן זיך, ווי אַ פּאַיאַץ און ארומגיין אין די גאַסן מיט גלעקלעך. אַז פּאַיאַצעווען, זאָל שוין זיין געפּאַיאַצעוועט.

מאַטעס האָט געהערט און געשוויגן. ווייל אויב ער האָט מיט זיין אייגעשפּאַרטקייט געוואָלט זען ווי ווייט מ׳קאָן דורכברעכן די וואַנט פון היפּאָקריטישקייט, האָט ער דאָך געוואוסט און געזען, אַז אין זיין עקסצענטרישקייט איז ער אַליין, איינער אַליין. און די ארומיקע וועלט האָט עם אים אָנגעהויבן ארויסצואווייזן אויף שריט און טריט. אַז עמיצער איז צו אים צוגעגאַנגען אין קאַפע,

איז דאָס שוין געווען נאָר צוליב קוריאָזיטעט. זיי האָבן געוואָלט זען, וואָס נאָך פאַר אַ נאַרישקייט דער מאָלער מאַטעס וועט אַרויס־פּלאַפּלען; וואָס נאָך פאַר אַ סקאַנדאַל ער וועט פּלוצים אויפהויבן. ער פלעגט באַמערקן די קוריאָזע בליקן און פאַרשטיין, אַז מ׳רעדט פון אים. אַנדערע לייצים, זוכנדיק כוויזעק צו מאַכן, פלעגן צוקומען צו אים און, אָנווייזנדיק אויף דער אָדער יענער פרוי, פרעגן, וואָס ווייסט ער וועגן איר, און? מאַטעס האָט פאַרשטאַנען, אַז מ׳קוקט שוין אויף אים, ווי אויף אַ שטיקל צעדולטן. און ווען ער האָט איין־מאָל אויסגעפּאַטשט אַ באָכער פאַר מיעסע אינסינואַציעס, וועגן אַ פרוי, האָט מען אָנגעהויבן זיך היטן פאַר אים. דער אייגנטימער פון דער קאַפע האָט אים אַ פּאָר מאָל געגעבן אָנצוהערן, אַז ער איז אַ ניט געווינטשטער גאַסט און ער מעג זיך זוכן אַן אַנדער פּלאַץ. דאָס פּאַסנדסטע פאַר אים איז, זיכער, אַ מעשוגאָים הויז. איבערהויפּט האָבן פרויען אָנגעהויבן צו וויכן פון אים. ער האָט דערהאַלטן, אַפילע אַ פּאָר בריוו אין וועלכע מ׳האָט אים געדראָעט, אַז אויב ער וועט אָנגיין מיט זיינע „פּוילע שטיק" וועט מען אים אָנברעכן די ביינער. איינע אַ פרוי, וואָס האָט זיך אונטערגעשריבן „וואַנעראַ", האָט אים געסטראַשעט, אַז זי וועט אים דערשיסן. דאָס אַלץ האָט אין מאַטעסן אַרויסגערופן אַ מין לעהאַכעס געפיל צו גיין ביז עקסטרים... פאַלן אַ קאָרבן, אַפילע, אָבער, זאָלן זיי וויסן, אַז ער, זאָל זיין אַ מעשוגענער, דערמאָנט זיי, אַז דאָס לעבן זייערס איז אַ לעבן פון אומענדלעכע געקייטלטע ליגנס.

---

18טער אַפּריל, ...193.

שוין אַ פּאָר טעג, אַז איך האָב ניט געשריבן מיין טאָגבוך. און אין די טעג, ווען איך האָב אָנגעשריבן, האָב איך געפּרואווט שטעלן זיך צום געריכט פאַר אַ ריכטער, וואָס איז מיין אייגענער געוויסן. איך וויל וויסן צו בין איך טאַקע דערגאַנגען צו דער שטופע, ווען דאָס אַרומיקע לעבן ווערט אַ זייטיקע זאַך און נאָר דיין אידייע־פיקס פאַרנעמט דעם אויבנאָן. איך וואונדער זיך אָפּט צו די גרויסע מענטשן גלויבן אויפריכטיק אין זייער אידעאַל, וואָס זיי טראָגן מיט זיך. פאַרנעמט ער, ווירקלעך, דאָס גאַנצע לעבן זייערס? צו איז ניט ערגעץ אין זייער אונטערבאַ־

וואוסטזיין פאַראַן אַ קעמערל, וואו עס ליגט אַ קליין מענטשעלע, אַ קאָפּיע פון זייער גרויסן „איך" און לאַכט און מאַכט כוויזעק פון דעם גרויסן מענטשן, ווען די וועלט באַוואונדערט אַזוי פאַר זיין אידעאַליזם.

אָך, דאָס מענטשעלע אין מיר. עס איז דאָ. איך ווייס, אַז ס'איז דאָ. איך ווייס אָבער אויך, אַז עפּעס איז אין מיר פאַראַן, וואָס ס'איז גרויס. איך האָב עס ניט דערהויבן אַזוי הויך, אַז מענטשן זאָלן עס דערזען, אָבער איך ווייס, אַז אַסאַך מאָל דערהויב איך זיך צו די שטערן און קוק אַראָפּ... איך זע, אפילע, דעם גאָט אין מיר און רעד מיט אים. זאַזאַ זאָגט, אַז איך בין אַ שטיק „קאָמפּלעקס". זי וויל מיך אַרויסרייסן פון מיין „פאַנטאַסטישער נעסיע". און ברייינגען מיך צוריק צו דער ערד. אָבער איך בין דאָך אַף דער ערד. איך ווייס עס. עמעס, די לעצטע צייט בין איך געוואָרן עפּעס ערנסטער. מיין הומאָר האָט זיך פּלוצים אָפּגעטאָן פון מיר. עפשער דערפאַר, ווייל איך בין צוגעקומען צום לעבן אַזוי נאָענט, ווייל איך האָב דערזען דעם טהום פון וועלכן מ'וועט קיינמאָל ניט קאָנען אויסשעפּן דעם סאָס. נו, אָט האָב איך שוין געוואָגט. אָט לעב איך אַזוי מיטן עמעסן וואָרט אַף מיינע ליפּן, און ס'איז נאָך גאָרניט אַריינרעכענען די פּעטש, וועלכע איך האָב געכאַפּט און געגעבן אין די „עמעסן" וועלכע איך האָב אַריינגעזאָגט די אָרימע מענטשעלעך. איך האָב אָבער גע־האַט די סאַטיספאַקציע פון וואָגן, פון דער איבערצייגונג, אַז איך בין צו אַלדע שוואַרצע יאָר, אַ מענטש. איך וויל זיך ניט נאַרן און אידשרייב דאָס ניט, אויסצופיינען זיך מיט„גערדאַנקלעכקייט„. איך בין אַ מענטש וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן געפּלאָנטערט זיך און וועט זיך נאָך פּלאָנטערן, מיסטאָמע, אין אַ נעץ פון ליגן. איך ווייס עס און יעדער ווייסט. אָבער ס'איז גוט צו דערמאָנען זיך און יענעם. ס'איז ווערט די אַוואַנטיורע, ס'איז ווערט דער עקס־פּערימענט, אַפילע, ווען ס'איז פּרוכטלאָז. מיינער אַ פריינט, אַ דאָקטאָר זאָגט, אַז ס'איז גוט וואָס אַ מענטשן טוט אַמאָל ווי דער קאָפּ. ער דערמאָנט זיך כאָטש, אַז ער האָט אַ קאָפּ. אָך, מאַטעס, מאַטעס... נאָך דיין שרייבן איצט, זע איך, אַז דו דרייסט שוין אַהין און אַהער. ווייסט? ס'איז לייכטער אויפצוגעבן... נו, נו!

באַלד וועט קומען זאַזאַ, וועסטו אַנידערלייגן דיין קאָפּ באַ איר אויפן שויס און זי וועט שויבערן דיינע האָר, און זי וועט זאָגן, אַז דיין גאַנצער עמעסער עמעס, איז גאָר אַ ליגן. וואָרום, איז דען דאָ אַ קריטעריום פאַר עמעס, פאַר קונסט, פאַר שיינקייט? איך בין אַ מענטש און אַ נעגער איז אַ מענטש. און אַ נעגער געפעלט אַ נעגערטע און מיר געפעלט ניט. דער הוט וואָס זי טראָגט, זאָגט זאַזאַ, געפעלט מיר איצט זייער. און שפּעטער מיט צען יאָר, וועט ער אויסקוקן לעכערלעך און איך וועל לאַכן ווען זי וועט אים אָנטאָן. ס'איז קונסט, ווען מיר גלויבן, אַז ס'איז קונסט, און ס'איז שיין ווען מיר גלויבן, אַז ס'איז שיין. ס'איז אַ מין זעלבסט היפּנאָז, אַ מאַסן היפּנאָז, וואָס גיט אַרוים דעם אַטעסטאַט צו שיינקייט, צו קונסט און צו עמעס. ווייל, וואָס ס'איז נעכטן געווען עמעס, איז היינט ליגן. און וואָס ס'איז געווען ליגן — איז היינט עמעס...

22טער אַפּריל, ...193.

זאַזאַ האָט היינט אָפּגערופן.

זי ברענגט אַ פרוי, וועלכע וויל איך זאָל זי מאָלן. (נייגעריק צו זען, מיסטאַמע, דעם פויגל מאַטעס.) איך מוז ווידעראַמאָל אָנהויבן מאָלן, זאָגט זאַזאַ. יע, איך מוז — איך מוז דאָך עסן. און נאָך אַלעמען: עפּשער איז גאָר דאָס רעאַלע לעבן ניט אַזוי וויכטיק, ווי ס'איז וויכטיק די אימפּרעסיע און דער געדאַנק, וואָס דאָס ווערק רופט אַרויס? די אימפּרעסיע, וואָס מאַכט אונדז צו גלויבן, אַז ס'איז דאָס, וואָס מיר האָבן אין זינען — אָט די אימפּרעסיע אַליין איז שוין עמעס. זאַזאַ זאָגט, אַז מיט מיין אָרעמען דיינקונגס אַפּאַראַט, איז גלאַט עפּעס געשען. אַ שרייפּל לויז געוואָרן ערגעץ... כע! עפּשער איז זי גערעכט? ווער ווייסט? מאַטעס, מאַטעס... דאָס איז שוין אַ האַלבע קאַפּיטולאַציע.

23טער אַפּריל, ...193.

וואוהין פירסטו זיך מאַטעס, און וואָס ווילסטו? מאַכסט זיך נאַריש, ווי אַלע נאַראָנים, וואָס שרייבן טאָגביכער? ווילסט אויך זיין אַ דורכגעפאַלענער נאַר, וואָס קריכט אין דער טיפעניש פון לעבן, וואָס וויל זיך דערגרונטעווען צו עפּעס און דערנאָך אַ דער־

שראַקענער לויפן צוריק? ס׳איז ניטאָ קיין לעבן צוריק, מאַטעס. און ס׳איז ניטאָ קיין גרונט צו דערגרייכן. טאָ, וואָס ווילסטו? וואַרף אוועק די פּען נעם זיך צוריק צו דיין פּענזל און בלאָף די וועלט. די וועלט! כע... סטאָפּ! אַט באַלד וועל איך זיך ווידער אַריינלאָזן אין פילאָזאָפיע. גיי האַלט זיך איין און פילאָזאָפיר ניט. יעדער מענטש איז אַ מין יאַנוס. אַ צוויי־פּנימדיקער גאָט. אַ נאַר און אַ פילאָזאָף. און ביידע צורעס זיינען אַזוי ענלעך איינע צו דער צווייטער. אַ פּאַראַדאָקס? עפּשער...

1טער מאַי, ...193.

די לעצטע עטלעכע טעג האָב איך זיך אינגאַנצן אָפּגעשיידט פון מענטשן. ערשטנס וויבן זיי פון מיר, און צווייטנס האָב איך מוירע פאַר זיי און מער פון אַלעמען, פאַר זיך אַליין. דעם עמעס מיינעם מוז איך שוין שטיפן. ער האָט זיך דערשראָקן. ער איז אויסגעמאַטערט. ער איז — אַך, ער איז אַ נידערטרעכטיקער מיינג־לינג, נאָך אַלעמען, דער עמעס...

איך האָב היינט בייגעוואוינט אַ דעמאָנסטראַציע. מ׳האָט די אַרבעטער געהאַרגעט, געשלאָגן. עס האָט מיך אויך דערהויבן... און מיין צאָרן וואָלט מיך, דוכט זיך געקאָנט פאַרטראָגן אין געהענים אַריין. עס האָט זיך מיר געוואָלט אויסשרייען צוזאַמען מיט זיי דעם עמעס, דעם שוידערלעכן עמעס, אַז זיי שטאַרבן פון הונגער. איך האָב אָבער ניט געוואוסט, ווי אַזוי. האָב איך גלאַט געשריען עפּעס... און ווען איך האָב פּלוצים דערפילט אַ קלאַפּ איבערן קאָפּ און דערזען פאַר זיך אַפּאָר רויט אָנגעגאָסענע אויגן פון אַ פּאָליס־מאַן און דערהערט: דו אויך, זון פון אַ צויג... — האָט דאָס מענטש־שעלע, דער ליגנער, דער פּייגלינג אין מיר אַרויסגעשריען: ניין, ניין, איך ניט! אַך, מאַטעס, דו זון פון אַ...

3טער מאַי, ...193.

איך מוז צוגעבן — איך ווייס ניט וואָס עמעס איז. דער עמעסער, דער דיסטילירטער עמעס. טו ווי אַזוי קאָן איך אויסלעבן זיך אין עמעס, ווען איך ווייס ניט וואָס ס׳איז? ווען איך ווייס ניט ווי אַזוי צוצוקומען צו אים? ביז אַהער האָט זיך דער עמעס

אויסגעדריקט אין מיין רעדן וואָס איך טראַכט. און דער רעזולטאַט איז: איך האָב אָנגעגריפן די עלעמענטאַרסטע יעסוידעס פון טאָ־לעראַנץ, פון באַרעמהערציקייט, פון טאַקט, פון ראַכמאָנעס. איך האָב צעשטערט אילוזיעס, כאַלוימעס און טרוימען. איך האָב צע־שטערט אין זיי דעם גלויבן און די רו; איך האָב אויפגעריסן ניט פאַרהיילטע און נייע וואונדן; איך האָב אָנגערייצט ווי בייזע כאַיעס מאָן קעגן פרוי, עלטערן קעגן קינדער און אַלעמען קעגן זיך.

זאָזאַ האָט מיך אָנגעהויבן האָסן. זי זאָגט, אַז אין מיין מאַניע פון אידעאַלן עמעס, ליגט גאָר אַ בייזער גייסט פון אַ פאַ־נאַטישן סאַדיסט. און אַ מאַן אין דער קאָפּע איז נעכטן צוגע־קומען צו מיר און געזאָגט, אַז דער עמעס איז ניט אין דעם וואָרט. דאָס וואָרט איז גאָרניט. דער עמעס, האָט ער געזאָגט, איז אין טאַט. און מיינע טאַטן, זאָגט ער, זיינען ניט פון דעם מין, וואָס ברייגגען נוצן און גליק דעם מענטשן. איך פאַרזיי אַן עמעס פון וועלכן עס וואַקסט ארויס דערנער און אים וואָלט ניט געאַרט, ווען איך פאַרזיי ליגנס, וועלכע זאָלן ברייגגען פרוכטן. יעדנפאַלס, ער האָט מיך געצוואונגען צו פאַרטראַכטן זיך.

5טער מאַי, ...193.

זאָזאַ האָט מיר ווידער געבראַכט עסן. זי ווייסט איך האָב ניט קיין געלט. זי ווייסט, אַז איך וועל ניט גיין מיט איר אין אַ רעסטאָראַן און זי זאָל באַצאָלן פאַר מיר. האָט זי עפּעס אָפּגעקאָכט און געבראַכט צו מיר אין סטודיאָ. איך האָב געזאָגט, אַז איך וויל ניט איר עסן. איך האָב זיך געבייזערט און געשריען אָבער איך האָב אַלץ אויפגעגעסן, וואָס זי האָט געבראַכט. און ווען איך האָב אָפּגעגעסן, האָב איך דערפילט, אַז מיין האַנדלונג איז אַ גרויסער ליגן. ווייזט אויס, אַז דער איינציקער, וואָס זאָגט דעם עמעס, איז דער מאָגן.

6טער מאַי, ...193.

איך האָב היינט ווידער געזאָגט אַ ליגן. און איך פאַרשרייב עס, און איך שטעל זיך אָפּ אויף דעם, גלייך ווי דאָס איז דער ערשטער ליגן, וואָס איך האָב געזאָגט אין מיין לעבן. די עטלעכע

ליגנס איצט זיינען מיינע באַפרייערס, עפּשער. איך בין נעכטן באַ־נאַכט געלעגן אין פּאַרק און דערמאָנט זיך, אַז איך האָב געזאָגט זאַזאַן, אַז איך האָב זי ניט ליב. איך האָב עס איר געזאָגט, ווען איך האָב געמיינט, אַז איך זאָג עמעס. אַך, דו עמעס, דו עמעס, ביזט אַ ליגנער!

איך בין געלעגן און געקוקט אויף דער לעוואָנע. אַזאַ שיינע לעוואָנע. זי אינספּירירט פּאָעטן, מאָלער, זינגער. זי באַלייכט די ערד מיט וואונדערלעכער שיין. זי איז רואיק און שווימט און וועט נאָך שווימען אַרום דער ערד. אימער, אימער די זעלבע. און די מענטשן וועלן אימער זען נאָר איין זייט פון איר פּנים. נאָר איין זייט. די צווייטע זייט פון דער לעוואָנע האָט מען קיינמאָל ניט געזען און מ׳וועט קיינמאָל ניט זען. און דאָך איז זי אַזוי שיין. און דאָך באַגייסטערט זי. איך האָב געטראַכט, אַז מענטשן זיינען אויך אַזוי. יעדער מענטש איז אַ לעוואָנע באַ וועמען מ׳זעט נאָר איין זייט. נאָר איין זייט פון זיין פּאַרצעף און די צווייטע, די פאַרבאָרגענע, וועט מען קיינמאָל ניט זען. נו, עפּשער דאַרף מען זי טאַקע ניט זען. עפּשער איז בעסער, ווען מ׳זעט זי ניט.

זאַזאַ איז אַזאַ שיינע לעוואָנע. זי לייכט אַריין אין דער נע־שאָמע אַריין. צו וואָס זאָל איך וועלן זוכן יענע פאַרבאָרגענע זייטן אין איר, צו אַלדע שוואַרצע יאָר. און צו וואָס האָב איך זיך איינ־געשפּאַרט צו ווייזן מיין פאַרבאָרגענע זייט, וועלכע איז אַזוי גרויי־זאַם מיט איר... עמ... עמעס!

7טער מאַי,...193.

היינט האָב איך ווידער געזאָגט ליגן. איך האָב זיך פּאַשעט ניט געקאָנט העלפן. איך האָב געזען אַן אָפּגעריסענעם, בלייכן אינגל, לויפן. ער האָט עפּעס געהאַלטן אונטערן שמוציקן רעקל און האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן פון גאַס, ווי זוכנדיק אַ ווינקל, וואו צו באַהאַלטן זיך. פון ווייטנס האָב איך געזען לויפן מענטשן און אַ פּאָליסמאַן. אַלע האָבן געשריען: כאַפּט אים! כאַפּט אים! דער אינגל איז אַ דערשראָקענער און פאַרצווייפלטער אַריין אין אַ הינטער געסל. איך בין אַריין נאָך אים און אָנגעכאַפּט אים באַ דער האַנט. פון אונטער זיין רעקל איז אַרויסגעפאַלן אַ ברויט. —

איך בין הונגעריק — האָט ער געזאָגט. — איך בין ניט קיין גאַנעוו. איך בין הונגעריק. — איך האָב אים אָפּגעלאָזט. און ווען די מענטשן זיינען צוגעקומען צום געסל, בין איך געשטאַנען אַ נער־ווערזער, געריוויכערט מיין ליולקע, און אויף זייער פראַגע צו איך האָב געזען דעם גאַנעוו, האָב איך זיי אָנגעוויזן אין אַ צווייטער, אין אַ פאַלשער ריכטונג. נו, עפשער וואָלט יעדער געטאָן אַזוי. יעדער וואָלט געקאָנט זיין אַזאַ גרויסמוטיקער העלד. אָבער, דער פאַל האָט מיר נאָר איבערצייגט, אַז דער עמעס קאָן ניט זיין אַן אַבסאָלוטער און אַז דער ליגן קאָן אַמאָל זיין זיס, אַנגענעם און ווארעמען דאָס הארץ, ווי עס האָט מיך געוואַרעמט. נו, מאַטעס... ווארף ארויס אַ ווייסע פאָן, אַז דו קאַפּיטולירסט. צו וואָס ראַנגלען זיך, אַז דאָס קליינע מענטשעלע אין דיין קעמערל קאָן אַזוי אויס־וואַקסן און דער גרויסער מענטש אין דיר קאָן זיין אַזוי גרויזאַם און אומראַכמאָנעסדיק. צעריים דיין טאָג־בוך... צעריים. די לע־וואָנע האָט נאָר איין זייט וואָס שיינט און באַגייסטערט...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

איך וועל גיין אָפּרופן זאַזאַן. איך בייניק נאָך איר. זאָל זי קומען און רייסן מיך בא דער טשופרינע... זאָל זי קומען און...

---

מאַטעס האָט אַ פּאָר נעטאָן מיטן פּענזל איבערן פּאָרטרעט. נאָך איין שמיר, נאָך איין שטריך און — פאַרטיק.

— אָלל־רייט, מאַדאַם. טוט אַ קוק!

די מאַדאַם האָט זיך אויפגעהויבן פון איר ביינקל און צוגעגאַנגען אַ קוק טאָן אויף איר פּאָרטרעט.

— פּראַכטפול, אַ? — האָט מאַטעס געפרעגט מיט אַ שמייכל און אַ בליץ געטאָן מיט זיינע ווייסע ציין.

— יע, שיין, זייער שיין.

— איך מוז אייך קאָמפּלימענטירן, מאַדאַם. איר זיינט אַ וואונ־דערבארער מאָדעל פאַר אַ מאַלער. זייער זעלטן ווען מ׳טרעפט אַזאַ אויסדרוקספול פּאָנים, ווי בא אייך. די פאַרבן בעטן זיך מאַמעש, צו מאָלן אייך.

די פרוי האָט באַגייסטערט און גליקלעך געשמייכלט און ווען זי איז שוין געשטאַנען בא דער טיר, האָט מאַטעס ווידער אַמאָל

גערזאָגט:

— איך האָב געהאַט אַסאַך פאַרגעניגן, מאַדאַם, מאָלנדיק אייך.

זי איז אַוועקגעגאַנגען.

מאַטעס האָט אַוואָרף געטאָן די הענט אַרויף, אַריינגעשטעקט די פינגער פוןביידע הענט אין קאָפּ און, קראַצנדיק זיך, האָט ער זיך צוגעזונגען:

— הונדערט דאָלער, זאַזאַ, זאַזאַ! הונדערט דאָלער זאַזאַ־זאַ!

זאַזאַ איז געלעגן אויף דער קאַנאַפּע מיט אַ ביכל און געשמייכלט.

— מאַטעס, קום אַהער, — האָט זי אים צוגערופן.

ער איז צוגעגאַנגען און אַנידערגעזעצט זיך לעבן איר. זי האָט אים אַ שלעפּ געטאָן צו זיך און אַ צופרידענע געקוקט אין זיינע אויגן:

— נו, דאָמבעלל...

# ראסטוס

א בילד, געמאָלן פון א יונגער מאַלערין, האָט אויף א קונסט אויסשטעלונג ארויסגערופן א סענסאַנציע. דאָס בילד איז פאַרווערט געוואָרן.

מאַניש, א יונגער שרייבער, האָט דאָס בילד געזען. עס האָט געהייסן „ראַסטוס". דער נאָמען פון דער מאַלערין איז געווען לאָלאַ. ער האָט געקאַנט די יונגע לאָלאַ, איז געוואוסט: וואָס לאָלא לעבט — מאָלט זי, און וואָס זי מאָלט — לעבט זי. האָט ער זיך איינמאָל אַנידערגעזעצט קעגן בילד, בא איר אין סטודיאָ, און אויפגעשריבן זיין קאָנצעפּציע וועגן לאָלאַן און דעם בילד „ראַסטוס".

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

באַם סאַמע ברעג פון „לייק מישיגאַן" איז געלעגן דער באָהעמישער קווארטאַל. פון צווישן דרייסיק און פערציקשטאָקיקע מויערגיגאַנטן האָבן ארויסגעקוקט צוויי און דריי־שטאָקיקע הייזער, וועמעס געבוי און ארכיטעקטור האָט נאָך געאָטעמט מיט אַלטער ראָמאַנטישקייט, און, ווי דערמאָנט, ווי דערציילט, שעפּטשענדיק אין די אויערן פון די פאַרבייגייער: דאָ האָבן פּאָעטן געשריבן זייערע ליבעס לידער. דאָ אויף אונדזערע ווענט האָבן מאַלער געמאָלן די איידעלע פּיסלעך פון זייערע געליבטע. מיר, מיר זיינען די יאַכסאָנים!...

אַזוי, האָט זיך אויסגעוויזן, טראַכטן און שעפּטשען די הייזער מיט זייערע גאַניקלעך; אַזוי האָבן געטראַכט די קינסטלער, וואָס האָבן דאָרט געוואוינט, צוגעבונדענע מיט סענטימענטאַלן גייסט פון באָהעמישער טראַדיציע; אַזוי פלעגט אויך טראַכטן לאָלאַ, ווען זי פלעגט זיך דערנענטערן צו איר הויז, צו איר בוידעם־שטיבל. לאָלא האָט אָבער געזען ניט נאָר איר בוידעם־שטיבל. זי האָט געזען אויך די הימלקראַצערס, די נעשאָמע פון די הימלקראַצערס.

אָט שטייט א סנאָב — פלעגט זי אַמאָל טראַכטן — א פייער־

קאַסטן אָנגעשטאָפּט מיט געלט. פּאַרריסן דעם האַלדז און קריכט איטלעכן אויפן קאָפּ.

זי פּלעגט ליב האָבן צו קוקן אױף זײ פונדערווייטנס. פון ווייטנס האָבן זיי איר אויסגעזען אימפּאָזאַנטער. נאָענט — זעט מען זיי ניט, ווייטער — זיינען זיי גרויס און ריזיק, אָט פּונקט, ווי גרויסע מענטשן...

לאָלאַ איז געווען אַ מאָלערין מיט אַ באַהעמישער נעשאָמע. אַלע האָבן זי געקאָנט, ווייל לאָלאַ האָט זיך דערוואָרבן אַ נאָמען מיט אירע געוואַגטע מאָלערייען און עקסצענטרישע איינפאַלן. לאָלאַ האָט ליב געהאַט איר שאַפן און איר סטודיאָ איז געווען ווי אַ קליינער מוזעאום. יעדע זאַך האָט באַ איר געהאַט אַ פּאָזע. איעדער ווינקל האָט עפּעס געזאָגט. זי האָט געוואוסט ווי צו באַשאַפן שטימונג און אַריינלעגן אַ געדאַנק. אַזוי אין לעבן און אַזוי אין אירע בילדער. זי האָט ליב געהאַט צו לעבן. שטענדיק אין אַ פייערווערק פון עמאָציעס, אין דעם עקסטאַז פון שאַפן, אין דער וואַקכאַנאַליע און רייץ פון גענוס און דעבאַש. אַלעמאָל אַזוי.

לאָלאַ האָט פיינט געהאַט וואַכנדיקייט, און אַפילע אין איר מאָדערניסטישן שאַפן האָט זי געוואָלט אַריינברייננגען די ראָמאַנטישקייט פון דער פאַרגעסענער באַהעמע. לאָלאַ האָט ניט מוירע געהאַט. ניט געשעמט זיך. איר מיינונג — די איינציקע מיינונג.

שטיל־לעבן איז ניט לעבן — פלעגט זי זאָגן. לעבן איז באַוועגונג. לעבן — איז קאָנפליקט. לעבן איז קאַמף, ליידנשאַפט, בליץ. שטיל־לעבן האָט ניט קיין געדאַנק, קיין אידייע... לעבן! קינסטלער טאָרן ניט מוירע האָבן. קינסטלער מוזן און דאַרפן זיך אָפּשיידן פון דעם פּאָשעטן באַסאַר וועדאָם. אַ קינסטלער מעג זיין אַפילע אַוואַנטוריסטיש, ווייל דאָס, וואָס מענטשן האָבן ליב צו זען אין טרוים, דאַרף דער קינסטלער אַנטפּלעקן ניט בלויז דורך זיין קונסט, נאָר אויך דורך זיין אינערלעכן און אויסערלעכן אויסזען. ווייל מענטשן האָבן אין זייערע טרוימען ליב דאָס אַוואַנטוריסטישע, נייע עמאָציעס, נייע וועלטן — מעגן זיי זיין אַפילע פאַנטאַסטישע וועלטן.

לאָלאַ פלעגט ליב האָבן אַרויסצוגיין שפּאַצירן, און ווען זי

פלעגט זיך פילן גוט און מונטער, פלעגט זי שמייכלען צו יעדן איינעם. פלעגן זיך יענע אָפּשטעלן און וואונדערן זיך: וואָס שמייכלט זי.

אַז זי איז פאַרבייגעגאַנגען אַ הויז און געזען ווי דער דזשעניטאָר קערט און פּוצט, פלעגט זי אים זאָגן: אַ גוט מאָרגן באַי! אַ וואונדערבאַרער טאָג, אַ? פלעגט יענער מיט אַ שמייכל ענטפערן:

— אָ, יעס, מיסס... וואונדערבאַר... — און נאָכקוקן אַ פאַרביינקטער, און דער וואונדערבאַרער טאָג האָט עפּעס אַ זינג געטאָן אין הארצן מיט זיסן טרויער.

קימאַט יעדן טאָג פלעגט זי גיין שפּאַצירן, און יעדן טאָג, קימאַט, פלעגט שוין וואַרטן אויף איר איינער, וואָס האָט שוין פון לאַנג געטראָגן אין זיין הארצן בייִנקשאַפט נאָך איר שמייכל.

ראַסטום האָט ער געהייסן. אַ נעגער, אַ דזשעניטאָר אין דעם הויז געגנאַיבער לאָלאַס שטיבל. יעדן אינדערפרי פלעגט ער שוין שטיין בּאַ דער טיר און וואַרטן אויף לאָלאַן. און דערנאָך אַריינגיין אין קעלער, לייגן זיך אויף זיין בעטל און טרוימען.

ראַסטום האָט אַמאָל געהאַט גרויסע אַמביציעס. ער האָט געטרוימט צו ווערן געבילדעט און גרויס, און דורכגייענדיק אַלע גילגולים אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ, האָט ער סאָף קאָל סאָף דעם טרוים געמוזט אויפגעבן.

ראַסטום האָט ליב געהאַט צו לייענען. און מער פון אַלץ האָט ער ליב געהאַט צו לייענען די ראָמאַנען פון די ווייסע. די ווייסע פרוי האָט פאַרנומען זיין גאַנצע פאַנטאַזיע, זיינע טעג און נעכט.

פון קינדוויים אָן האָט ער געהערט און אויך שוין פיל געלייענט וועגן די לינטשערייען און יעסורים, וואָס זיינע שוואַרצהויטיקע ברידער זיינען אויסגעשטאַנען צוליב דער ווייסער פרוי. פלעגט ער זיך אָפט וואונדערן און טראַכטן און וועלן דערגיין דעם סאָד: וואָס פאַר אַ קישעף ליגט אין זיי, אין די ווייסע פרויען, וואָס מענטשן גייען איין אויף אַזעלכע יעסורים צוליב זיי. און טאָג איין, טאָג אויס האָט אין זיין הארצן און אין זיין בלוט געוואַקסן דער באַגער אויסצוגעפינען דעם סאָד, דעם גרויסן סאָד...

איינמאָל אין אַ וואַרימען ווינטער טאָג, ווען ער איז געשטאַנען אין דרויסן און געריייניקט דעם שניי, האָט ער דערזען לאָלאַן. זי

איז געשטאַנען און געקוקט אויף אים.

— ווילט איר עפּעס, מעם? — האָט ער זי געפרעגט.

זי האָט געקוקט אויף אים, ווי ניט הערנדיק זיין פראַגע און געשמייכלט.

— ווי איז אייער נאָמען?

— ראסטוס, מעם.

— וועל, ראסטוס, ווייסט איר ווער איך בין?

— יעס, מעם. איך ווייס, — האָט זיך אויף ראסטוס'עס פּאָנים אַ שמייכל צעגאָסן. — איר וואוינט אין הויז געגנאַיבער. איר זיינט אַ מאַלערין.

— ריכטיק, מיסטער ראסטוס. וואָלט איר געוואָלט איך זאָל מאָלן פון אייך אַ בילד?

— אָ, מעם. אַוואַדע וואָלט איך געוואָלט.

— קאָנט איר אַרויפקומען מאָרגן אינדערפרי צו מיר אין סטודיע?

— אָ, שור, מעם! איך וועל קומען.

— פאַרגעסט ניט!

זי האָט אַ שמייכל געטאָן און איז אַוועקגעגאַנגען.

אויף דעם צווייטן טאָג, אינדערפרי, איז ראסטוס אַרויפגעקומען אין לאָלאַס סטודיאָ. זי האָט אים געהייסן זיך זעצן, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט. געקוקט אויף די פאַרשידענע בילדער, וואָס זיינען געהאַנגען אויף די ווענט און געפילט, ווי אין זיין האַרצן וואַקסט עפּעס אַ ניי געפיל צו איר. אַ געפיל פון פאַרגעטערטער ליידנשאַפט. און פּלוצים:

— ראסטוס, טוט אויס אייער העמד.

ער האָט אַוויילע געקוקט אויף איר, ווי אַ צעמישטער, ניט פאַרשטאַנען וואָס זי מיינט און אַ פרעג געטאָן:

— אַראָפּנעמען דאָס העמד?

— יע.

ער האָט אָנגעהויבן אַראָפּצוציען דאָס העמד און אין זיין מויאַך האָבן זיך אָנגעהויבן יאָגן מעשוגעדיקע געדאַנקען און בילדער.

לאָלאַ האָט געשניצט אַ בליישטיפט און גאָר ניט געקוקט אויף אים. האָט ער געוואָלט זי זאָל קוקן, אַז זי זאָל זען, ווי זיין העמד

ווערט אראָפּגעצויגן און זיין ברוין שווארץ ליב ווערט ענטבלויזט פאַר אירע מיידלשע אויגן.

און ווען לאָלאַ האָט זיך אומגעקוקט און האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין שטאַרקער נאַקעטער ברוסט, מעסטנדיק מיט די אויגן זיין פיינע מוסקולאַטור, האָט ער געפילט, אַז זי קוקט אויף אים, ווי מען קוקט אויף אַ פעלז, ווי זי וואָלט געקוקט אויף אַ בראָנזענער סטאַטוע, אַ סטאַטוע, וואָס קאָן זיך באַוועגן.

זי איז צוגעגאַנגען צו אים. געשטאַנען אַ ווײַלע. אָנגענומען זיין קאָפּ מיט אירע פינגער און אַ פרעג געטאָן:

— ווי אַלט זיינט איר, ראַסטום?

— פיר־און־צוואַנציק יאָר.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן אַ ווײַלע. געקוקט אויף אים דורך אירע האַלב פאַרמאַכטע אויגן. אַנידערגעזעצט זיך באַם מאַלברעט. ווידער אַקוק געטאָן אויף אים, שטודירנדיק די ליניעס פון זיין פּאָנים און אויסגעבויגענער פּלייצע, צופרידן אַ שמייכל געטאָן:

— זאָגט מיר, ראַסטום, האָט איר ליב צו פאַנטאַזירן, צו טרוימען?

— יעס, מעם... יעס.

— פון וואָס, אַ שטייגער, האָט איר ליב צו טרוימען? וואָס אינטריגירט אייך אַממערסטן?

ראַסטום האָט אויפגעהויבן די אויגן, אַ קוק געטאָן אויף לאָלאַן און גאַרניט געענטפערט.

— שעמט אייך ניט, ראַסטום. רעדט פריי. מיט מיר מעגט איר זיין אָפנהאַרציק און פריי. ווייסט איר פאַרוואָס איך פרעג אייך אוים אַזוי?

— פאַרוואָס?

— ווייל ווען איך נעם עפּעס מאָלן, וויל איך עס אימער מאָלן ניט אַזוי, ווי אַלע זעען עס. איך וויל אַלעמאָל מאָלן דאָס פאַרבאָרגענע. איך וויל מאָלן די נעשאָמע פון דער זאַך, די פאַנ־טאַזיע פון דער זאַך. ס'איז צו לאַנגווײַליק און צו באַנאַל צו זען פערפעקטע פאָטאָגראַפישע קאָפּיעס. דער מענטש האָט ליב צו טרוימען, צו פאַנטאַזירן, און ווען איך נעם עמיצן מאָלן, האָב איך ליב צו וויסן פון וואָס ער טראַכט, פון וואָס ער פאַנטאַזירט, ווייל

דער מענטש איז דאָס פון וואָס ער פאַנטאַזירט. איר פאַרשטייט?

— יעס מעם, איך פאַרשטיי.

— אָט ווייס איך איצט, אַז איר האָט ליב צו טרוימען. האָב איך שוין אַ שטיקל קאָנצעפּציע וואָס איר שטעלט מיט זיך פאָר. איך וואָלט געוואָלט אָבער וויסן פון וואָס האָט איר ליב צו טרוימען. וואָס רעגט אייך אָממערסטן?

— איך ווייס ניט... ווי אַזוי צו זאָגן עס... איך קאָן אייך ניט זאָגן... וועלל... איך האָב ליב צו זיצן באַם אויוון און קלערן און קוקן אַף די ברענענדיקע קוילן, און... עס ווייזט זיך מיר, אַז עמיצער וועט מיך אַמאָל אויך אַזוי אַ כאַפּ טאָן, אַריינוואַרפן אין פייער און איך וועל ברענען. עס כאָלעמט זיך מיר אָפט, אַז איך ברען.

לאָלאַ האָט אימער ליב געהאַט אַראָפּצונידערן אין די טיפעניש פון דער מענטשלעכער נעשאָמע. די נעשאָמע פון דעם נעגער האָט אָבער באַזונדער גערייצט איר נייגעריקייט, ווייל צו זיין נעשאָמע, האָט זיך איר אויסגעוויזן, איז שווערער צוצוקומען.

— ראַסטוס!

— יעס, מעם.

—איך וועל אייך מאָלן, ווי איר שטייט באַם אויוון, באַם פייער.

— יעס מעם.

— וואַרט, וואַרט... איר זעט, איר האָט מיך שוין אָנגעשלאָגן אויף אַן אידייע. איך ווייס נאָך ניט וואָס, אָבער איך גלויב, איך ווייס וואָס דאָס פייער איז. זאָגט מיר נאָר, ראַסטוס...

— יעס, מעם...

—ליידט איר ניט פון דעם, וואָס איר זיינט אַ נעגער?

— יאָ... אַמאָל...

— וואָלט איר געוואָלט זיין ווייס?

— יעס, מעם...

— די וועלט, ראַסטוס, איז באַשאַפן פאַר דעם שוואַרצן פונקט, ווי פאַר דעם ווייסן.

— יעס מעם... צוויי וועלטן... איין וועלט פאַר מיר און איין וועלט פאַר אייך. איך זע זייביידן, און לעבן לעב איך נאָר אין

איינער, נאָר אין מיינער אין דער שוואַרצער וועלט. אָפּט ווייזט זיך מיר אויס, אַז איך ליג אין אַ טונקעלער הייל אונטער דער ערד און עס איז מיר דערלויבט אַרויפצוקומען נאָר בּאַנאַכט, ווען די לעוואָנע שיינט, און בּייטאָג... צו דער זון... צו דער זון טאָר איך ניט אַרויפקוקן. די זון איז פאַר די ווייסע...

— איך גלויב, איך פאַרשטיי אייך, ראַסטוס.

— איך קאָן עס אייך ניט זאָגן פּאָשעט... מיט פּאָשעטע ווערטער, אָבער איך וויל איר זאָלט וויסן, וואָס איך מיין.

— איך גלויב, איך ווייס וואָס איר מיינט.

זי האָט זיך אויפגעהויבן, געשטאַנען אַ ווײַלע פאַרטראַכט.

— ראַסטוס, איך וועל אייך איצט ניט מאָלן, אָבער איך וואָלט געוואָלט אייך מאָלן דאָרט אין קעלער, בּאַם פייער. אויב איר ווילט, קומט נאָך מיר מאָרגן. גוט?

— אָל־רייט, מעם.

— אָל־רייט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ראַסטוס איז געקומען אויפן צווייטן טאָג. זי האָט אים געגעבן צו טראָגן דעם מאָלבּרעט און אַליין גענומען דאָס קעסטל מיט פאַרבּן.

דער קעלער איז געווען אַ גערוימער און אַ ריינער. אין דער טיפקייט איז געשטאַנען דער אויוון מיט זיין אָפן, בּרענענדיקן מויל. אָט, אָט וועט ער זיך איינבּויגן און אַננעמען אַ פול מויל מיט שוואַרצע קוילן, — האָט לאָלאַ אַ טראַכט געטאָן.

ראַסטוס האָט אוועקגעשטעלט דעם מאָלבּרעט און געשוויגן, בּאַוועגט זיך אַזוי לאַנגזאַם, שווער און אַלעמאָל געקוקט אויף דער טיר.

לאָלאַ האָט אַראָפּגענומען איר ראָק, צוגעגאַנגען צום אויוון, געקוקט אויף די גליענדע קוילן און געפילט, ווי עס ציט זי... עס ציט זי אַריין צום פייער. זי האָט גענומען דעם אייזערנעם רוט, וואָס איז געשטאַנען בּאַם אויוון און אָנגעהויבן שאַרן די קוילן. די היץ האָט אַ שלאָג געטאָן אויף איר, אַרומגעכאַפּט איר גאַנצן קערפּער, ווי דערפרייט זיך מיט איר...

און פּלוצים האָט זי זיך אינסטינקטיוו אַ קער געטאָן.

אין דער טונקלקייט, האַלבּ בּאַלויכטן פון דעם רויטלעכן פייער־שיין איז געשטאַנען ראַסטוס אַ נאַקעטער. רויטע פלעקן האָבּן

געשפּילט אויף זיין שווארצען קערפּער... געשפּיגלט זיך אין זיינע אויגן.

אַ דערשראָקענע און אין דערזעלבער צייט, אַ פּאַרקישעפטע איז געשטאַנען לאָלאַ. זי האָט געקוקט און ניט געוואוסט, וואָס עס איז געשען.

אַ נאַקעטער... אַ סטאַטוע פון בראָנז, וואָס האָט אויפגעלעבט מיט פייער.

— ראסטוס!

— מיס לאָלאַ, איך וועל אייך גאָרניט טאָן... שרעקט זיך ניט... הערט מיך נאָר אויס...

— וואָס ווילט איר?

— איך וויל זען אייער נאַקעטקייט, מיס לאָלאַ... נאָר אייער נאַקעטקייט... ווייסע... נאַקעטקייט, וועלכע איך וועל קיינמאָל, קיינ־מאָל ניט בארירן... איך וועל אייך גאָרניט טאָן, מיס לאָלאַ... גאָרניט... נאָר מיט מיין געדאַנק, נאָר מיט מיינע אויגן... נאַקעטקייט נעגן נאַקעטקייט. שווארצע געגן ווייסער. טוט זיך אויס. איך וועל בלויז קוקן... טוט זיך אויס. איך וועל בלויז קוקן.

— ווי וואָגט איר? !

— איר האָט דאָך געזאָגט, אַז איך מעג רעדן צו אייך פריי, ניט מוירע האָבן, ניט שעמען זיך.

אָט דאָס, אָט דאָס, מיס לאָלאַ איז מיין טרוים... מיין צווייטע וועלט. די ווייסע פרוי, וועלכע איך וועל קיינמאָל, קיינמאָל ניט האָבן. די זון, מיס לאָלאַ... מיס לאָלאַ...

— ווייסט איר וואָס איר טוט? ווייסט איר אַז...

— איך ווייס, איך ווייס... נאָך היינט ביינאַכט, עפּשער, וועט מיין קערפּער צעריסן ווערן אויף שטיקער און מיין פליייש, קאָן זיין, וועט זיך בראָטן אויפן פייער, ווען איר וועט נאָר אַ געשריי טאָן, אָבער, זאָל איך צעריסן ווערן, מיס לאָלאַ, אויב איר וועט עס וועלן. איצט וויל איך נאָר קוקן... נאָר קוקן אויף אייך...

לאָלאַ האָט דערפילט ווי די היץ פון אויוון כאַפּט זי אַרום, טראָגט זי אויף הייסע כוואַליעס. אָט שטייט ער, ווי דער טייוול דאָרט, דער ראסטוס, דער טייוול פון טיפע היילן אויף וועמעס לייב עס שפּילן זיך צונגנען פייער.

נאָר קוקן, נאָר קוקן... וואָס האָט זי מוירע? דער אָרעמער, דער שוואַרצער טייוול וויל אַ בליק טאָן אויף דער זון... אין גע־דאַנק... בלויז אין געדאַנק, אין דער שיין פון נאַקעטקייט באַהעפטן זיך מיט דעם מאַלעך... מיט דער ווייסער פרוי.

וואַג! ניין, ניין, היט זיך! וואַג! וואַג! דער רוט, דער אייזערנער צעגליטער רוט איז דאָ... האָב קיין מוירע, וואַג! פּראַל אויף זיין שוואַרצע הייל אויף אַ מינוט און זאָל דער שטראַל, — זיין טרוים אַ שיין טאָן פאַר זיינע אויגן. וואַג!

און אין דער טונקלקייט פון קעלער, באַ דער רויטער שיין פון פלאַמענדיקן אויוון, האָט לאַלאַס נאַקעטער קערפּער אַ בלענד געטאָן אין די אויגן פון דעם שוואַרצהויטיקן. און, ווי אַ פאַרברענטער פון טייוועס איז ער געפאַלן אויף דער ערד... געקושט די פינגער פון אירע ווייסע נאַקעטע פיס, און זיין געוויין האָט זיך געריסן פון זיין ביינקעכדיקן האַרץ, ווי פון אַ טיפער שוואַרצער הייל...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מאַניש האָט שוין פון לאַנג פאַרענדיקט דאָס שרייבן, ער איז אָבער נאָך אַלץ געזעסן אין דער טונקלקייט פון דער סטודיאָ, געווייכערט, געקוקט אויף דער בילד „ראַסטום“, געטראַכט פון דער לעבעדיקער עקסצענטרישער לאַלאַ און פון זיך — אַלס פאַנטאַס־טישן ראַסטום.



אין יענע טעג...

# אין וואַגאָן

מיט שמאָלע גאַסן, ווי מיט אויסגעדאַרטע שוואַרצע הענט, האָט זיך דאָס שטעטל איינגעקלאַמערט אין זאַוואָד. די אויגן פון דעם זאַוואָד — די ריזיקע פּיערדיקע אויוונס זיינען אָבער אויסגעלאָשן געוואָרן; די צעגליטע מעטאַלענע מאַסטע איז אַנטרונען און דאָס שטעטל איז געבליבן ליגן, ווי אַן אויסגעדאַרטער הונגעריקער קערפּער.

די אַרבעטער און מעטאַליסטן, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן אין שטעטל, האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט אַפּאַטיש, געקוקט אויף די הויכע קוימענס, געביינקט נאָך די וואָלקנס רויך, געבלאָנדזשעט און געוואַרט.

היינט האָבן די רויטע פאַרנומען דאָס שטעטל, און מאָרגן די ווייסע. און אַז עס האָט געטראָפן, אַז אי די רויטע אי די ווייסע האָבן זיך אָפּגעצויגן, איז דאָס שטעטל געבליבן ליגן, ווי אַ ניט באַערדיקטער מעס אויף אַ וויסטן פעלד. דאַן פלעגן זיך אַריינרייסן באַנדיטן, ווי שוואַרצע קראָען און רייסן שטיקער פון די לעבעדיקע מייסים.

די גרופּע מעטאַליסטן, וועלכע פלעגן אויפלעבן מיטן אַריינקומען פון די רויטע, פלעגן פאַרשווינדן צוזאַמען מיט זיי. בלייבן פלעגן די עלטערע, די מידע און די קראַנקע, און די אַנטוישטע, וועלכע האָבן שוין קיין קויאַך ניט געהאַט צו וואַרפן זיך פון איין פראָנט אויפן צווייטן, צו לעבן אין שמוץ און אויפגעגעסן ווערן פון לייז.

אויך איצט מיטן אַוועקגיין פון די רויטע, איז דאָס בלוט ווי אָפּגעצאַפּט געוואָרן. ביינאַכט זיינען אַריינגעקומען די ווייסע.

און אינדערפרי האָט מען שוין געלייענט אויף דעם מאַרק דעם אַזוי באַקאַנטן באַפעל, אַז אַלע מענער פון זיבעצן ביז פינף און פופציק יאָר זאָלן זיך מעלדן צום קאָמענדאַנט אויף דעם וואָקזאַל. דער באַפעל האָט זיך, ווי געוויינלעך, געענדיקט מיט דער וואָרנונג, אַז דיזאָזיקע וועלכע וועלן זיך ניט מעלדן וועלן באַשטראָפט ווערן מיט טויט.

דאָס שטעטל איז שוין געוואוינט געווען צו צאָלן קאָנטריבו־

ציעס צו יעדן גענעראַל און יעדן אַטאַמאַן; צו מאָביליזירן זיך, מעלדן זיך און פאַרנאַנדערלויפן זיך. דאָס מאָל, אָבער, האָט די לאַגע אויסגעזען ערנסטער. אין דער לופט האָט זיך שוין געפילט אַ קאַטאַסטראָפע. די ווייסע אַרמיי האָט זיך שוין געגליטשט אַראָפּ... אַראָפּ צום שוואַרצן יאַם... צום שוואַרצן טויט. האָט מען מוירע געהאַט. ס'איז געווען לייכטער אומצוקומען אין אייגענעם הויז פון די דעזאָרגאַניזירטע סאָלדאַטן, ווי אויפן פראָנט אונטערן פייער פון די קוילנוואַרפער. ניט געווען קיין קויאַך און קיין צייט צו טראַכטן.

מ'וועט גיין.

און מענער יונגע און אַלטע האָבן זיך אין דעם זעלבן טאָג פאַרזאַמלט אויף דעם וואָקזאַל. אַ געשטופּלטער אָפיצער מיט בלוטיקע אויגן האָט זיי צוזאַמענגעשטופּט אין אַ פראַכט וואַגאָן, פאַרמאַכט די טירן און אַוועקגעגאַנגען.

אויך טעלעגין, דער סעקרעטאַר פון די מעטאַליסטן, איז געווען אין וואַגאָן. ער איז געשטאַנען אין אַ זייט, געקוקט מיט זיינע מידע קלוגע אויגן; געפּרוווט אַרומנעמען מיט זיין געדאַנק דעם מענטשלעכן צער, צוזאַמענפּרעסן ביי זיך אין האַרצן דעם גאַנצן אומעט און פּיין פון דער וועלט און פאַרשוואונדן אַזוי ווי אַמעטעאָר ערגעץ אין דער אומענדלעכער פוסטקייט...

טיף אין האַרצן, אָבער, האָט ער געגלויבט... געגלויבט, אַז דער טאָג וועט קומען, די באָלשעוויקעס וועלן פאַרטרייבן די ווייסע, אויסראַמען די באַנדעס, איינפירן פרידן אין רו אין לאַנד, און די אָרעמע אַרבעטער וועלן אויפלעבן, אַרויסרייסן זיך צו דער ליכטיקער וועלט און געניסן פון דער פרייהייט פאַר וועלכער ער קעמפט... אָבער וויפיל בלוט פאַרגיסונג... וויפיל קאָרבאָנעס. אַך, אָרעמע מענטשהייט.

זיין בליק האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אויף די פאַרזאַמלטע אין וואַגאָן. ער קאָן זיי אַלע. אָט דעם אַלטן מיט די צוויי אָפּגעהאַקטע פינגער, וואָס האָט זיין לעבן אָפּגעלעבט ביי די פאַרטויבנדע מאַשינען, ביי די פייערדיקע אויוונס וואו עס גיסט זיך די מעטאַלענע פליסיקייט. און זיין האַלב פּאַראַליזירטער זון לעבן אים, וואָס איז קראַנק געוואָרן, בלאָנדזשענדיק צוויי טעג אין אַ שאַכטע, וואו

מ׳האָט אים פאַרגעסן. וויפיל טעג האָט ער פאַרבראַכט אין דער טיפעניש פון דער ערד אָן לופט, א האלב נאַקעטער... געריסן שטי־קער פון דער ערד און געשיקט דאָס שווארצע גאָלד אַרויף צו דער ליכטיקער וועלט.

אָט זיצט דאָרטן גאַלקא. אַמאָל דער פרייליכסטער יאָט אין זאַוואָד. זיין ברודער האָבן די ווייסע אויפגעהאַנגען. זיצט ער איצט א מאָרעשכוירעדיקער...

און אָט שטייט בעלאָף מיט זיין קינדערישן פּאָנים; דאָנעץ, וואָס איז אימער דער ערשטער אין א געשלעג; בולבאַ, קאַוואַטש... אַלע, אַלע קאָן ער זיי, און זיי קאָנען דאָך אים אַוואָדע. ער ווייס, זיי פילן זיך זיכערער, מוטיקער, ווייל ער, טעלעגין איז מיט זיי. ער איז דאָך דער אומערשראָקענער געוויסנפולער קעמפּער־רעוואָ־לוציאָנער... מיט אים וועלן זיי ניט פאַרפאַלן ווערן.

באַלד פינף שטונדן, אַז זיי זיצן אַזוי אין וואַגאָן, שטיקנדיק זיך מיט דער שווערער לופט, צענויפגעפּרעסטע, הונגעריקע און פאַרשמאַכטע.

זאָל כאָטש דער צוג אָנהויבן גיין. זאָל עפּעס געשען, נאָר ניט שטיין שטונדנלאַנג און וואַרטן...

דער וואַגאָן האָט פּלוצים א טרייסל געטאָן, די קייטן האָבן א קלונג געטאָן.

מ׳פאָרט. ענדלעך...

און דער געדאַנק, אַז מען פאָרט האָט אויף א ווײַלע, ווי אָפּגעפרישט די לופט און די הערצער האָבן עפּעס אַזוי מאָדנע א קלאַפּ געטאָן....

דורך די שפּאַרינעס אין די ווענט פון וואַגאָן האָט מען געזען ווי עס פאַלט א שניי. א ווייסער שניי און דעם גרויען פאַרנאַכט. וויפיל טרויער האָבן די שטיקלעך שניי געוועקט... וויפיל געדאַנקען... א שנייעלע — א געדאַנק, א געדאַנק — א שנייעלע. אָט געוועזן און צעגאַנגען.

עס איז פינצטער געוואָרן. עמיצער האָט אָנגעצונדן א לאַמ־טערן, וואָס האָט מער געטשאַדעט ווי געבערענט. די פּאַרע און דער שוויים פון די קערפּערס און דער רויך פון די ציגאַרן האָט געשטיקט און געוואָרגן. עמיצער האָט אָבער אויסגעפונען, אַז די טיר פון

דעם וואגאָן איז ניט פאַרשלאָסן. האָט מען זי אויפגערוקט אַביסל, מער האָט מען ניט געקאָנט. אַ פריש ווינטל האָט קוים געקאָנט באַקעמפן און אַרויסיאָגן אַביסל די שטיקנדע לופט. האָבן זיך אַלע אַ ריס געטאָן צו דער טיר. יונגע און אַלטע. אומזיסט. צו ענג, צו שווער דורכצושטופן זיך. האָט מען געשטרעקט די קעפּ נאָך אַביסל לופט צו דערקוויקן די לונגען.

טעלעגין האָט איינגעדרימלט, ניט געוואוסט ווי לאַנג ער איז געשלאָפן אַזוי. פּלוצים האָט ער דערהערט אַ טומל אין דער צווייטער זייט פון וואַגאָן.

עמיצער האָט זיך געבעטן. עמיצער האָט געלאַכט.

— די זשידעס... זיי קומט אַלץ — האָט ער דערהערט.

ער האָט דערקאָנט לעבעדעווס שטימע. אַן אַמאָליקער אָפּיצער, בלינד אויף אַן אויג, אַ מאָרפיניסט און דעגענעראַט.

— איך בעט אייך, לאָזט מיר צו דער טיר... איך בין קראַנק, איך וועל דערשטיקט.

— לאָזט אים... לאָזט אים... כע! מאַכט וועג פאַרן זשיד, כאַ, כאַ!

— לאָזט...

— זעט, זעט... ער שטופּט זיך דאָך גאָר... ער שלאָגט זיך דאָך.

— באַנדיט! מערזאַוועץ! — האָט זיך דערטראָגן צו טעלעגינען.

— גאָראָוויץ — האָט ער אים דערקאָנט, — ער איז דער איינציקער פון די עטלעכע אידן אין זאַוואָד, וואָס וואַגט צו קעמפן און האַלטן זיך שטאָלץ. אַ בראַווער באָכער, אָבער... ,

טעלעגין האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז ער האָט פיינט גאָראָוויצן. פאַרוואָס האָט ער ניט געוואוסט. גאָראָוויץ איז אָנגעקומען אין זאַוואָד נאָך אין זיבעצנטן יאָר און מיט זיין האַלטן זיך, מיט זיין שאַרפן מויאַך און צונג האָט ער גלייך פאַרנומען אַן אָנגעזעענע פּלאַץ בײַ די מעטאַליסטן. און טעלעגינען פלעגט זיך אָפט אויסווייזן, אַז דער איד גאָראָוויץ וועט אים פאַררוקן אין אַ זייט און אַליין פאַרנעמען דעם אויבן אָן. ס'איז אָבער ניט געשען.

גאָראָוויץ האָט געוואוסט, ווי צו האַנדלען. ער האָט געוואוסט

און פארשטאַנען די פּסיכאָלאָגיע פון מענטשן און אָפּגעטראָטן פון דער פּאָזיציע, וואָס ער האָט פאַרנומען. טעלעגין האָט אָבער אויך פאַרשטאַנען דעם מאַנעוור און אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט, אויס־געמישט אין דער זעלבער צייט מיט בייזקייט און פאַרדרוס, האָט געהערשט אין זיין האַרצן. — אַ איד, אַ איד איז דאָך עפּעס אַן אַנדערער מענטש, אַן אַנדערע קאָמפּליצירטע ניט פאַרשטענדלעכע נאַטור, — פלעגט ער אַמאָל אַ טראַכט טאָן און גלייך פאַרשטויסן פון זיך דעם געדאַנק. — אַ איד, אַ איד איז גלייך ווי אַלע מענטשן — קיין אונטערשייד.

און איצט ווען טעלעגין האָט דערהערט, ווי גאָראַוויץ קריגט זיך מיט די אַרומיקע, ווען ער האָט דערהערט דאָס וואָרט „זשיד" האָט עס אים אויף אַ רגע אויפגעטראָגן, אָבער באַלד האָט אים עפּעס אַ שטאַרקער געפיל, ווי צוגעשמידט צום פּלאַץ. ער האָט געוואָלט נאָך און נאָך הערן זידלערייען, שמוציקע ווערטער... עפּעס האָט אים ווי געצויגן אַראָפּ, אַראָפּ... ער האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין און דאָך געזעסן און געשוויגן, געקוקט אין יענעם ווינקל פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן אַ גיפטיקע שטימונג.

— אין דו, זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ, ביזט פון פּראַנט אַנטלאָפן.

— האָט טעלעגין ווידער דערהערט. — וויפיל האָסטו באַצאָלט, מ'זאָל דיך אַרויפנעמען אויף דעם זאַוואָד?

— אַ ליגן, אַ ליגן! — האָט גאָראַוויץ אין אויפרעגונג אויפ־געריסן זיין העמד אויף דער ברוסט. — קוק! קוק אויף מיינע וואונדן, וואָס איך האָב באַקומען פאַרטיידנדיק דיין לאַנד! קוק!

— אַ, וואָס קריגט איר זיך נאַרישע מענטשן, — האָט זיך אַן אַרבעטער אָנגערופן.

— ער וואָרט מיט אומגעדולד אויף די רויטע, — האָט לעבעדעוו געלאַכט גיפטיק. — אַ קאָמיסאַר וויל ער ווערן. איך קאָן זיי די זשי־דעס. כאַ־כאַ־כאַ! איך וועל אייך דערציילן, ווי מיר האָבן אַזאַ זשיד אָנ־געלערנט. מיר זיינען דעמאָלט אין באַכמוט געשטאַנען, און אין יע־נעם טאָג האָבן מיר באַדאַרפט עוואַקואירן. האָב איך געפילט, ווי אויפצוהייגנען אַ פּאָר זשידעס. מיינע הענט האָבן מיר פּאַשעט געביסן... וואו נעמט מען אַ זשיד. פּלוצים הער איך מ'שפּילט אויף אַ פּיאַנאָ. טראַכט איך מיר: דאָס מוז זיין אַ זשיד, וואָרום

ווער וועט זיך פרייען און שפּילן, ווען מיר טרעטן אָפּ. — קומט ברידער, — זאָג איך צו די צוויי אָפּיצערן, וואָס זיינען געווען מיט מיר, — לאָמיר זען, ווער דער שפּילער איז. מיר קומען אריין, זיצט אזא מין זשיד און שפּילט „יאבלאָטשקא". אין דער נאָז זיינער האָב איך דערקאָנט, אז ער איז א זשיד. — וואָס שפּילסטו, — פרעג איך אים, — פרייסט זיך וואָס די רויטע קומען? ענטפערט ער גאָרניט, און לאָזט זיך אזוי מיט א זייטל ארויס פון שטוב. האָט זיך דערשראָקן דער הינטישער זון. — שטיי, — זאָג איך צו אים, — ווער ביזטו, א זשיד? — איך בין א סטודענט, — זאָגט ער, און שווערט זיך, דער הינטישער זון, אז ער ווייסט ניט אז מיר טרעטן אָפּ. אָך, ברידערלעך, אז מיר האָבן אים גענומען שניידן און האקן מיט די שאשקעס! שטיקער פלייש זיינען געפלויגן, ריטש־קעס בלוט האָבן גערונען! עך...

— סוואָלאָטש — האָט גאָראָוויץ אויסגעשריגן. — שעמען וואָלסטו זיך באדארפט, דו מיעסער פּאָגראָמשטשיק! באנדיט...

אין וואגאָן איז געוואָרן שטיל. אלע האָבן געפילט, אז לע־בעדעוו האָט אביסל איבערגעבאפט די מאָס און צופיל געפלוידערט.

— סוואָלאָטש?! באנדיט?! האָט לעבעדעוו מיט רעציכע א זעץ געטאָן גאָראָוויצן אין פּאָנים. — סוואָלאָטש? איך וועל דיך ווי א געפייגערטן הונט ארויסווארפן פון דאנען, דו זשיד!

— א, איך ווייס, ס'איז בא דיר קיין נייעס ניט שליידערן אידן פון וואגאָנען, — האָט גאָראָוויץ געענטפערט, אפּווישנדיק דאָס בלוט פון פּאָנים.

— רייד, רייד נאָך אביסל, וועל איך דיר...

— לאָזט מיר צו דער טיר, איך וויל ניט זיצן דאָ לעבן דעם כוליגאַן, — האָט גאָראָוויץ געפּרואווט זיך דורכשטופּן.

קיינער האָט זיך אָבער פון אָרט ניט גערירט.

— אלע קאָנען ניט זיצן באַ דער טיר, — האָט זיך איינער אָפּ־גערופן. — איך וואָלט אויך געוואָלט זיצן באַ דער טיר. זיץ, וואו דו זיצט, און מאַך ניט קיין טאַראַראַם. ס'איז דיר ניט א סינאַגאָגע.

— כאַווײרים, — האָט גאָראָוויץ עפּעס זאָגן.

— כאַווײרים! וואָסערע כאַווײרים?! — האָט אים לעבעדעוו נאָכגעקרימט, און גענומען ריידן מיט א אידישן אקצענט עפּעס א

קאַנגלאָמעראַט פון אידישע, רוסישע און אוקראַינישע ווערטער.

— כאַ, כאַ, כאַ! — האָבן זיך די אַרומיקע צעלאַכט.

— גאָספּאָדאַ, — האָט גאַראַוויץ אַ ברענענדיקער אויסגעשריגן.

— איר זיצט דאָ אַלע און זעט צו, ווי אַ כאַם באַליידיקט אַ מענטשן און איר שווייגט. שעמט אייך...

— אַ כאַם בין איך, אַ? נאַ! נאַ! — און לעבעדעוו האָט זיך איינגעגראָבן אין גאַראַוויטצעס פּאָנים מיט זיינע שאַרפע שמוציקע נעגל. — שלאָגט אים, ברידערלעך, שלאָגט אים דעם זשידיוגאַ, — האָט ער געסאָפּעט, — וואַרפט אים אַרויס! אַרויס פון וואַגאָן!...

נאָך עטלעכע הענט האָבן זיך פּלוצים איינגעגראָבן אין גאַראַוויטצעס לייב. עמיצער האָט אים אַ זעץ געטאָן מיט עפּעס אין קאָפּ, און אַן איבעררײַשטער, אַ פאַרנעבלטער פון דער אומדערוואַרטעטער אַטאַקע, האָט ער דערפילט, ווי מ׳הייבט אים אין דער לופטן, ווי מען שטופּט אים און מ׳וואַרפט אים איבער קעפּ און לייבער. ראַנגלענדיק זיך ווי אַ וואַנזיניקער און פילנדיק שוין דעם קאַלטן ווינט אויף זיין צעהיצטן פאַרבלוטיקטן פּאָנים, האָט ער זיך איינגעקלאַמערט מיט די פינגער אין דער טיר, אָבער אומזיסט... הענט האָבן אים געשלעפּט, געריסן און געשטופּט אַראָפּ... אַראָפּ...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איינגראָבנדיק זיין פּאָנים אין די הענט, איז טעלעגין געזעסן און געטראַכט.

עפּעס איז פאָרגעקומען און גלייך ווי גאַרניט געווען. אָט זיצן זיי דאָ אַלע, ווער עס רויכערט, ווער עס דרימלט, ווער עס רעדט... עפּעס איז דאָך געשען... מ׳האָט דאָך אַ מענטשן אַראָפּגעוואָרפן פון לויפנדיקן צוג, אַ לעבעדיקן מענטשן... טאָ פאַרוואָס זיינען זיי אַזוי רואיק? עפּשער ליגט ער דאָרט אַ פאַרפראָרענער, אַ דערהאַרגעטער אין שניי?... נו, און ער אַליין, פאַרוואָס איז ער געזעסן און צוגעקוקט און געשוויגן? האָט ער קיין מוט געהאַט, אָדער... אַ, ניין, ניין, ער איז ניט קיין אַנטיסעמיט, טאָ פאַרוואָס, פאַרוואָס?! זאָל ער איצט אַרויסזאָגן, אַרויסשרייען זיין פאַראַכטונג צו זיי פאַר זייער גרויזאַמן טאַט?... צו שפּעט. איצט וועט עס דאָך קלינגען פאַלש. עס וועט מיינען באַרואיקן, באַפרידיקן דעם אייגענעם געוויסן; עס וועט שוין אָבער ניט זיין קיין פּראָטעסט, קיין געשריי פון דעם

הארצן. פריער, פריער האָט ער עס באַדאַרפט טאָן, ניט איצט, נאָך דיינקעניש און טראַכטעניש. עך! ...

דאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן, און מיט גרויס מי דורכגעשטופט זיך צו לעבעדעוון.

— פאַרוואָס האָסטו גאַראַוויצן אַרויסגעוואָרפן פון וואַגאָן? — האָט ער אים געפרעגט.

— ווייל ער איז אַ זשיד. — האָט לעבעדעוו געענטפערט.

— האָט ער דיר עפּעס שלעכטס געטאָן?

— ניטאָ קיין גוטער מענטש צווישן די זשידעס. אַ פאַרשאָלטע־נע נאַציע.

— דיינקסטו, אַז דו ביזט בעסער פון אים?

— כאַ, כאַ, כאַ! — האָט זיך לעבעדעוו צעלאַכט. — איך בין אַ געוועזענער אָפיצער. אַוואַדע בין איך בעסער.

— מיט וואָס ביזטו בעסער? לאָמיר הערן. וואָס פאַר אַ גוטעס האָסטו געטאָן פאַר דער מענטשהייט. וואָס זיינען דיינע פאַרדינסטן פאַר דער געזעלשאַפט?

— הער, דו! — האָט זיך לעבעדעוו צעבייזערט. — וואָס ביזטו צוגעשטאַנען. וואָס נעמסטו זיך עפּעס אָן פאַר אַ זשיד... ווער טשעפּעט דיך? ...

— דו, און נאָך אַזעלכע ווי דו זיינען בלוטיקע פלעקן אויף דעם געוויסן פון רוסישן פאָלק. — האָט טעלעגין געזאָגט.

— דער מאַמען דיינער... — האָט לעבעדעוו אַ פייף געטאָן. דאָ איז דיר ניט דער זאַוואָד, און ניט קיין מיטינג.

— און וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען איך נעם דיך אָן אָט אַזוי, און שלייַדער דיך אַרויס פון וואַגאָן?

— פּרואוו און טו עס.

— כאַוויירים, — האָט זיך טעלעגין געווענדעט צו די אַרבעטער. — אָט דער סוואָלאָטש איז אַ כאַיע אין געשטאַלט פון מענטשן. אַזאַ נעפעש האָט ניט קיין רעכט צו לעבן אויף דער וועלט. לאָמיר אים אַרויסוואַרפן פון דאַנען. העלפט מיר!

שטיל. קיינער האָט זיך ניט גערירט. קיינער האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט.

— כאַוויירים, — איז טעלעגין בלייך געוואָרן. — איר קאָנט

מיך. איר ווייסט איך בין ניט קיין מערדער. איר האָט געזען, ווי איך האָב פיל מאָל געאָפּפערט מיין פרייהייט און לעבן פּאַרטיידיק־נדיק אייך. איצט וויל איך, אַז לעבעדעוו זאָל פאַרזוכן אויף זיין איינענער פעל דאָס, וואָס ער האָט געטאָן מיט אַנדערע, און איך נעם דאָס אויף מיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט און געוויסן.

— גיי, מאַך זיך ניט נאַריש, טעלעגין, — האָט זיך עמיצער אָפּגערופן.

— איך בין נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי ערנסט, ווי איצט, — האָט טעלעגין געזאָגט. — איך ווייס, וואָס איך וויל און וואָס איך וועל טאָן. אַרויס! — האָט ער אַ כאַפּ געטאָן לעבעדעוון ביים האַלדז, און גענומען שלעפּן אים צו דער טיר.

לעבעדעוו אָבער האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיינע הענט און מיטן קאָפּ אַ זעץ געטאָן אין טעלעגינס בויך.

טעלעגין איז אַנידערגעפאַלן. געהערט עמיצער לאַכט.

— אַי, לעבעדעוו, כאַ, כאַ, כאַ!

מיט פאַרקלעמטע ציין איז טעלעגין געזעסן אַ ווייַלע, אויפגע־הויבן זיך אין שטיל געזאָגט.

— אַזוי... אַזוי כאַווירים. אָט דער באַנדיט מיט זיינע בלוטי־קע הענט האָט אַזוי לייכט אַרויסגערופן ביי אייך דאָס כאַיעשע, פאַרשיקערט אייך מיט האַס און איר האָט אַן אומשולדיקן מענטשן אומגעבראַכט. און איך, וועלכער קעמפט פאַר אייער פרייהייט, וועל־כער לעבט מיט נאָבעלע אידייען און בין ניט קיין באַנדיט, — איך האָב ניט געקאָנט אַרויסרופן באַ אייך דאָס כאַיעשע. מוז איך אויך זיין אַ כאַיע קעדיי אַרויסצורופן ביי אייך דעם דורשט נאָך בלוט, אָדער, דורשט איר נאָר נאָך אידיש בלוט? אַנטיסעמיטן!...

— אַ, איך ווייס ניט וואָס ער באַקלאָגט זיך אַזוי, — האָט אים אַ בייזע שטימע אָפּגעענטפערט. — אַזאַ צייט און באַסטאַ.

— וואַרט, ברידערלעך, וואַרט, — האָט זיך לעבעדעוו אָפּגערופן. — מיר וועלן קומען קיין באַכמוט, וועט איר הערן, וואָס דער קעמ־פער פאַר פרייהייט וועט דאָרט זאָגן. מיט מיינע אייגענע הענט וועל איך אים אַרויפציען אויף אַ טעלעגראַפישן סטאָלב און זאָל ער זיך דאָרט היידען און וואַרטן אָף טראָצקין. כע, כע, מיר האָבן שוין געזען אַזעלכע...

א קנאַל פון א רעוואָלווער האָט פּלוצים פאַרטויבט זיינע ווערטער.

ווען דער רייך איז זיך צעגאַנגען, און דער טומל האָט זיך איינגעשטילט האָט טעלעגין געזאָגט:

— איצט נעמט און וואַרפט אים אַרויס.

עטלעכע הענט האָבן געהאַרכזאַם גענומען לעבעדעווס קערפּער, צוגעשלעפּט אים צו דער טיר און אַרויסגעוואָרפן.

טעלעגין איז געשטאַנען ביי דער טיר מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט און געפלאַמט אין פיבערהאַפטער אויפרעגונג.

א צעהיצטער קאָפּ דער טעלעגין, — האָט ער דערהערט. — פאַר גאַראָווויצן האָט ער זיך אָנגענומען, מיינט איר? א ליגן. פאַר־וואָס האָט ער געשוויגן ווען מ'האָט אים אַרויסגעוואָרפן? ניין, ניט גאַראָוויצעס קריוודע האָט ער זיך אָנגענומען, פאַטערל. זיין בלוט האָט איבגעזאָדן, ווייל ער איז א היציקער. כע, ער וועט זיך הוידען אויף א סטאָלב און וואַרטן אויף טראַצקין, כע, כע, אזוי קומט אים דעם סוואָלאָטש. אויך מיר אן אָפּיצער! קאַפּוט אזעלכע, און באַסטאַ!

טעלעגין איז נאָך לאַנג געשטאַנען ביי דער טיר פון וואַגאָן.

דער ווינט און שניי האָבן געשלאָגן אין זיין אַנטבלויזטן קאָפּ און פּאָנים און ניט געקאָנט אָפּקילן דאָס ברויזנדע בלוט.

געדאַנקען האָבן זיך געשטופּט, געפלאָכטן אין זיין קאָפּ, און געזוכט אן אויסגאַנג, אן ענטפער אויף דער פראַגע: וואָס האָט אים געשטויסן דאָס צו טאָן... וואָס האָט אים געשטויסן...

# דער טולופ

אין דרויסן האָט געברענט דער פראָסט. דער פאַרנאַכט האָט אַריינגעקוקט דורך די פאַרפרוירענע פענצטער, און אַ אומעט האָט אַרומגעכאַפּט כאַיוטינען.

ער איז ערשט אַהיים געקומען. אַרומגעשלעפּט זיך פון איין באַקאַנטן צום צווייטן. וויפיל קאָן מען אָבער זיצן באַ יענעם, און וויפיל קאָן מען אַזוי אַרומגיין. איז ער צוריקגעגאַנגען צו דער שו־לע, אַריינגעגאַנגען אין קלאַס, וואו ער האָט אַמאָל געלערנט מיט די קינדער. דאָס איז איצט געווען זיין היים. ער האָט זיך אַנידער־געזעצט באַ דער קאַלטער הרובע און געטראַכט. אייגנטלעך, האָט מען ניט געקאָנט זאָגן, אַז ער טראַכט, וויל די געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט אין זיין מויאַך אָן שום צוזאַמענהאַנג. נאָר בילדער האָבן ווי אַף אַן אָנזעבאַרן עקראַן געביטן זיך איינע נאָך דער צווייטער. זוניקע טעג אין הילכיקע קינדערלעך געשרייען. זיין צימער באַ זיינע פריינד, וואו ער האָט געוואוינט... דער טיפּוס, ווי אַ שוואַר־צער גייסט... זייער טויט... סאָלדאַטן, ביקסן, האַרמאַטן... דערנאָך דער הונגער, דערנאָך די קעלט... דערנאָך די עלנטקייט... אָך, די עלנטקייט! איצט איז ער אַליין. איינער אַליין. אימער געשלעפּט זיך אַליין פון דאָרף צו דאָרף, פון שטעטל צו שטעטל. איצט איז ער אַליין... קיין געלט האָט ער ניט. דאָס שטעטל איז מער גויאיש ווי אידיש. איינגאַנצן אַ פופצן קינדער געווען. איצט איז קיינער ניט געבליבן. וואָלט ער יונג געווען, וואָלט ער ערגעץ אַוועק. וואוהין קאָן ער אָבער גיין, אַז ער איז שוין אַלט... און די וועלט איז איצט פאַרגאָסן מיט בלוט. וואוהין?

איז ער געבליבן אין דער שולע. די היים, וואו ער האָט פריער געוואוינט, האָט מען פאַרנומען פאַר אַ סאָוועטישן אַנשטאַלט. טאָ, וואוהין זאָל ער גיין? עמעס, מ'האָט אים געוואָלט אַריינשטופּן אין אַ הויז צו אַ געוועזענעם בורזשוי. אָבער ער האָט ניט געוואָלט. ס'האָט זיך אים געדוכט, אַז ווען ער פאַנעמט באַ יענעם אַ צימער, וואָלט

ער געפילט גלייך, ווי ער וואָלט אַריינגעקראָכן צו יענעם אין בעט. אזא נאַטור האָט ער שוין. ער וויל ניט יענעמס. יענער האָט טאַקע געהאַט גענוג, און ער, כאַיוטין האָט זיין לעבן אָפּגעשוואַרצט, קיינמאָל זאַט ניט געווען. און ער פאַרטראַכט זיך אָפּט וועגן די באָלשעוויקעס, אַז זיי זיינען עפּשער גערעכט, וואָס זיי האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו דער וועלט, איבערבויען זי אויף נייע יעסוידעס... אַז קיין אָרעמע און קיין רייכע זאָלן ניט זיין... אָבער דערווייל הונגערט ער. און עס וואָלט אים ניט געאַרט אַזוי דאָס הונגערן, ווי די קעלט. די קעלט איז גאָר ניט איבערצוטראָגן.

בייטאָג גייט ער אַרום, פון איין הויז צום צווייטן. דאָ אַ גלעזל טיי אין דאָרט אַ שטיקל ברויט. ווען ס'קומט אָבער דער אָוונט, דרינגט די קעלט אַריין אין זיינע ביינער אַריין. ער האָט שוין צעבראָכן דעם פּאַרקן בא דער שולע, און אויסגעהייצט אין דער הרובע מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט. ער האָט פאַרשטאָפּט די לעכער אין די פענצטער און אין דער טיר מיט שמאַטעס און מיט פּאַפּיר... און ס'האָט ניט געהאָלפן. די קעלט איז ווי אַף צולעהאַכעס געוואָרן נאָך גיפטיקער.

ביינאַכט פלעגט ער זיך צענויפקאָרטשן אַף די בענק, וואו ער איז געשלאָפן, און אינדערפרי פלעגט ער מיט קיין אייווער ניט קאָנען רירן. אַזוי זיינען געקראָכן די טעג, און דער פרילינג איז נאָך געווען ווייט, ווייט...

כאַיוטין איז געזעסן ביי דער קאַלטער הרובע, געקוקט אַף די פאַרפרוירענע פענצטער, אַף זיינע געשוואָלענע הענט און פיס: — פאַר־וואָס האָב איך ניט קיין וואַרים נעלעגער? פאַרוואָס דאַרף איך הונגערן?

— ווייל דו ביזט אַ שוואַכינקער — האָט ער זיך אַליין גע־ענטפערט. —ווייל דו ביזט אימער געווען אַ שמאַטע... ווייל אימער האָט עמיצער געטראָטן דיך מיט די פיס, און דו ביזט געווען גוט. אַ גוטער מענטש כאַיוטין, האָט מען אַף דיר געזאָגט. אַ גליק האָט דיר געטראָפן.

— נו, כאָכעם מיינער, וואָס זשע קאָנסטו טאָן? האָט ער זיך אַליין געפרעגט. — נו, זיי אַ כאָכעם און באַווייז און זיי ניט קיין שמאַטע. באַוויייז אַ קונץ און זיי יעדן טאָג זאַט און וואַרעם... אַנו,

באוויין אַ קונץ און קריג אַ פּערטל טוטין אָדער אַ וואַרעמען טולופּ, וואָס זאָל פּאַרדעקן דיינע אַלטע ביינער? און ריידנדיק אַזוי צו זיך, איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק. פאַרוואָס זאָל ער טאַקע ניט נעמען דאָרט וואו מ'קאָן. וואָס וועט ער עפּעס מיט זיין לייטישקייט די וועלט ראַטעווען? אַט זיינען פאַראַן אָרעמע אַרבעטער, זיינען זיי געגאַנגען אין סאָווכאָז, וואו ס'זיינען פאַראַן קאָנפיסקירטע זאַכן, און איצט איז זיי וואַרעם. וואָרום דאַרף ער זיין אַזוי איידל... האָט ער דען קאָנפיסקירט? און אַז ער? און אַז ער, איז וואָס? וואָס איז ער עפּעס אַ הונט, ניט אַ מענטש?

— כאַיוטין, מאָרגן זאָלסטו גיין אין סאָווכאָז און קריגן עפּעס אָנצוטאָן! און אָפּמאַכנדיק באַ זיך אין געדאַנק צו גיין אינדערפרי אין סאָווכאָז, האָט ער צענויפגערוקט צוויי בענק, אַנידערגעלייגט זיך אויף דעם קאַלטן קישן, צענויפגעקאָרטשעט זיך און פאַרמאַכט די אויגן.

אינדערפרי איז כאַיוטין געשטאַנען באַ דער טיר פון סאָווכאָז. דער פּראָסט האָט אים דורך און דורך גענומען, ער האָט אָבער ניט געקאָנט באַשליסן אַריינצוגיין. און ווען ער האָט דערזען, ווי עפּעס אַן אַלטע פרוי האָט געעפנט די טיר און איז אַריינגעגאַנגען, האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און נאָכגעשלייכט נאָך איר.

דער קאָמיסאַר האָט יעדן געשריבן אַ צעטל און אָפּגעשיקט צו אַן אַנדערן קאָמיסאַר. כאַיוטין האָט אויך געקראָגן אַ צעטל. ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט מיטן צעטל פון איין קאָמיסאַר צום צווייטן, ביז ס'איז נאַכט געוואָרן. און ערשט ווען ער איז צוריק געקומען אין סאָווכאָז, האָט אים דער קאָמיסאַר אַריינגעחפּט און אָנגעהויבן שטעלן פראַגן.

ווער איז ער, און וואָס טוט ער, און ווי אַזוי האָבן אים די ווייסע באַרויבט. כאַיוטין האָט אויף אַלע פראַגן געענטפערט און האָט שוין געדאַנקט גאָט, ווען ער האָט אים אָפּגעלאָזט.

— דאַנקען גאָט... — האָט ער געטראַכט. — איצט וועט מיר שוין זיין וואַרעם.

אַנידערגעזעצט זיך אויף דער באַנק און אָנגעהויבן קלערן.

— און וואָס וויל מען טאַקע פון זיי, פון די רויטע! אַט בין איך, אַן אָרעמאַן געקומען, וועט מען מיר געבן אַ מלבוש אָנצוטאָן...

ס׳וועט אוועקגיין א צען פופצן יאָר, וועט דאָך מאמעש זיין...

דער קאמיסאַר האָט איבערגעשלאָגן זיינע געדאנקען. ער איז אריינגעקומען, צעפירט מיט די הענט און געזאָגט:

— ניטאָ. ס׳איז גאָרניט געבליבן. מ׳האָט שוין אַלץ אויסגע־טיילט.

כאיוטין האָט עס אויפגענומען גלייכגילטיק. ווען ער קריגט עפּעס, וואָלט עס אים עפּשער מער איבעראַשט.

— פון וואַנען זאָל טאַקע זיין? ווייניק אַרבעטער זיינען פאַראַן וועמען מען האָט שוין אויסגעטיילט דאָס ביסל קאָנפיסקירטע גוטס?

נו, — האָט ער אַ זאָג געטאָן . — ניטאָ איז ניטאָ. — און האָט זיך געלאָזט אַרויסגיין.

— וואַרט, — האָט אים דער קאָמיסאַר אָפּגעשטעלט. — ס׳איז עפּעס יאָ פאַרבליבן אַ פוטער, אַ שיינער טולופּ. קומט מיט מיר.

און ער האָט אים אַריינגעפירט אין אַ צווייטן צימער.

דאָרט האָט כאיוטין דערזען פאַר זיך אַ פוטער, אַז פון איבער־אַשונג, איז ער געבליבן שטיין מיט אויסגעגלאָצטע אויגן.

— אַזאַ טולופּ... — האָט ער זיך געטראַכט. —וואָס הייסט? ! אַזאַ טולופּ האָט געטראָגן דער גרעסטער גבֿיר אין שטעטל... דער פּאַמעשטשיק אָדער גאָר אַ גאַלעך... קוק נאָר אָן וואָס פאַר אַ פוטער...

כאיוטין האָט אַ קוק געטאָן אויפן קאָמיסאַר.

— אָט אָ דעם טולופּ מיינט איר?

— נו, יאָ — האָט דער קאָמיסאַר געענטפערט.

כאיוטין האָט צום ערשטן געמיינט, אַז ער שפּאַסט, נאָר ווען ער האָט דערזען, אַז דער קאָמיסאַר מיינט עס ערנסט האָט ער ניט געוווּסט וואָס צו טראַכטן.

— טוט אים אָן. — האָט דער קאָמיסאַר געזאָגט.

כאיוטין האָט אים געפאָלגט און אָנגעטאָן דעם טולופּ.

— איר קוקט אויס, ווי אַ גאַלעך. — האָט זיך דער קאָמיסאַר פאַנאַנדערגעלאַכט.

— ווי אַ גאַלעך?... אַ... — כאיוטין האָט אַ גלעט געטאָן זיין באָרד און געוואָלט אויסטאָן דעם טולופּ.

— צו וואָס טוט איר זיך אויס? איר ווילט אים ניט? — האָט דער קאָמיסאַר געפרעגט.

ווילן וויל ער דעם טולופּ, אָבער... עפּעס פילט ער זיך, ווי איינער, וועמען מ'וויל אַריינגנאַרן אין אַ שלעכטן שפּיצל...

— פאַרוואָס גיט איר מיר אַזאַ טייערן טולופּ? איך האָב געמיינט איך וועל קריגן עפּעס אַ פאַלטאָלכל, אַ שינעלכל.

— קיינער וויל אים ניט. — האָט דער קאָמיסאַר געענטפערט.

— פאַרקויפן טאָר מען אים ניט, פאַר די קאָמיסאַרן פּאַסט ער ניט, און צו אַ אַרבעטער וועלן מיר דעם טולופּ ניט געבן, ווייל ער וועט אים פאַרקויפן, אָט פאַר אייך, פּאַסט ער אויסגעצייכנט.

כאַ, כאַ, כאַ! אַן עמעסער גאַלעך, כאַ, כאַ, כאַ!

כאַיוטין האָט דערפילט ווי אַלע זיינע אייוורים האָבן זיך דערוואַרעמט אין דעם פוטער.

— גיט, איך נעם אים, — האָט ער באַשלאָסן. — אַ דאַנק.

ער איז אַרויסגעגאַנגען און דער טולופּ האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן זיינע פיס.

— אַ שיינע געשיכטע וואָלט געווען — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — ווען איך גיי און באַגעגן אַזוי דעם פּאָריץ, וואָס האָט געטראָגן דעם מאַנטל. עפּשער איז ער גאָר דער מילנער, אָדער דער אַפּטייקער — זיי האָבן דאָך אויך אַזעלכע פוטערס. צוקומענדיק צו דער שולע, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז מ'גייט אים נאָך, און ער האָט אַ טראַכט געטאָן: — זאָל גאָט היטן — מיט אַזאַ טולופּ קאָן מען נאָך דאָס לעבן פאַרלירן.

יענע נאַכט איז כאַיוטינען געווען וואַרעם. ער האָט זיך געלייגט אין טולופּ, און ס'האָט זיך אים געכאַלעמט, אַז ס'איז זומער, אַז ער טרינקט טיי באַ זיינע פאַרשטאָרבענע פריינט און אַז דער שוויים רינט פון אים ריטשקעסווייז.

אינדערפרי האָט כאַיוטין אָנגעטאָן דעם טולופּ און געוואָלט אַרויסגיין צו די באַקאַנטע.

ער האָט נאָך ניט באַשלאָסן וואוהין צו גיין. יעדן טאָג פלעגט ער גיין צו אַן אַנדערן און אַזוי אַרום פלעגט ער קריגן דאָ אַ גלעזל טיי און דאָרט צו פאַרבייסן. ווען ער האָט אָבער אַריבערגעטראָטן די שוועל, איז ער געבליבן שטיין, גלייך ווי אַ וואַנט וואָלט פּלוצים אויסגעוואַקסן פאַר אים.

ער האָט ניט געוואוסט, צי האָט ער זיך געשעמט, צי פאַר

עפּעס מוירע געהאַט.

— אָ! — האָט ער ארומגענומען דעם טולופּ ארום זיך און געלאָזט זיך גיין.

צוקומענדיק צום מארק איז אים אנטקעגן געקומען א פויער מיט א פויערטע. דער פויער האָט אראָפּגענומען די קוטשמע און די פויערטע האָט זיך טיף פארנייגט.

כאַיוטינען האָט דער אָטעם פארכאַפּט. ער האָט זיך דערפילט, גלייך ווי מ'האָט אים געכאַפּט מיט א גנייווע.

— זיי מיינען אוואדע, אז איך בין א גאַלעך, טפוי!

ער איז געגאַנגען ווייטער, און ווייטער דאָס זעלביקע. ווידער קומען אים אנטקעגן א פּאָר פויערים און הויבן פאַר אים די קוטשמעס.

כאַיוטין האָט באַשלאָסן אויסצומיידן דעם מארק און איז אריין אין א פּוסט געסל. געגאַנגען און געטראַכט: וואָס א טולופּ קאָן מאַכן פון א מענטשן, אָט בין איך שוין א גאַלעך. און אריינקומענדיק צו זיינע באַקאַנטע, האָט ער זיך עפּעס אזוי טאַמעוואַטע צעשמייכלט. ער האָט ניט געוואוסט פאַרוואָס, נאָר ער האָט זיך עפּעס געפילט ווי א שולדיקער. און ער האָט א זאָג געטאָן:

— ווי געפעלט אייך מיין טולופּ?

— אייער טולופּ? — האָט אים זיין פריינט קאַלט א פרעג געטאָן, — א שיינער טולופּ. פון דעם סאָווכאָז?

— יאָ.

— אַ, אַ.

מער האָבן זיי פון טולופּ ניט גערעדט.

כאַיוטין איז דאָרט געווען ביז פאַרנאַכט. אויסגעטרונקען פיר גלעזער טיי אָן צוקער, געגעסן א פּאָר געבראָטענע קאַרטאָפּליעס און באַשלאָסן אהיים צו גיין.

און גייענדיק אזוי אין גאַס, האָט ער דערזען ווי א הויכער ברייטער מאַן קומט אים אנטקעגן. ווען זיי האָבן זיך דערנעענטערט איינער צום צווייטן, האָט דער מאַן א נעם געטאָן כאַיוטינען באַם אַרבל און אָנגעהויבן ארומקוקן א קנאָפּ. געדרייט אים אהין און אהער און געשמייכלט.

— וואָס ווילט איר, כאַווער? — האָט כאַיוטין געפרעגט.

— מאָדנע, — האָט דער מאַן געזאָגט — איך וואָלט געשוואוירן,

**אַז דער טולופּ איז מיר אַזוי באַקאַנט, און אַט דער קנאַפּ, וואָס מ'האָט** ערשט ניט לאַנג צוגענייט מיט אַ ווייסן פאָדים...

— אַ? — האָט כאַיוטין געפרעגט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ.

— איך זאָג, דער טולופּ איז מיר אַזוי באַקאַנט, גלייך ווי איך וואָלט אים צען יאָר געטראָגן.

— אייערער געווען? — האָט כאַיוטין געפרעגט.

— מיינער... געווען? — האָט דער מאַן גוטמוטיק און אַביסל איראָניש געזאָגט.

— ווער זיינט איר? — האָט כאַיוטין אַ פרעג געטאָן. — און וואָס ווילט איר?

— וואָס איז דער אונטערשייד ווער איך בין. אַ מענטש. — און נאָך אַ קורצער פּויזע: — נו, געפעלט אייך דיר טולופּ? וואַרעם, אַ?

— אַ פאַרגעניגן, אָבער...

— אָבער וואָס?

— איך ווייס... ווי קום איך צו אַזאַ טולופּ, ס'איז פאַר [illegible] פּאַ־מעשטשיקס... פאַר אַ גייסטלעכן — פאַר אַזאַ מענטש, ווי איר, אַ שטייגער.

— און ווי קומט ער צו אייך? — האָט דער מאַן געפרעגט.

כאַיוטין האָט אים אין קורצן דערציילט, ווי אַזוי מ'האָט אים באַרויבט, ווי אַזוי ער האָט געליטן פון דער קעלט און ווי אַזוי ער האָט ענדלעך באַשלאָסן צו גיין אין סאָוויכאָז נעמען עפּעס אַ וואַרעמען מאַלבוש.

— נו, און דער געוויסן פּלאָגט אייך ניט? — האָט דער מאַן ווייטער געפרעגט. — איר טראָגט דאָך אַ פרעמדע זאַך.

— דער געוויסן? — האָט כאַיוטין אַ פרעג געטאָן. — פאַר־וואָס דער געוויסן? פאַרוואָס אַ פרעמדע? אין אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט איז ניט פאַראַנען אייגנס און פרעמדס.

— יאָ, אין אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. דאָס ווייס איך, אָבער מיר האָבן נאָך ניט קיין קאָמוניסטישע געזעלשאַפט, און כוץ דעם איז דער טולופּ שוין געווען עמעצנס — דעם טולופּ האָט שוין עמעצער געטראָגן. ער איז שוין עפּשער געוואָרן אַ טייל פון עמעצנס נעשאָמע, פון עמעצנס לעבן.

— וואָס מיינט איר? — האָט כאַיוטין געפרעגט.

— איך מיין אַט וואָס — שטעלט אייך פאָר, אַז דעם טולופּ האָט אַ פּאַמעשטשיק געטראָגן אין מ׳האָט דעם פּאַמעשטשיק ער־מאָרדעט און מ׳האָט אוועקגערויבט דעם טולופּ...

— אַ, נו, נו! — האָט כאַיוטין קימאַט אויסגעשריען. — פון וואַנען זאָל איך וויסן, פונוואַנען?... און אַז מ׳האָט אויף דעם פּלאַץ, וואו מיר גייען איצט דערמאָרדעט אַ מענטשן, טאָרן מיר שוין דאָ ניט טרעטן? דאָס איז דאָך נאָר אַ זאַך — אַ טויטע זאַך.

— ניי, גוט — דער טולופּ איז אַ טויטע זאַך — האָט דער מאַן צוגעגעבן, — מ׳האָט דאָך אָבער יענעמס רו, יענעמס פאַרגעניגן, יענעמס כאַלעם, יענעמס לעבן, עפּשער, גערויבט צוליב אָט דעם טולופּ.

— מ׳האָט קיינעמס לעבן ניט גערויבט צוליב דעם טולופּ, — האָט כאַיוטין מיט זיכערקייט געזאָגט.

— נו, שטעלט אייך פאָר, אַז ס׳איז געווען אַ יונגער מאַן וואָס האָט יאָרן לאַנג געזאַמלט אַ גראָשן צו אַ גראָשן, אַ רובל צו אַ רובל ביז ער האָט דעם טולופּ געקויפט. און געטראָגן האָט ער אים יאָרנ־לאַנג. ער איז געוואָרן ווי אַ טייל פון זיין קערפּער. דער טולופּ האָט שוין געהאַט דעם רייאַך פון זיין לייב, אין דעם טולופּ האָט שוין ווי געשוועבט דער גייסט פון דעם מענטשן, איר פאַרשטייט... אַ טויטע זאַך נעמט אין זיך אַמאָל אריין דעם גייסט, די נעשאָמע, פון דעם מענטשן און דער מענטש נעמט אין זיך אריין די נעשאָמע און דעם גייסט פון דער טויטער זאַך.

— איך פאַרשטיי ניט וואָס איר מיינט, — האָט כאַיוטין געזאָגט, גייענדיק לעבן דעם מאַן.

— נו, אַט וואוין איך איצט אין אַ הויז, — האָט דער מאַן גע־זאָגט — אין אַ פרעמד הויז. מיין הויז האָט מען צוגענומען. ניי, קום איך אריין, ווייזט זיך מיר אויס, אַז אויף דעם שטול, וואָס שטייט דאָרט, זיצט אַ מענטש, דער פריערדיקער באַלעבאָס פון הויז. טו איך אַ קוק אויף די בילדער אין צימער, ווייזט זיך מיר אויס, אַז איך וויים, וואָס דער מאַן האָט געטראַכט, ווען ער האָט געקוקט אויף זיי, איך קאָן מאָמעש זען און פילן די ליבע מיט וועלכער ער האָט אַליין די ראָמען געשניצט. די טויטע זאַכן האָבן אריינ־גענומען אין זיך דעם גייסט פון דעם לעבעדיקן... איר פאַרשטייט?

— איך פֿאַרשטיי... איך פֿאַרשטיי... — האָט כּאַיוטין גע־שאָקלט מיטן קאָפּ, כאָטש ער האָט ניט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, וואָס דער מאַן וויל אים איבערצייגן.

— נו, און איצט לאָמיר ריידן פֿון דעם לעבעדיקן, וואָס נעמט אין זיך אַריין, אָדער וואָס באַהעפֿט זיך מיט דער טויטער זאַך און די טויטע זאַך ווערט ווי אַ טייל פֿון אים — אָט לאָמיר נעמען מיינעם אַ באַקאַנטן, אַ געוועזענעם פּאַליציאַנט — איר ווייסט, דער מענטש איז מאַמעש קיין מענטש ניט פֿון זינט ער האָט אויסגעטאָן זיין פֿאָרמע. יאָרן לאַנג האָט ער געטראָגן אויף זיין קערפּער דאָס בלויע געוואַנט און די מעשענע קנעפּ און דעם גאַרטל — איצט, ווען ער זעט מיך, זאָגט ער, אַז ס'אַרט אים ניט אַזוי, וואָס ער איז אויס פּאַליציאַנט, ווי דאָס, וואָס ער קאָן ניט אַרומגיין אין זיין פֿאָרמע. עפּעס איז ער גאָר אויס מענטש פֿיזיש און גייסטיק — עס פֿעלט אים עפּעס — עס ווייזט זיך אים אויס, אַז מ'האָט אים אַריינגעזעצט אין אַ פֿרעמדן קערפּער, זאָגט ער.

— מענטשן בייטן דאָך קליידער און וואוינונגען, — האָט כּאַיוטין אַ זאָג געטאָן און געבליבן שטיין.

— יאָ, יאָ, זיי בייטן. אָבער ווען זיי בייטן, פֿילן זיי ניט אָט אַזוי, ווי איך האָב אייך דערציילט? האָט איר קיינמאָל ניט געפֿילט, ווי פֿרעמדע אויגן קוקן אויף אייך, ווען איר קומט אַריין אין אייער נייער וואוינונג? האָט זיך אייך קיינמאָל ניט אויסגעדאַכט, אַז עמיצער רעדט דאָרט, שמייכלט, אָדער וויינט.

— ער איז מעשוגע, — האָט כּאַיוטין אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט:

— יאָ, עס טרעפֿט — איר זייט גערעכט. ניי, איך וועל אייך זאָגן אַ גוטע נאַכט. איך דאַרף דאָ אַריינגיין.

— אַ גוטע נאַכט. — האָט דער מאַן געזאָגט און איז אוועק־געגאַנגען.

כּאַיוטין איז געווען, ווי צעטומלט. ער איז פֿאַרגאַנגען ערגעץ אין אַ גאַס, וואוהין ער האָט גאָר ניט באַדאַרפֿט גיין.

און פֿאַרנעמענדיק זיך אויף אַ גאַס אַ היים צו, האָט ער געטראַכט:

— נו, טאַקע, פֿאַרוואָס פֿיל איך זיך ווי ניט איך אין דעם טולופּ?

ווען ער איז אריינגעקומען אין קלאס, האָט ער אראָפּגענומען דעם פּיטער און אנידערגעלייגט אויף א באַנק. דער טולופ האָט זיך אראָפּגעגליטשט אויף דעם דיל... און ווען כאיוטין האָט א קוק געטאָן אויף אים, האָט זיך אים אויסגעוויזן גלייך ווי עמיצער ליגט דאָרט אין דעם טולופ — נאָר ווי עפּעס א גייסט איז אריין אין אים... נאָר ווי עפּעס א טויטער ליגט דאָרט אויפן דיל.

— מעשוגענער! — האָט ער זיך אויסגעבייזערט אויף זיך אליין.

— וואָס כאָלעמט זיך דיר דאָרט? א מעשוגענער האָט עפּעס אָנגעפּרעפּלט און אים כאָלעמט זיך שוין.

כאיוטין איז צוגעגאַנגען צום שאַפּקעלע, גענומען א שטיקל ברויט און אנידערגעזעצט זיך בא דער הרובע. א קוק געטאָן אויפן טולופ, וואָס ער האָט אויפגעהאַנגען אויף דער וואַנט. אָט גלייך ווי א מענטש שטייט דאָרט און וואַרט אויף עפּעס. שטייט און רירט זיך נישט.

— טפו, זאָל עס ווערן! הער א אידיאָטסווע!

ער האָט זיך אויפגעהויבן, אראָפּגענומען דעם טולופ און אָנגעטאָן אויף זיך.

און זיצנדיק אזוי, און קייענדיק דאָס ברויט, האָט זיך אים פאָרגעשטעלט, ווי פויערים ציען זיך איינער נאָכן צווייטן און הייבן די קוטשמעס פאַר אים...

— וואָס וויל איך זיך איינריידן? אז איך בין א גאַלעך? — האָט ער א טראַכט געטאָן.

אנידערגעלייגט זיך אויף דער באַנק און געפּרואווט איינשלאָפן. באַנאַכט האָט ער זיך עטלעכע מאָל אויפגעכאַפּט, נישט געקאָנט עפּעס שלאָפן.

די האָר פון דעם פּוטער האָבן עפּעס אזוי מאָדנע געקיצלט און עפּעס אין אלגעמיין האָט ער געפילט אזוי מאָדנע, פּונקט ווי ווען ער איז נאָך געווען א קליין אינגל און מ'האָט אים געלאָזט אליין אין הויז.

ווען ס'איז געוואָרן ליכטיק, האָט ער זיך אויפגעהויבן. ווידער א קוק געטאָן אויף זיך וואָס פאַר א פּאָנים ער האָט אין טולופ. וואָס ווייזט זיך אים, וואָס? צו איז ער געוואָרן העכער, צו איז ער גאָר געוואָרן נידעריקער, צי ווייזט זיך אים נאָר אויס, צו שטייט ער טאַקע

אַזוי פּונקט ווי אַ גאַלעך.

— טפו זאָל עס ווערן... וואָס פאַר אַן אָנשיקעניש, גאַלעך, גאַלעך, גאַלעך...

ער איז אַרויס פון הויז און געלאָזט זיך מיט שנעלע טריט צום סאָווכאָז. אין סאָווכאָז איז אים דער קאָמיסאַר אַנטקעגן געגאַנגען.

— נו, וואָס נאָך ווילט איר, כאַווער? איר האָט דאָך שוין אַ טולופּ.

— איך האָב אים צוריקגעבראַכט דעם טולופּ. איך וויל אים ניט. אָט קוקט אויף אים... קוקט, ליגט ניט דאָרטן עמיצער אין אים? ס׳איז נאַריש, אַ יאָ? אָבער מיר זיינען געווען צוויי אין טולופּ... איך און נאָך איינער, איך וויל זיין אַליין, איך אַליין...

דער קאָמיסאַר האָט געקוקט אַף אים פאַרוואונדערט. דערנאָך אַ שמייכל געטאָן. דער אַלטער איז אַביסל צעדרייט, — האָט ער אַ־טראַכט געטאָן און, קלאַפּענדיק אים אין פּלייצע, האָט ער אים אַנידערגעזעצט אַף דער באַנק: — אַ פּאַלטאָכל, אַ אַלט פּאַלטאָכל וועל איך דיר געבן, פאָטערל, אַ?...

# העגט

## 1

נאָך אַלס שילער, הערנדיק, ווי דער לערער דערציילט וועגן דעם צאַר איוואַן דעם גרויזאַמען, איז פּאַוולושאַ קאַטשוראַ געזעסן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און געטרוימט. געזען זיך אַלס אָפּריטש־ניק פליען אויף אַ ריזיקן שוואַרצן פערד מיט אַ שווערד אין האַנט און יאָגן, טרעטן, שניידן און האַקן קניענדיקע, פאַלנדיקע מענטשן.

דאָס געשטאַלט פון דעם גרויזאַמען האָט געשוועבט פאַר זיינע אויגן און גערופן נאָכפאָלגן די טריט פון דעם צאַר. טאָן, וואָס ער האָט געטאָן; לעבן, ווי ער האָט געלעבט; פּילן ווי דער צאַר איוואַן האָט געפּילט.

האָט ער איינמאָל באַנאַכט געכאַפּט אַ קאַץ, אַריינגעוואָרפן זי אין אַ זאַק און אַוועק מיט איר צו דעם האַלב צושטערטן און פאַר־לאָזטן מינאַרעט, וואָס איז נאָך פאַרבליבן פון די טערקן. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָט ער אַרויפגעקלעטערט אויף דעם שפּיץ פון מינאַרעט, איבערגעציילעמט זיך, אַרויסגעשלעפּט די דערשראָקענע קאַץ פון זאַק און גענומען שטופּן זי פון דעם שמאָלן קאַרניז.

די קאַץ האָט געמיאַקעט, געדראַפּעט, געריסן און געקלאַמערט זיך מיט די נעגל צו די קאַלטע שטיינער, ביז פּאַוולושאַן איז ענדלעך געלונגען אַרונטערצושטופּן זי.

און ליגנדיק אויף די קאַלטע שטיינער אין דער הויך, האָט פּאַוולושאַ געוואָלט מיט זיינע בליקן נאָכפליען, דעריאָגן די פאַלנ־דיקע קאַץ. זיין בליק זאָל פאַלן אויף די שפּיציקע שטיינער פונקט אין דער רעגע, ווען די קאַץ וועט פאַלן.

ער זאָל הערן און זען, ווי דאָס לעבן טיילט זיך אָפּ פון איר צושמעטערטן קערפּער... אין פּילן וואָס דער צאַר איוואַן דער גרויזאַמער האָט געפּילט, ווען ער האָט געוואָרפן קעפּ פון זיין הויכן

טורעם.

צוועלף יאָר איז פּאַוולושאַ קאַטשוראַ דאַמאָלט אַלט געווען. דער באַגער, צו פייניקן און הערשן האָט אין אים געוואַקסן און געברענט. האָט ער צונויפגענומען אַ כעוורע שקאָצים, געוואָרן זייער אַטאַמאַן, געלעגן מיט זיי בייגאַכט ביי די וועגן, וואו עס פלעגן דורכפאָרן די באַלעגאָלעס, און מיט ווילדע געשרייען פלעגן זיי נאָכלויפן די פאַיעטאָנען, שלאָגן מיט שטעקנס און נאָכוואַרפן שטיינער אין די דערשראָקענע פּאַסאַזשירן. אָדער אַנידערלייגן זיך אונטערן בריק ביים ברעג פון טייך, וואו די אידישע אינגלעך פלעגן זיך באָדן, און אָפּוואַרטנדיק ביז זיי זיינען אריין אין וואַסער, אַרויסלויפן, צעכאַפּן די קליידער, וואָס זיינען געלעגן אין קופּקעלעך אויפן זאַמד און פאַנאַנדערלויפן זיך. און פאַרנאַכט ווען די אינגלעך פלעגן אַהיים גיין פון באָדן פאַרדעקענדיק זייער נאַקעטקייט מיט וואָס מ׳האָט נאָר געקאָנט, פלעגט פּאַוולושאַ קאַטשוראַ ווייזן זיין העלדישקייט און איינער אַליין אַרויסגיין צו די אינגלעך, אָנכאַפּן צוויי בא די נאַסע האָר און שלאָגן זייערע קעפּ איינער אָן צווייטן, דערנאָך אַ וואָרף טאָן מיט דער טשופּרינע, אַריינלייגן צוויי פינגער אין מויל און אַ פייף טאָן פּי־!־!־פיט!

איינמאָל אין אַ הייסן טאָג איז ער געשטאַנען אין מאַרק בא די פורן, וואו עס האָבן זיך פאַרקויפט די אַרבוזעס. אין דער האַנט האָט ער געהאַט אַ שטעקן מיט אַ טשוואָק איפן שפּיץ, און גע־וואַרט אָף אַ געלעגנהייט אַוועקצושאַרן אַן אַרבוז.

פּלוצים האָט ער דערזען לעבן שיינק דעם באַרימטן אין שטעטל בויאַן און גאַנעוו דודניק. ער איז געשטאַנען נאָך מיט אַ פּאָר פון זיינע באַרימסטע כאַוויירים, און ווי פּאַוולושאַן האָט זיך אויסגע־וויזן האָט דודניק געוואונקען צו אים.

פּאַוולושאַן איז וואַרעם געוואָרן אין זיין ברוסט. דודניק אַליין ווינקט צו אים, צו פּאַוולושאַן. וואָס קאָן ער וועלן פון אים דער באַרימטער און לעגענדאַרישער דודניק.

ער איז צוגעגאַנגען און דרייסט אַ קוק געטאָן אין דודניקס אויגן.

— איר האָט מיך גערופן? האָט ער געפרעגט.

— יאָ, קום אַהערצו, — האָט אים דודניק אַציגעטאָן צו זיך.

— ווי רופט מען דיך?

— פּאוול קאַטשורא.

— קאַנסטו וואַרפן שטיינער? — האָט דודניק געפרעגט און אַ וואונק געטאָן צו זיינע כאַווירים.

— כע, כע! — האָט זיך פּאוול פונאַנדערגעלאַכט.

— וואָלסטו געקאָנט טרעפן מיט אַ שטיין אָט אין יענעם פענצטער, וואו דער זשיד שטייט?...

— זאָל איך? — האָט פּאַוולושאַ געפרעגט.

— היידאַ! לאָמיר זען.

פּאַוולושאַ האָט אויפגעהויבן אַ שטיין צוגעלייגט צום אויג, אַ ציל געטאָן און אַריינגעשאָסן דעם שטיין גלייך אין אַ פענצטער פון אַ אידישער קראָם. דער קלאַנג פון די צעבראָכענע שויבן האָט זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן מאַרק.

— ביזט אַ מאָלאַדיעץ. — האָט דודניק געזאָגט. —נו און אין יענעם פענצטער וואָלסטו געקאָנט טרעפן?

פּאוועל איז געשטאַנען אַ ווײַלע אין אַ פאַרלעגנהייט. מענטשן האָבן זיך אַרומגעקליבן אַרום זיי. אידן, פּויערים, שקאָצים. אַלע האָבן געקוקט אויף דודניקן און אויף פּאַוולושאַן. די פּויערים און שקאָצים האָבן געלאַכט און די אידן האָבן זיך איינציקווייז אָפּגערוקט און פאַרשוואונדן.

— נו, האָט אים דודניק ווידער געפרעגט. — וואָלסטו געקאָנט טרעפן אין יענעם צווייטן פענצטער, צו דו האָסט מוירע?

פּאַוולושאַ האָט אַ פלאָם געטאָן מיט די אויגן, געכאַפּט אַ שטיין און אַריינגעשאָסן אין אַ צווייטן פענצטער פון דער קראָם.

געשרייען און אַ הילכיקער געלעכטער האָבן זיך צעטראָגן איבערן מאַרק.

די אַרומיקע שקאָצימלעך האָבן זיך מיסקאַנע געוועןו אויף פּאַוו־לושאַן און באַגייסטערטע געכאַפּט שטיינער און אָנגעהויבן זעצן שויבן אין די אידישע פענצטער.

און אַזוי האָט זיך אין יענעם טאָג אָנגעהויבן דער פּאָגראָם אין שטעטל.

און אין יענעם טאָג האָט זיך אין פּאַוולושאַס האַרץ באַזעצט דער טייוול אויף אייביק.

ער איז ביי זיך אויסגעוואקסן אויף דריי קעפּ. ווייל ער און דודניק, דודניק און ער, האָבן אָנגעפירט מיט דעם פּאָגראָם.

ער איז געוואָרן דער עמעסער, דער גרויסער אַטאַמאַן — פּאַוועל קאַטשורא.

ווען מ'האָט אים שפּעטער מיט צען יאָר געבראַכט אַ געקאָ־וועטן אין געריכט, האָט קאַטשורא אַ רואיקער און אַביסל אַ פאַר־וואונדערטער אויסגעהערט וועגן זיינע מיסים. האָט ער עס טאַקע געטאָן?

יאָ, יאָ, ער געדיינקט... ער געדיינקט די פרוי, וועלכע ער האָט פאַרגוואַלטיקט אויף דער מיל... און דעם אידן באַ וועלכן ער האָט מיט אַ מעסער אַרויסגעלאָזט די קישקעס... אַ, ער געדיינקט אים... אוואדע געדיינקט ער אים. אַזאַ פאַרכאַטי זשיד! ניט געוואָלט אַוועק געבן דאָס געלט. די קישקעס האָט ער אים אַרויסגעלאָזט און דאָס געלט האָט ער ניט געקראָגן. אַ כאָלערא! נו, און דאָס פייער... דאָס איז גאָר אַ קלייניקייט. האָט ער געלאָזט דער אַלטער איוואַן אָפּגעבן פאַר אים די טאָכטער! האָט ער ניט געוואָלט — האָט ער געברענט. און פּאַוועל קאַטשורא איז פאַראורטיילט גע־וואָרן צו דרייסיק יאָר טורמע. האָט ער ניט געזאָרגט און געגאַנגען אין טורמע מיט קלינגענדיקע קייטן, און אויך אין טורמע געוואָלט זיין דער אַטאַמאַן פּאַוועל קאַטשורא.

אָבער זיין גאָט איז געווען אַ גרויסער גאָט.

עס האָט אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע.

און ווען דאָס פאָלק האָט געשטורעמט די טורמע צו באַפרייען די רעוואָלוציאָנערן, איז פּאַוועל געווען דער ערשטער צו באַפרייען זיך.

און גייענדיק אונטער דער רויטער פאָן אויף די ברייטע און שיינע גאַסן, האָט קאַטשורא געטראַכט:

— די רעוואָלוציע... פאַרוואָס האָב איך פריער ניט געוואוסט וואָס עס מיינט... עך, בראַטצי! — האָט ער אַ שפּיי געטאָן און אַ רייב געטאָן זיינע הענט. מיר לעבן!

קאַטשורא האָט דורכגעלעבט אַלע גילגולים. און פריי און זאָרגלאָז זיינען אוועק זיינע טעג, זיינע וואָכן און כאָדאָשים. אַמאָל מיט די באָלשעוויקעס, אַמאָל מיט די גאַיידאַמאַקעס, אַמאָל מיט

פּאָוסטאַנצעס אין באַנדיטן אין די וועלדער; און אומעטום און אימער האָט פּאַוועל קאַטשורא געפּייניגט און געמאָרדעט, געלעבט אין דער סטיכיע פון זיין ווילדן און כאַיעשן סאַדיזם.

ביז איינמאָל, ווען די באָלשעוויקעס האָבן זיין באַנדע אַרומגערינגלט אין א דאָרף און קאַטשורא איז קוים מיטן לעבן אַרויס, איז ער אַוועק אויף דעם זאַוואָד, אָנגעטאָן א שעפּסענע פּעל אויף זיין הארץ, דערציילט די אַרבעטער וועגן זיינע שווערע יאָרן אויף דער קאַטאָרגע אַלס רעוואָלוציאָנער און קעמפער, געבעטן אַרבעט צווישן אייגענע ברידער פּראָלעטאַריער. און זיי האָבן אים געגלויבט און אַרויפגענומען אויף דעם זאַוואָד.

2

דער צוג איז געגאַנגען לאַנגזאַם. עס האָט געשנייט. ראַקאָנ־סקי, דער הויפּט קאָמיסאַר, וועמען מען האָט פאַרטרויט צו באַזוכן די אינדוסטריעלע געגענטן און אויפצוהויבן די פּראָדוקציע אין די זאַוואָדן, איז געזעסן באַם פענצטער פון וואַגאָן, אַרויסגעקוקט אויף די פאַרשנייטע פעלדער און דערמאָנט זיך אָן יענע גרויע טעג אין סיביר.

צען יאָר האָט ער זיך דאָרט אָפּגעמאַטערט אַלס פּאָליטישער פאַרשיקטער ביז די רעוואָלוציע האָט אים ענדלעך באַפרייט. און ניט נאָר באַפרייט, נאָר אויך דערהויבן. דערהויבן צו אַזא הויכ־קייט, געמאַכט פון אים אַזא וויכטיקע פּערזאָן, א מיניסטער קאָן מען זאָגן... א דיקטאַטאָר...

ראַקאָנסקי האָט געקוקט אויף זיינע דינע ווייסע פינגער. שוין גאָרניט קיין פּראָלעטאַרישע פינגער, — האָט ער א טראַכט געטאָן. און דאָך... דאָך האָט ער אַוועקגעגעבן די בעסטע יאָרן פון זיין לעבן, געליטן און געקעמפט פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט.

געקוקט אויף די פינגער און געשמייכלט. ווי פלינק די פינגער זיינען, ווען ער שפּילט אויף דער פּיאַנאָ. אַזעלכע דאַרע איידעלע פינגער.

פאַרטראַכט זיך.

אָט וועט ער באַלד אָנקומען אין דעם זאַוואָד. און אויך אין דעם זאַוואָד וועלן זיך די אַרבעטער אויסשטעלן פאַר אים ווי סאָל־דאַטן. ער וועט דורכגיין, האַלטן א רעדע. די זעלבע ווערטער מעס־

טאמע מיט וועלכע ער האָט גערעדט נעכטן און וועט ריידן מאָרגן. רעוואָלוציע, פּראָדוקציע, סאַבאָטאַזש, פּאַראַזיטן. וועט זיך אָפּ־שטעלן אויף אַ רעגע אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע, אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער באַנדע קאַפּיטאַליסטן... דערנאָך וועט ער צו־גיין צו אַן אַרבעטער, פרעגן אַ פּאָר פראַגן, ריידן אַ ווײַלע... יאָ, יאָ, אָבער וואָס קאָן מען טאָן — ניט ווילנדיק ווערט עס דאָך עפּעס אַן אָפיציעלע צערעמאָניע. וואָס דיינקען זיי פון אים די אַרבעטער, וואָס זאָגן זיי ווען ער גייט אַוועק?

אינדערפרי איז ראַקאָנסקי געווען אין זאַוואָד.

אין אַ גרויסן צימער האָבן זיך פאַרזאַמלט די קאָמיסאַרן פון דעם זאַוואָד, די קאָמיסאַרן פון אַנדערע שטאַטישע אַנשטאַלטן און אַלע האָבן מיט דערעך ערעץ און מיט אומבאַוואוסטזיניקער אונ־טערטעניקייט, געקוקט אויף זיין מויל, און אין זיינע אויגן... געלאַכט ווען ער האָט עפּעס געזאָגט, וואָס ס'האָט באַדאַרפט צו זיין אַ וויץ, און געמאַכט ערנסטע מינעס ווען ער האָט דערמאָנט דעם סאָוונאַרקאָם.

אָט האָבן זיך איינציקווייז אַ֞ין צו צוויי אַרייַנגערוקט די אַרבע־טער. האָבן זיך אויסגעשטעלט אַרום אים. אייניקע מיט נייגעריקייט, אַנדערע גלייכגילטיק און נאָך אַנדערע בייז. געקוקט אויף אים און געשוויגן.

און ראַקאָנסקי האָט אָנגעהויבן ריידן.

זיין שטימע האָט געציטערט מיט ליידן, ווען ער האָט גערעדט. ווייל ער האָט געפילט און פאַרשטאַנען, און געוואוסט, אַז מ'דאַרף צוגעבן מוט, מ'דאַרף ניט נאָר שטראָפן, נאָר אויך איבערציייגן.

זייער זאַבאַסטאָווקע איז דאָך געווען אַ שאַנדע, אַ מעסער אין דעם האַרצן פון דער רעוואָלוציע. זיי זיינען הונגעריק, און נאַקעט, ווייס ער דען ניט? ווייסן זיי דען ניט, אַז די סאָוועטישע מאַכט טוט אַלץ פאַר זיי, פאַר די אַרבעטער?

אַ֞ין דערזעענדיק לעבן זיך אַ פּאָר פאַרגראָבטע פאַרמאַזאָלעטע הענט, האָט ער זיי אַ כאַפּ געטאָן מיט זיינע פינגער און פאַרענדיקט:

— קוקט! דאָס זיינען הענט פון אַ בויער. דאָס זיינען הענט פון אַ העלד, אַ העלד אויף וועמען די סאָוועטישע מאַכט קוקט מיט האָפנונג און מיט שטאָלץ. כאַווער, דערלויבט מיר אין נאָמען פון דער סאָוועטישער מאַכט צו דריקן אייערע פּראָלעטאַרישע פאַרמאַ־

זאָלעטע הענט.

א איראָנישער שמייכל האָט פארקרימט קאַטשוראַס ליפּן.

— קאָמיסאַר פּאַרכאַטי, — האָט ער א טראַכט געטאָן. קי־מאַט ארויסגעריסן זיין האַנט פון ראַקאַנסקיס קאַלטע פינגער און אָפּגעווישט אָן זיינע צעריסענע פארשמאָלצעוואַטע הויזן.

— פאַרמאַזאָלעטע, פּראָלעטאַרישע הענט, —האָט ראַקאַנסקי דאָן א טראַכט געטאָן. — הענט...

# סאָניאַ

דער גרויער פּאַרנאַכט האָט אומעטיק אַריינגעקוקט אין קליינעם צימערל. סאָניאַ האָט איינגעפּאַקט אירע זאַכן: אַפּאָר העמדער, אַפּאָר זאָקן, עטלעכע ביכער און אַ האַלב ברויט. וואָס האָט איר דען נאָך געפעלט?! זי האָט געזוכט עפּעס אַן אידעאַל אין לעבן, און זי האָט דעם אידעאַל געפונען. פאַר איר ליגט אַ נייער וועג, אַ וועג פול מיט אומענדלעכע שוועריקייטן, מיט ביטערער נויט... אָבער וואָס פאַר אַ וועג!

— נו, ווי געפעלט זי דיר, — האָט זיך איר מוטער געווענדעט צו סאָניאַס כאַווערטע בעללאַ. — כאַרקאָוו איז פאַר איר קליין. אין דער וועלט לאָזט זי זיך... אַ קאָמאַנדיר געוואָרן...

— ניט קיין קאָמאַנדיר, מאַמע, — האָט סאָניאַ געלאַכט, און אירע אויגן האָבן געשיינט מיט פרייד. — באַ איר פאָרן אין דער פּראָווינץ אויף אַ קאָמאַנדיראָווקע הייסט עס זיין אַ קאָמאַנדיר.

— וואָס זשע, דו פאָרסט טאַקע? — האָט בעללאַ געפרעגט.

— פאַרוואָס זאָל איך ניט פאָרן?! — האָט סאָניאַ געמאַכט אַ פאַרוואונדערטן פּנים. — ערשטנס שיקט מען מיך, און צווייטנס עפנט זיך דאָך אַ נייע וועלט פאַר מיר... אַ נייע וועלט... לעבן... קאַמף...

— קאַמף... קאַמף... — האָט די מוטער אַ מאַך געטאָן מיט די הענט. — קוק אָן ווער עס רעדט פון קאַמף. הער אַ לאָשן... קאַמף...! נו, ווי געפעלט זי דיר בעללאַ? דו ביזט, דאַכט זיך מיר, אויסגעוואַקסן באַ אַ שענערן טאַטן, ווי זי... נו, נו, האָט עס דיר דען פאַרדרייט, מיינע סאָנים, דעם קאָפּ?...

— איך וויים... — האָט בעללאַ געזאָגט. — יעדער מענטש האָט זיך זיינע פאַנטאַזיעס.

סאָניאַ האָט גאָרניט געענטפערט. אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן בעט אַ פּאָר גרויסע אָפּגענוצטע שטיוול און אַרויפגעשלעפּט אויף

אירע דינע קליינע פיס. געפּרואווט מאַכן עטלעכע שפּאַן איבערן שטוב, און געפילט זיך גלייך ווי זי האָט אַנגעטאָן צוויי לײדיקע עמערס אויף אירע פיס.

די מוטער האָט געקוקט אויף איר און ביטער געשמייכלט...

— איך וועל אָנטאָן אָנטשעס, וועלן זיי ניט זיין אַזוי גרויס...

— האָט סאָניאַ געזאָגט. גענומען אַ סאָלדאַטיש היטל פונעם טיש, אַרויפגעצויגן אויפן קאָפּ, אַריינגערוקט די שוואַרצע לאָקנס האָר און צוגעגאַנגען צו דעם שפּיגל.

— נו, ווי געפעלט דיר מיין סאָלדאַט, אַ? — האָט די מוטער געפרעגט.

— אַ סאָלדאַט, וואָס לויפט צום שפּיגל... — האָט זיך בעללאַ פונאַנדערגעלאַכט.

— אַ גלאַט אַ געוואוינהייט... — האָט סאָניאַ געזאָגט.

— אַסאַך אַזעלכע געוואוינהייטן זיינען פאַראַן, וועלכע דו וועסט מוזן באַקעמפן, זייענדיק אַ סאָלדאַט.

— זאָרג ניט. איך וועל זיי באַקעמפן.

— ווען פאָרסטו?

— פאַרטאָג, — האָט סאָניאַ געענטפערט. — כאָווער מעלניק וועט קומען נאָך מיר.

— וואָס איז ער אַ איד צו אַ קריסט?

— ער איז אַ קריסט. אָבער... וואָס איז דער אונטערשייד.

— אָ, ס'איז קיין אונטערשייד... איך פרעג גלאַט אַזוי... פאָרט איר ביידע אין דער זעלבער שטאָט?

— יאָ.

— אוי... — האָט די מוטער אַזיפץ געטאָן און אָפּגעווישט אַ טרער.

— וואָס זשע וועסטו דאָרט טאָן? — האָט בעללאַ געפרעגט.

— ס'זיינען פאַראַן אַ פּאָר פאַבריקן, וואו עס אַרבעטן פרויען. אָט צווישן זיי וועל איך דאַרפן אָנפירן מיין אַרבעט און אָרגאַניזירן זיי אין קאָמוניסטישע קעמערלעך.

— אַ, אַ... האָט בעללאַ שפּאָטיש אַ קוק געטאָן. — נו, גוט. ס'איז שוין שפּעט און איך דאַרף גיין. זיי געזונט.

זיי האָבן זיך אַרומגענומען און צעקושט.

— אַ גליקלעכע רייזע.

— אַ דאַנק.

די מוטער האָט פאַרקײטלט די טיר, אַנידערגעזעצט זיך באַם טיש און מיט אַ פאַרקלעמטן האַרץ געקוקט, ווי סאָניאַ פּאָרעט זיך אַרום די שטאָוול. סאָניאַ האָט ניט געקאָנט שלאָפן. געלעגן אָפן געלעגער, און געטראַכט. געוואָלט אוויין טאָן פּלוצים, אָבער גלייך דערשטיקט אין זיך דעם באַגער און ווי מיט אינערלעכע אויגן אַ קוק געטאָן אויף זיך אַזוי שטריינג... וויינען גאָר!

די מוטער איז געלעגן שטיל. געקוקט אין דער פינסטערניש און געטריבן פון זיך די שרעקליכע געדאַנקען.

און פאַרטאָג, ווען דער הימל האָט נאָך געקוקט מיט שטערן, זיינען זיי שוין ביידע אַראָפּ פון זייערע געלעגערס. די מוטער האָט גענומען וואַרעמען וואַסער פאַר טיי, געזוכט ערגעץ דאָס שטיקל צוקער, וואָס זי האָט נעכטן באַהאַלטן, און ניט געקאָנט געפינען. סאָניאַ האָט געוויקלט אירע פיס אין שמאַטעס, געשלעפּט די שטיוול, געוואָלט עפּעס ריידן מיט דער מוטער און ניט געוואוסט פון וואָס. און ווען זיי האָבן אָפּגעטרונקען טיי האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין דער טיר.

— מעלניק, — האָט סאָניאַ געזאָגט, און געעפנט די טיר.

מעלניק, אָנגעטאָן אין אַ קורצן לעדערנעם ראָק, די פיס אַרומגעוויקלט מיט ברייטע געוואָנטענע פאַסן, מיט אַ פּאָרטפעל אין האַנט איז אַריינגעקומען אין שטוב.

— פאַרטיק, כאַוועריטע סאָניאַ?

— פאַרטיק... פאַרטיק... — האָט זיך סאָניאַ געאײלט. גע־כאַפּט דאָס פּעקל און געבליבן שטיין. געשעמט זיך עפּעס פאַר מעלניקן אַרויסצוווייזן אירע געפילן, וואָס האָבן זי פּלוצים באַ־הערשט. ס׳האָט זיך איר אַזוי געוואָלט אַרויספאַלן אויף איר מוטערס ברוסט און וויינען... ווער ווייסט צו זי וועט זי נאָך זען... ווער ווייסט...

— זיי געזונט, מאַמע... — האָט זי געזאָגט.

די מוטער האָט זי אַרומגעכאַפּט, געקושט און געוויינט, גע־שטופּט אין אירע קעשענעס אַ פּעקל ברויט מיט עטלעכע שטיקער צוקער, וואָס זי האָט אָפּגעשפּאָרט פון סאָניאַס וועגן אין וועג אַריין.

— נו, קומט, כאוועך מעלניק... — האָט סאָניאַ געזאָגט.

זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען. אין דרויסן האָט געוואָרט אַף זיי א פור. מעלניק האָט איר געהאָלפן אַרויפקריכן. דער סאָלדאַט, וואָס האָט אָנגעטריבן האָט אַ שמייס געטאָן מיט דער בייטש. די פערד האָבן געקלאַפּט מיט די פּאָדקאָוועס אַף דעם שאָסיי און דאָס קלאַפּן האָט זיך טרויעריק אָפּגערופן אין דער שלאָפנדיקער פוסטער גאַס און אין סאָניאַס האַרץ. זי האָט זיך אומגעקוקט. די מוטער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך אַף דער שוועל פון זייער אָרעם שטיבל און נאָכגעקוקט.

זיי געזונט, מאַמע, האָט סאָניאַ געשריען בא זיך אין האַרצן... זיי געזונט... און א טרער האָט זיך א קייקל געטאָן פון אירע אויגן.

2

— אַי, ווי דאָ איז גוט! — האָט סאָניאַ אויסגעשריען אַרויפּ־שפּרינגענדיק אין פּראַכט וואַגאָן, וואו עס זיינען געשטאַנען עטלעכע צונויפגעקלאַפּטע פון ברעטער געלעגערס, באַדעקט מיט שטרוי. — ס'איז דאָך דאָ אַזוי באַקוועם, מעלניק... און איך האָב געדיינקט, אַז מיר וועלן פאָרן אין איינגעניש, ווי אַלע פאָרן, און דאָ... קוק! אַ אויוון אויך!... כאַ, כאַ, כאַ!

ס'איז איר געווען פריילעך אַף דער נעשאָמע. ס'איז דאָך גאָרניט שרעקלעך אַרויסצופאָרן אין דער וועלט אריין. פּאַרקערט... עפּעס נייע וואַרעמע כוואַליעס שלאָגן ערגעץ אין האַרצן, דערהויבן, און שפּילן מיט דיר אַזוי לייכט... אַזוי זיס... דאָס לעבן איז דאָך אַזוי גוט גוט... זי איז אַרויפגעקראָכן אַף אַ געלעגער, אויסגעצויגן זיך, צעשפּרייט די הענט און גענומען זינגען... אויפגעשפּרונגען, צוגעלאָפן צו דער טיר, אַרויסגעקוקט. ס'איז געווען שטיל אַרום. עס האָט גאָר ניט אויסגעוויזן, אַז דער צוג דאַרף זי אוועקטראָגן אין דער וועלט אריין.

— נו, און וואו זיינען די איבעריקע, כאַוועך מעלניק? האָט זי געפרעגט. — מיר פאָרן דען אַליין?... איך זע ניט קיין פּאַ־סאַזשירן.

מיט אונדז אין וואַגאָן פאָרט נאָך אַ דאָקטאָר מיט זיין פרוי.

ער איז מיליטאַריזירט. מ'שיקט אים אַף די פאַבריקן.

— איז נאָר מיר פיר פאָרן אין דעם וואַגאָן?

— ע—ע... — האָט מעלניק געענטפערט. עס טרעפט איצט זעלטן אַזאַ קאָמפאָרט, אָבער אונדז האָט דאָס מאָל באַגליקט... נו, כאַווערטע סאָניאַ, זייט ווי אין דער היים. עסט עפּעס. אָט האָט איר ברויט און מילך... ליידער האָב איך מער ניט געקאָנט קריגן.

סאָניאַ האָט נאָך קיינמאָל ניט געגעסן און געטרונקען מיט אַזאַ אַפּעטיט ווי אין דעם פרימאָרגן. וואָס דאַרף מען מער, — האָט זי געטראַכט. ס'איז דאָך אַזוי געשמאַק.

— מעלניק, ווען פאָרן מיר, — האָט זי געפרעגט.

— ס'איז לייכטער צו ענטפערן ווען ס'וועט פאָרקומען די וועלט רעוואָלוציע — האָט מעלניק געענטפערט — נאָט לייענט עפּעס דערוויילע. איך וועל גיין אויסגעפינען.

ער איז אַוועקגעגאַנגען.

דער דאָקטאָר און זיין פרוי זיינען אויך געקומען. בייזע און פאַרכמורעטע האָבן זיי פאַרנומען אַ בעטל, אַוועקגעלייגט זייערע זאַכן, אַ קוק געטאָן אַף סאָניאָן און איבערגעקוקט זיך מיט אַ שפּאָטישן שמייכל.

— איר פאָרט אויך כאַווערטע? — האָט דעם דאָקטאָרס פרוי געפרעגט, און דאָס וואָרט „כאַווערטע" האָט זיך אַרויסגעשאָרט פון איר מויל ווי אַ גיפטיק שלענגל.

— יאָ, איך פאָר אויך, — האָט סאָניאַ געענטפערט.

— ווי אַזוי רופט מען אייך? — האָט זי ווידער געפרעגט, — מיר פאָרן דאָך אַזאַ לאַנגע שטרעקע, דאַרפן מיר זיך באַקענען.

— אַ, געוויס, — האָט סאָניאַ געזאָגט. — מיין נאָמען איז סאָניאַ.

— און מיך רופט מען אננאַ סטעפּאַנאָוונאַ. און דאָס איז מיין מאַן דאָקטאָר מאַראָזאָוו.

— זייער איינגענעם.

דער דאָקטאָר האָט זיך פאַרנייגט, פאַררויכערט, ענטשולדיקט זיך און אויסגעטאָן זיין העמד.

— ווי געפעלט אייך, כאַווערטע, — האָט ער זיך געווענדעט

צו סאָניאַן. — וואָלטן מיר געקאָנט אמאָל גלויבן, אַז מיר ציווי־ליזירטע מענטשן וועלן זיצן און זוכן אין אונדזערע העמדער דעם סוינע פון דער רוסישער רעוואָלוציע, ווי לעניו האָט זיי אָנגערופן, אַ? כע, כע.

— כאַ, כאַ, כאַ! — האָט זיך אננא סטעפאַנאָוונא פונאַנדער־געלאַכט.

— ניטאָ וואָס צו לאַכן, אננא סטעפאַנאָוונאַ, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. — ס'איז אַ ערנסטע פּראָבלעם און... אַ־אַ! געפּאַקט איינעם! כאַ־כאַ!

מעלניק איז צוריק געקומען. גאָרניט אויסגעפונען.

ס'איז געוואָרן פינצטער. קיין ליכט האָבן זיי ניט געהאַט אָנ־צוצינדן, זיינען זיי געזעסן אין דער פינצטער און געשמועסט.

אננא סטעפאַנאָוונא האָט זיך ניט געקאָנט באַרואיקן, ווי אַזוי נעמען מענטשן און ווילן איבערקערן אַ וועלט. וואָס פאַר אַ רעכט האָבן זיי געהאַט אָפּצורייסן אַ דאָקטאָר פון זיין היים, פון זיינע פּאַציענטן און פאַרוואַרפן אים עפּעס אין אַ פינצטערן לאָך, ערגעץ אין אַ שטעטל... אַך די מענטשן זיינען שרעקלעך.

— די רעוואָלוציע פאָדערט עס, — האָט מעלניק געזאָגט — מ'קאָן ניט זיין אַזוי עגאָאיסטיש אין אַזאַ צייט. די גרויסע שטאָט האָט געגנוג דאָקטוירים און דאָרט שטאַרבן מענטשן ווי פליגן.

— יאָ, איר זיינט דאָך אַ אידעאַליסט... איר האָט ליב צו שאַרן פייער מיט פרעמדע הענט.

— ווער, ווער, אָבער איר אינטעליגענטן וואָלטן באַדאַרפט שווייגן, — האָט מעלניק געזאָגט.

— פאַרוואָס זאָלן מיר שווייגן? — האָט זיך אננא סטעפּאַ־נאָוונאַ געהיצט. — פאַרוואָס — צוליב אייערע...

— צוליב אונדזערע און צוליב מענטשלעכע אידעאַלן, — האָט סאָניאַ פאַרענדיקט.

— איר זיינט אַ אידישע, ניט אַזוי? — האָט אננא סטעפאַ־נאָוונאַ געפרעגט.

— יאָ, וואָס איז דען?

— אַ, גאָרניט, — האָט זי געענטפערט. — די אידן זיינען אַלע אי - דע - אַ - ליסטן.

— נו, געגוג, געגוג, אננאַ סטעפּאַנאָוונאַ, לאָמיר שלאָפן — האָט זיך דער דאָקטאָר אַריינגעמישט. — מיר זיינען אַלע אידעאַ־ליסטן ביז עס רירט אונדז ניט אָן. אַלע זיינען מיר קעמפער... כּע! מ'רייסט זיך אויף די גלייכע ווענט, ווייל... נו... ווייל דאָס איז די נאַטור פון דעם מענטשן. ער קאָן ניט אַנדערש... דער אידעאַל פאַלט ניט אַראָפּ פון הימל און ווערט ניט געבוירן פון זיך אַליין אויף דער ערד — דער מענטש דאַרף קעמפן, שאַפט ער זיך אַן אידעאַל. און אַלטן, אַ נייעם דער זעלבער טייוול! **Perpetum Mobile** וואָלט איך געזאָגט... אַטוואָס

פאַרענדיקט דעם מאָנאָלאָג, האָט ער זיך איבערגעקערט אויף דער צווייטער זייט, און ס'האָט ניט גענומען לאַנג האָט זיך שוין געהערט זיין כראָפּען.

באַנאַכט האָבן זיי זיך אויפגעכאַפּט. ס'האָט זיך געהערט דער כאַראַקטעריסטישער אייזנבאַן טומל. דאָס בראַזגען פון די קייטן, דאָס קלאַפּן פון די בופערן באַם צוזאַמענשטעלן דעם צוג. רויטע און גרינע פייערלעך האָבן געשיינט און באַוועגט זיך אין דער פינצטער.

— מיר פאָרן שוין? — האָט סאָניאַ געפרעגט.

— יאָ, איך גלויב, אַז מיר וועלן באַלד פאָרן, — האָט מעלניק געענטפערט שטייענדיק באַ דער טיר.

דער דאָקטאָר און זיין פרוי האָבן זיך אויף אַ ווײַלע אויפגעכאַפּט, און גלייך באַשלאָסן, אַז ס'איז גלייכער צו שלאָפן. זיי וועלן פאָרן, נו, זאָלן זיי זיך דערווייל אויסשלאָפן.

— מיר פאָרן... — האָט סאָניאַ זיך אַנידערגעלייגט מיטן בויך אַראָפּ, אַרויסקוקנדיק דורך דער אָפענער טיר אויף די פייערלעך, וואָס זיינען געלאָפן פאַרביי. זי האָט געהוידעט מיט די נאַקעטע פיס און צוגעהערט זיך צו דעם פייף, וואָס האָט ווי אויסגעשריען, געוואָרנט, אַזוי דרייסט און מוטיק: מאַכט וועג... מיר פאָרן! מאַכט וועג!

סאָניאַ איז געבליבן ליגן שטיל. פּלוצים איז איר אַזוי אור־מעטיק געוואָרן. דאָס קלאַפּן פון די רעדער האָט מיט דער מאָנאָ־טאָנקייט געגאָגט און אָן אויפהער געריעדט און געקלאַפּט איין און דאָס זעלבע וואָרט. וואָס פאַר אַ וואָרט האָט זי ניט געוואוּסט...

עפשער האָט זיך איר נאָר געבאָלעמט עפּעס אזא וואָרט... עפשער איז דאָס וואָרט „מאַמע" און עפשער „טויט" און עפשער „לעבן". א וואָרט, וואָס איז אזוי נאָענט און נאָגט און שרעקט און טרייבט צום וויינען. מעלניק איז צוגעגאַנגען צו איר בעטל. אנידערגעזעצט זיך. געזעסן אזוי א ווײַלע און געשוויגן. דער ווינט האָט פונאַנדערגעבלאָזן אירע האָר און די האָר האָבן אזוי געררייצט זיין האַנט, וואָס איז געלעגן לעבן איר קאָפּ. עטלעכע האָר... אָבער וויפיל ווארעמקייט האָט יעדע האָר אריינגעשטראָמט פּלוצים אין זיין לייב. א גלעט טאָן איר קאָפּ, נאָר א גלעט טאָן, און דאָס וואָלט דאָך געווען אזוי גוט, אזוי זיס... ער האָט געפילט גלייך ווי א קליין ריטשקעלע פליסט דאָ לעבן אים... א ריטשקעלע, וואָס קאָן פּלוצים פארוואַנדעלט ווערן אין א שטראָם, וואָס וועט פארטראָגן אין א טיפן אָפּגרונט. עפּעס האָט אים אזוי מאָדנע געשווינדלט אין די אויגן... דער אָפּגרונט ציט... ציט... און ס'איז ניטאָ קיין מאַכט אָפּצורייסן זיך... זיין האַנט האָט ציטערדיק געבלאָנדזשעט אין דער נעץ פון סאָניאַס האָר, און די פינגער האָבן זיך געגליטשט אראָפּ צו איר ענטבלויזט אַקסל...

— וואָס וויל ער.... — האָט סאָניא א טראַכט געטאָן, און אָפּגערוקט זיך אין א זייט.

מעלניק האָט מער ניט געוואגט... ער האָט פּלוצים דערזען דעם אָפּגרונט און געפּרוווט קלעטערן צוריק... האָט אָבער סאָניא פּלוצים געקראָגן ראַכמאָנעס אף אים. ער איז דאָך אזא עלנדער... ער מיינט דאָך גאָרניט, טאָ וואָס האָט זי זיך אזוי אָפּגערוקט פון אים. און זי האָט מיט אירע דינע קאַלטע פינגער אָנגערירט זיין האַנט. זיין אָרבל איז געווען אזוי ברייט, און די פינגער האָבן זיך אליין געצויגן ארויף... ארויף אף זיין האָריקער האַנט, און צוריק אראָפּגעגליטשט זיך צו זיינע פינגער, וואָס האָבן זיך מיט אמאָל איינגעפלאָכטן און איינגעקלאַמערט אין זיינע...

— סאָניא... — האָט ער ציטערדיק געזאָגט.

— וואָס איז, כאַווער מעלניק.

— איך ווייס ניט... — האָט ער שטיל אָנגעהויבן. — ס'וועט אייך אויסווייזן אביסל קאָמיש און...

— א, ניין... פארוואָס קאָמיש...

— איך ווייס ניט צו ס'איז איצטער אין אַלגעמיין די צייט צוריידן פֿון דעם... אזא צייט... כאָטש דעם פֿאַרן מיר דאָך טאָן עפּעס אַרבעט... עמעס, מיר זיינען ביידע באַהערשט פֿון איין אידייע, אָבער זאָל עס אייך ניט אויסוויזן קאָמיש און קליינבירגערלעך... אָבער מיינע געפֿילן צו אייך...

— פאַרוואָס גאַר קאָמיש און קליינבירגערלעך?...

מעלניק האָט ניט געוואוסט וואָס ווייטער צו ריידן. זאָגן, אַז ער האָט זי ליב, איז דאָך דאָס וואָרט ליבע אַזוי אַלט, עס שמעקט דאָך טאַקע עפּעס מיט קליינבירגערלעכקייט... קאָמוניסטן און... ליבע, אָבער, ווי זאָגט מען עס איר. ער פֿילט, אַז זי גיט אים צו קוראַזש, אָבער ווי נעמט מען צו דעם די נויטיקע ווערטער.

— אָט פֿאָרן מיר ביידע צוזאַמען, — האָט ער געזאָגט. — אָט וועלן מיר קומען אין אַן אומבאַקאַנטער שטאָט, אַרבעטן צוזאַמען און...

— כאַווער מעלניק, — האָט אים סאָניאַ איבערגעשלאָגן. זי האָט שוין פֿאַרשטאַנען וואָס ער וויל זאָגן. — כאַווער מעלניק, איך פֿאַרשטיי אייך. איך ווייס, וואָס איר ווילט מיר זאָגן... — געגלעט זיין האַנט און פּלוצים אַפּרעג געטאָן:

— ווי אַזוי זיינט איר געוואָרן אַ קאָמוניסט?

— וואָס הייסט ווי אַזוי? — האָט ער זיך פאַרוואונדערט.

— איך מיין... וואָס האָט אייך אַ שטויס געטאָן דערצו?

— כאַווערטע סאָניאַ, אַ קאָמוניסטקע וואָלט ניט באַדאַרפֿט שטעלן אַזאַ פֿראַגע. ווייסט איר דען ניט וואָס עס האָט אונדז געשטויסן און גערופֿן?

— יאָ, איך פֿאַרשטיי, אָבער... איר ווייסט כאַווער מעלניק... אייער מויאַך רופֿט אייך און שטויסט אייך, אייער האַרץ אָבער איז נאָך פֿול מיט כאַלוימעס פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט.

— אָט איר זעט, איך האָב געוואוסט איר וועט מיך אויסלאַכן.

— אַ, ניין, איך לאַך אייך ניט אויס... פֿאַרקערט, איך וויל זאָגן אַז מ'קאָן זיין אַ קאָמוניסט און דאָך... זי האָט געוואָלט זאָגן ליבן און זיך צוריק געכאַפּט. — און דאָך טראָגן אין האַרצן דאָס קליינבירגערלעכע... ניין... פּאַשעט דאָס מענטשלעכע...

— יאָ, יאָ, דאָס מענטשלעכע, אַוודע דאָס מענטשלעכע... —

האָט מעלניק צוגעשטימט...

— האָט איר אַמאָל געליִיענט די גייסטער פון איבסען?

— ניין, איך האָב ניט געליִיענט.

—נו, דאָרט קומט פאָר גאָר אַן אַנדערע געשיכטע... — האָט סאָניאַ געזאָגט. — אָבער אין אַלגעמיין איז דאָס די זעלבע געשיכטע. מיר גייען שאַפן אַ נייע וועלט, איאָ? מיר קאָנען זיך אָבער ניט באַפרייען פון די גייסטער.

— פון וועלכע גייסטער? — האָט מעלניק געפרעגט.

—נו, די אַלע גייסטער, וואָס מיר האָבן געיאַרשנט פון אונדזערע זיידעס און באָבעס... דעם סענטימענטאַליזם, דער ספּעציפישער אידעאַליזם מיט וועלכן די אַלטע וועלט שטאָלצירט אַזוי און עפּשער די אַזוי גערופענע אײַן פאַרגעטערטע ליבע.

— דיינקט איר, אַז זיי זיינען גייסטער?

— נאָר גייסטער.

— טו וואָס איז פאַראַן עפּעס געמיינשאַפטלעכעס, וואָס פאַראייניקט דעם מאַן און פרוי?

— אויב איר רעדט פון מאַן אַלס ער און פרוי אַלס זי, איז דאָס די טייווע... דער גלוסט...

— אַ, איר רעדט ווי אַ מאַן, — האָט מעלניק געזאָגט.

— כּאַווער מעלניק, לאָמיר ניט אַוועקגיין פון דעם עמעס, ס׳איז אַזוי. וואָס האָט איך דען צוגעצויגן איצט צו מיר ווען ניט דאָס, וואָס מיר זיינען איצט קימאַט אַליין און אַלץ אַרום איז עפּעס אַזוי אַנדערש.

— ניין, ניין, כּאַווערטע, אייער נעשאָמע...

— אַ, מיין נעשאָמע געפעלט אייך — נו, איר רעדט ווי אַ פרוי...

— אַ קאָמפּלימענט פאַר אַ קאָמפּלימענט.

— אַ, אַ. נו,וואָס נעפעלט אייך מער, כּאַווער מעלניק, מיין נעשאָמע צו מיין קערפּער?

ער האָט אַווײַלע אַ טראַכט געטאָן.

— אייער קערפּער און אייער נעשאָמע איז אַזוי ווי אַן האַרמאָנישער אַקאָרד און וועלכער טאָן עס געפעלט מיר בעסער ווייס איך ניט.

— כאַ, כאַ, כאַ, — האָט סאָניאַ שטיל געלאַכט — איר זאָגט

דאָך קאָמפּלימענטן, ווי אַ קאַוואַליער, כאַוועך מעלניק, נו גוט. מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל אומקערן צו אונדזער געשפּרעך. איצט גייט שלאָפן. לאָמיר ניט געבן דעם דאָקטאָר און זיין פרוי קיין געלעגנהייט צו דיינקען שלעכט פון קאָמוניסטן, איבערהויפּט וועגן אידישע אי־דע־אָ־ליסטקעס, כאַ, כאַ!

— איך האָף, אַז די מיינונג פון די דאָזיקע אינטעליגענטן איז אייך ניט שווער צו פאַרטראָגן.

— אָ, ניין. זייערע מיינונגען און געדאַנקען זיינען ווי פליגן, וואָס פלאָדיען זיך אַרום אַ צעפוילטן קערפּער און מיין קערפּער און גייסט איז נאָך געזונט און פריש. אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט.

---

אין אַ גרויען פאַרטאָג האָט מעלניק אויפגעוועקט סאָניאַן.

— שטייט אויף, מיר דאַרפן שוין באַלד אַראָפּגיין.

סאָניאַ איז אויפגעשטאַנען, אַף גיך אָפּגעוואַשן און פאַרקעמט די האָר. דער דאָקטאָר און זיין פרוי האָבן זיך געבלאָזן, געשלעפּט די שווערע קאַסטנס און געשאָלטן.

ווען דער צוג איז צוגעקומען צו דער סטאַנציע האָט מעלניק גענומען אַננאַ סטעפּאַנאָוונאַס טשעמאָדאַן און זיי האָבן זיך געלאָזט אין שטעדטל אַריין.

די זון האָט זיך ערשט צעשמייכלט אַף דעם האָריזאָנט.

אַ ווינטל האָט געבלאָזן. סאָניאַ איז געגאַנגען מוטיק, געשפּאַנט לעבן מעלניקן און געפרייט זיך. פון דער ווייטנס האָט אַרויסגעקוקט דאָס שטעטל. אָט האָט זיך אַ גאַס צעלייגט פאַר זיי ברייט מיט קליינע שמוציקע שטיבלעך. שטיל, מען זעט קיין מענטשן. דער דאָקטאָר האָט געשלעפּט די קאַסטנס, געהינקט אַף אַ פוס.

— אָבער וואוהין גייען מיר? — איז ער געבליבן שטיין. — איז דאָ פאַראַן עפּעס אַ גאָסטיניצע...

— אַ גראַנד האָטעל האָט מען פאַר דיר אָנגעגרייט, — האָט אַננאַ סטעפּאַנאָוונאַ בייז געענטפערט.

— מיר וועלן גיין אין איספּאָלקאָם. — האָט מעלניק געזאָגט.

— דאָרט וועט מען אונדז אָנווייזן וואוהין צו גיין.

— אָבער וואו איז אייער איספּאָלקאָם? האָט זיך דער דאָק־

טאָר געבייזערט.

— מיר ווען אויסגעפינען.

אַן ארבעטער איז פאַרביי געגאַנגען, האָט אים מעלניק אָפּגעשטעלט, געפרעגט וואו דער איספּאָלקאָם איז.

דער איספּאָלקאָם איז געווען גלייך לעבן זיי. זיינען זיי אריינגעגאַנגען. קיינער איז נאָך ניט געווען, האָבן זיי זיך אַנידערגעזעצט אויף די ביינק.

— קומט, לאָמיר א קוק טאָן אפן שטעטל, — האָט מעלניק פאָרגעלייגט.

דער דאָקטאָר און אַננא סטעפּאַנאָוונאַ האָבן בייז אָפּגעשלאָגן זיין פאָרשלאָג. זיי זיינען אַזוי אויך גוט מיד, און דעם גרוב האָבן זיי שוין געזען. וואָס נאָך איז דאָ צו זען.

מעלניק און סאָניא זיינען ארויסגעגאַנגען. דאָס פּייפן פון די פאַבריקן האָט צוגעגעבן דעם שטעטל א נעשאָמע. מענטשן האָבן זיך באַוויזן. פּוירעטעס מיט פלעשער מילך, מיט ברויט און גרינס.

מעלניק און סאָניא האָבן זיך אָפּגעשטעלט. געטרונקען מילך און צוגעביסן מיט ברויט. געווען צופרידן און גליקלעך... זיי זיינען ארומגעגאַנגען דאָס שטעטל. אָפּגעשטעלט זיך באַם קינעמאַטאָגראַף, באַ דער אַפּטייק און באַ דער פּאָטשט.

— נו, מיר האָבן געזען אַלץ, וואָס ס'איז דאָ פאַראַן צו זען, — האָט מעלניק געזאָגט. לאָמיר גיין צוריק.

ווען זיי זיינען צוריקגעקומען צו דעם איספּאָלקאָם, איז שוין דער דאָקטאָר מיט זיין פרוי ניט געווען. מ'האָט זיי אוועקגעפירט אויף זייער קוואַרטיר צום האָספּיטאַל.

מעלניק און סאָניא האָבן געוויזן זייערע דאָקומענטן, און יעדער פון זיי האָט געקראָגן דאָס נויטיקע פּאַפּיר און דירעקטיוועס וואוהין צו גיין.

סאָניא האָט איבערגעלייענט: „רעקווירירן א צימער באַ דעם אַפּטייקער סאָלאָמאָן באַרג."

א, וועט זי, הייסט עס, וואוינען באַ דעם אַפּטייקער. באַ אינטעליגענטן פון שטעטל... זי איז ניט געווען צופרידן מיט דעם.

דאָס צימער איז, מיסטאָמע, גוט... אָבער, איר וואָלט זיך געוואָלט וואוינען באַ פּאָשעטע מענטשן... ניט אין א בורזשואזער

פאַמיליע. זי האָט אָבער, קיין מוט געהאַט צו בעטן אַן אַנדער צימער, האָט זי גענומען איר פּעקל און געלאָזט זיך גיין.

מעלניק האָט איר אַ כאַפּ געטאָן בא דער האַנט, שטאַרק געדריקט און געזאָגט:

— כאַווערטע, סאָניאַ, מיר וועלן זיך נאָך זען...

— זיכער... — האָט זי געענטפערט. אַ שמייכל געטאָן און אַרויסגעגאַנגען.

3

סאָניאַ איז געלעגן אַף דער קושעטקע און געטראַכט. אָט איז זי אין אַ פרעמדער שטאָט ווייט ווייט פון איר מוטער. אָט ליגט זי אַף אַזאַ ווייכער שיינער קושעטקע אין דעם אַפּטייקערס הויז, וואו מ׳האָט רעקווירירט פון איר׳ט וועגן אַ צימער...

דער אַפּטייקער באַרג איז אַן עלטערער מענטש מיט אַן אויסגעצויגענעם פּאָנים און מיט אַ פּליכעוואַטן קאָפּ. קוקט דורך זיינע ברילן פון אויבן אַראָפּ. קוקט און שווייגט און טוט ניט קיין שמייכל. וואָס ער טראַכט וועגן איר ווייסט זי ניט. קיין גוטס אַוואַדע ניט.

די פרוי באַרג איז אַ ביסל יונגער פון איר מאַן, רעדט גראַדע יאָ, שמייכלט אַזוי איראָניש, און אָפּטמאָל וואַרפט זי אַריין אַ וואָרט פול מיט סאַרקאַזם. אָט האָט זי היינט געפרעגט בא סאָניאַן ווי עס געפעלט איר דאָס צימער. „אייער" צימער האָט זי געזאָגט, און דאָס דאָס וואָרט „אייער" האָט זי אַזוי אונטערגעשטראָכן, אַז סאָניאַ האָט פאַרשטאַנען איר מיין. נאָר צו וואָס טראַכטן פון דעם. ווען מ׳זאָל וועלן טראַכטן פון יעדער קליייניקייט, וואָלטן דאָך מענטשן קיין רעוואָלוציעס ניט געמאַכט. און פאַרוואָס זאָלן זיי טאַקע וואוינען אַזוי רייך און שיין. און דאָס געשמאַקע עסן, וואָס מע דערלאַנגט בא זיי צום טיש. אומעטום הונגערט מען און בא זיי קאָכט מען אַזעלכע געשמאַקע מיכאָלים. די צימערן זיינען גרויס, הויך און ליכטיק. שיינע סטאַטועס און בילדער, אַ פּיאַנע, אַ שראַנק מיט ביכער. זי שטעלט זיך פאָר וויפיל זיי האָבן באַהאַלטן. באַגראָבן אין די קעלערס, איינגעמויערט אין די ווענט.

יאָ, היינט האָט עמיצער אַזוי שיין געשפּילט אַף דער פּיאַנאָ.

דרעמלענדיק האָט זי געהערט ווי אין כאָלעם אַזאַ שיינע מעלאָדיע. זי איז זיכער, אַז ניט די פרוי בארג האָט דאָס געשפּילט. אָך, און פּארוואָס קומט עס טאַקע זיי אַזוי פיל גוטס, און איר, סאָניאַן גאָרניט. ניט דאָס רייכטום האָט זי אַזוי איבעראַשט, זי האָט עס שוין געזען באַ בעללאַן אין הויז. דאָ אָבער האָט זי אַזוי שטאַרק דערפילט דעם אונטערשיד. זי איז באַ זיי און דאָס אַלץ איז ניט אירס. זי האָט געקאָנט נאָר רעקוויזירן אַ צימער, אָבער געניסן דערפון, פילן עפּעס אַ נאָענטקייט מיט די אַלע זאַכן האָט זי ניט געקאָנט. ס׳איז פרעמדס... אַט שפּילט מען דאָרט ווידער, און טאַקע די זעלבע מעלאָדיע וואָס אינדערפרי. זי מוז זען ווער עס שפּילט. זי האָט זיך אויפגעהויבן, געעפנט די טיר און צוגעגאַנגען צו דעם צימער פון וואַנען ס׳האָט זיך געהערט דאָס שפּילן.

זי איז געבליבן שטיין באַ דער טיר אין פארלעגנהייט. באַ דער פּיאַנאָ איז געזעסן אַ יונגער מאַן מיט פארכאַלעמטע אויגן, מיט אַ הויכן ווייסן שטערן און מיט שווארצע געלאָקטע, האָר.

— אַנטשולדיקט, — האָט סאָניאַ געזאָגט און געוואָלט אוועקגיין.

ער האָט אויפגעהערט שפּילן, זיך אויסגעדרייט צו איר און געזאָגט.

— אָ, דאָס זיינט איר, קומט אריין.

— אָ, ניין. איך וועל בעסער גיין. איך וויל אייך ניט שטערן. איך האָב געמיינט, ס׳איז אייער שוועסטער.

— איך האָב ניט קיין שוועסטער. שפּילט איר אויך פּיאַנאָ?

— ניין. איך שפּיל ניט. אָבער איך האָב ליב מוזיק.

— יאָ? דאָס איז גוט. מוזיק דאַרף מען פארשטיין, ווי אַ גוטן בוך, אַשטייגער.

— וואָס מאַכט אייך צום גלויבן, אַז איך פארשטיי ניט.

— איך האָב עס ניט געזאָגט. איך האָב נאָר געוואָלט זאָגן, אַז מוזיק דאַרף מען ניט נאָר פילן, נאָר אויך פארשטיין... מ׳מוז זיין דערצויגן דערצו.

— ליידער בין איך ניט דערצויגן געוואָרן אין אַ מוזיקאַלישער פאַמיליע. און דערפאַר דיינק איך אַז אייער טעאָריע איז אַ פאַלשע. אַז מ׳פילט מוזיק פארשטייט מען זי אויך. נאָר איר האָט מיסטאָמע

געמיינט עפּעס אַנדערש. די מוזיק האַרמאָנירט ניט בא אייך מיט אָרעמקייט. מוזיק האַרמאָנירט נאָר מיט רייכטום, מיט אַריסטאָ־קראַטיזם מיט דעם שיינעם אין אײדעלן, וואָס איר זיינט געוואוינט צו זען אַרום זיך...

— איר רייסט זיך אין אַ אָפּענער טיר. — האָט ער אַשמייכל געטאָן. — איך האָב גאָרניט געמיינט. איך האָב נאָר געזאָגט, אַז פילן און פאַרשטיין זיינען צוויי באַזונדערע זאַכן. אַ הונט און אַ קאַץ און אַ שלאַנג פילן אויך מוזיק, איך בין אָבער זיכער, אַז זי פאַרשטייען עס ניט. כאָטש דעם דיינק איך, אַז אַ מענטש קאָן זיין אָרעם און דאָך זיין מוזיקאַליש דערצויגן... ענטשולדיקט, ווי רופט מען אייך?

— סאָניאַ.

— סאָניאַ, דער נאָמען האַרמאָנירט ניט מיט...

— מיט וואָס?

— מיט אייער קאָסטיום.

— וואָס איז עפּעס אַזוי מאָדנע אין מיין קאָסטיום, וואָס ס'האַרמאָנירט ניט?

— עס קוקט אויס ווי איר גייט, אָדער איר זיינט געקומען אויף אַ מאַסקאַראַד, — האָט ער געזאָגט. — עס גלויבט זיך מיר ניט, אַז איר האָט אימער געטראָגן אָט די גרויסע שטיוול און אָט די בלוזע און דעם גאַרטל. אַ שיין פרויען געשטאַלט פאַרמאַסקירט אין סאָלדאַטישער גראָבקייט, איר וועט מיר ענטשולדיקן, כאַוועריטע סאָ־ניאַ, פאַר מיין אָפנהערציקייט...

— אַ, פאַרקערט, רעדט... דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, וואָס איך שטויס זיך אָן אָן אַזאַ ראַפינירטן מאַנסביל, וואָס רעדט מיט אַזאַ אָפענער, בורזשואַזער מאַניערע. איר ווייסט, מ'האָט מיך געשיקט אָהערצו אָרגאַניזירן קאָמיוניסטישע קעמערלעך אויף די פאַבריקן, און ווען איך וואָלט געקומען צו די אָרעמע פרויען אַר־בעטאָרינס מיט מיין שיין פרויען געשטאַלט, ווי איר האָט זיך אויס־געדריקט, וואָלט איך דען געקאָנט צוקומען צו זייערע הערצער? פּאָשעטקייט דערנעענטערט דאָך... זיי וועלן מיך אויסהערן און פאַרשטיין.

— איז דאָס דאָך אַ מאַסקאַראַד, ווי איך האָב געזאָגט.

— א, ניין... ניין. ס׳איז ניט דאָס ריכטיקע וואָרט... ס׳קלינגט עפּעס מיט פאַלשקייט, און איך בין געקומען מיט א אָפּן האַרץ, באַגייסטערט פאַר דער אַרבעט, וואָס איך גיי טאָן. אָבער איר וועט מיך ניט פאַרשטיין.

— כאַ, כאַ, כאַ! — האָט ער זיך צעלאַכט. — מאָדנע מענטשן די קאָמוניסטן. קומט, אַ שטייגער, צו אונדז, אַ פּאָשעטער אומוויסנדער מאַן. עמעס, ער איז אָרים און האָט אין זיין לעבן קיין גוטן טאָג ניט געהאַט. איז ער איצט געוואָרן אַ קאָמוניסט. און איך בין אַביסל מער געבילדעט פון אים, איך בין אַ סטודענט, איך האָב אַסאַך געלייענט, געשטודירט, און פאַרשטיי קאַרל מאַרקס קאַפּיטאַל בעסער ווי ער, וואָס האָט זיך ערשט פּלוצים דערוואוסט, אַז ס׳איז געווען אַ קאַרל מאַרקס אַף דער וועלט. און איך מוז אייך זאָגן דעם עמעס, איר קוקט דאָך אַף מיר ווי אַף אַ בורזשוי... מיט מיינע אידייען און מיט מיין האַרץ בין איך אָבער אַ קאָמוניסט. נו, קומט דער מאַן צו אונדז אין הויז, און נעמט זיך דיסקוסירן סאָציאַליזם. און ווען איך מאַך עפּעס אַ באַמערקונג און וויל אים געבן צו פאַרשטיין ווי פאַלש ער טייטשט אויס די סאָציאַלע רעוואָלוציע, שרייט ער, אַז איך בין אַ בורזשוי און קאָן אים סיי ווי סיי ניט פאַרשטיין.

— דיינקט איר אַז איך געהער אויך צו דעם סאָרט מענטשן? — האָט סאָניאַ געפרעגט.

— אַ, ניין, — האָט ער געזאָגט. — איך בין זיכער, אַז איר פאַרשטייט און ווייסט. איך ווייס אָבער ניט ווי אַזוי צו דעפינירן עס... ס׳איז עפּעס אַ אומבאַוואוסטזיניקע דעמאַגאָגיע.

סאָניאַ האָט געקוקט אַף אים און געשוויגן. זי האָט געהאַט וואָס צו ענטפערן, אָבער עפּעס האָט זי אָפּגעהאַלטן פון דעם. ער האָט אויך געשוויגן און גענומען אַפּאָר אַקאָרדן אַף דער פּיאַנאָ.

— נו, איך וועל גיין, — האָט זי געזאָגט. — ענטשולדיקט וואָס איך האָב אייך געשטערט אין אייער שפּילן.

— אָ, פאַרקערט, איך האָב זייער גוט פאַרבראַכט.

סאָניאַ איז אַרויסגעגאַנגען און זיך גלייך צוריקגעקערט.

— ענטשולדיקט, ווי רופט מען אייך? — האָט זי געפרעגט.

— וויקטאָר... האָט ער מיט אַ שמייכל געזאָגט.

4

סאָניאַ האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיטן גאַנצן ברען פון איר יונגער נעשאָמע. גערופן פאַרזאַמלונגען, אינסטרוקטירט, גערעדט, געלערנט. געזעסן גאַנצע נעכט אין איר צימער, געשריבן, פּראָעקטירט און געטראָגן זיך אין אַ שטורעם פון באַגייסטערונג און זעלבסט צופרידנהייט. דער קרייז פון אירע באַקאַנטע האָט געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, און צוזאַמען אויך איר פּאָפּולאַריטעט. „כאַווערטע סאָניאַ, כאַווערטע סאָניאַ" אַלע האָבן געוואוסט און געקאָנט די שיינע קאָמוניסטקע כאַווערטע סאָניאַ, וואָס איז געווען אומעטום, גערעדט אומעטום, איטלעכן אויסגעהערט און צוגעזאָגט צו העלפן. טעג און נעכט זיינען געלאָפן, ווי אַ כאָלעם. ווייניק געגעסן און ווייניק געשלאָפן, אָבער פול מיט אינערלעכער ענערגיע פאַר אַרבעט, פאַר בויען, פאַר פּראָפּאַגאַנדע. באַגעגנט זיך אָפט מיט מעלניקן, געדריקט זיין האַנט מיט גלויבן אין דער וויכטיקייט פון איר פערזאָן, געקוקט אױף אים מיט קעמפּעריישן בליק, אַביסל מיד אַזוי... פון דער אָנגעשטריינגטער אַרבעט. פאַררויכערט אַ ציגאַר פון זיין טוטין. געפרעגט ווען ער וועט איר שוין ברענגען דעם רעוואָלווער, וואָס ער האָט איר צוגעזאָגט, ער ווייסט דאָך, ווי ס'איז לייכט אַריינצופאַלן אין די הענט פון באַנדיטן, וואָס לויערן אַרום שטעטל.

און מעלניק האָט געקוקט אין אירע אייגן מיט ליבשאַפט, געוואָלט אַזוי פיל זאָגן, אָבער נאָך אַמאָל פאַלן אונטער די ליבע שפּיזן פון איר איראָניע האָט זיך אים ניט געגלוסט. ער וועט וואַרטן. דאָס שטעטל איז קליין. זיי זעען זיך אָפט, וועט ער וואַרטן. ער קאָן ניט זיין, ווי זיינע כאַווירים אין דער טשעקאַ. זיי וואַרטן ניט אױף דער ליבע, זיי נעמען זי. זיי קניען ניט פאַר איר, נאָר טרינקען זי ווי אַ גוטן בעכער וויין. זיי רעדן ניט פון איר, נאָר זיי וואַרפן זיך אַריין אין איר ווי אין אַ טייך אַ שווים צו טאָן. און עס שרעקט זיך טאַקע אָפט זיין האַרץ, אַז די וואַקכאַנאַליע זאָל ניט אַריינשלעפן אויך זי... די שיינע סאָניאַ.

סאָניאַ האָט אָפט געלייענט אין זיינע אויגן דעם שטומען געבעט און געשוויגן. צו וואָס וועקן ליידנשאַפטן. זי האָט אַמאָל

געהערט זאָגן דעם קאָמיסאַר פון טשעקאַ אַז איצט איז די צייט פאַר געשלעכטלעכער ליידנשאַפט. יעדער מענטש, האָט ער געזאָגט, איז איצט ווי אַ אָנגעלאָדענע ראַקעטע, און אויב שוין פליען, — זאָלן זיי פליען ווי שיינער פייערווערק. האָט זי גראַדע פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געמיינט, און געלייענט עס אַפילע אין זיינע פעטע אויגן מיט וועלכע ער האָט געמאָסטן איר ביוסט, זי האָט אָבער גאָרניט געענטפערט, גלייך ווי ניט פאַרשטאַנען. ניין, איצט איז די צייט פון אַרבעט, אַרבעט, אַרבעט. פלעג זי אַהיים קומען באַנאַכט. אַנידערלייגן זיך אַף איר בעט און טראַכטן. דערנאָך פרואוון אַנטשלאָפן ווערן. און אויב זי פלעג אַמאָל הערן וויקטאָרן שפּילן, פלעג זי פאַרמאַכן די אויגן און לאָזן זיך אַוועקטראָגן אַף זינגענדיקע כוואַליעס.

איינמאָל אין אַ רעגנדיקן אָוונט איז זי געלעגן אַף איר בעטל און צוגעהערט זיך צו זיין שפּילן. פלוצים האָט זי זיך אויפגעהויבן און אַנידערגעזעצט זיך, גלייך ווי עפּעס האָט זי אַהויב געטאָן. צו וועמען... צו וואָס?... זי האָט דאַכט זיך אַזוי גוט געוואוסט און געפילט, אָבער ניט געוואָלט זיך מודה זיין אין דעם. און אַז זי וועט זיך יאָ מודה זיין איז וואָס?... מיינט זי דען עפּעס מיט דעם. איז דאָס דען אַ פאַרברעכן. זי זוכט אים ניט אַלס מאַן, זי האָט ליב זיין שפּילן. עמעס, ער איז אַ שיינער, און ווען זי קוקט אין זיינע אויגן איז איר שווער אָפּצורייסן זיך פון זיין בליק... אָט אין אַזאַ אָוונט איז זי אַליין. ער זיצט דאָרט און שפּילט. אין יענעם צימער הערשט עפּעס אַזאַ אינטימקייט. די גרויסע בוימער וואַזאַנעס אַרום דער פּיאַנאָ, די וואַרעמע און טיפע קושעטקע, דער באַזונדערער ספּעציפישער גערוך מיט וועלכן יעדע זאַך אָטעמט... דאָס אַלץ פאַרסישעפּט זי דאָרטן, מאַכט זי מאַכטלאָז און ווען זי שעמט זיך ניט פאַר אים, וואָלט זי זיך צעלייגט דאָרט אָט אַזוי ווי בא זיך אין צימער אַפן בעט און געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן... און עפּשער וואָלט זי דעמאָלט געגלוסט, אַז ער זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין צוויי... איינער זאָל זיצן אין שפּילן, און דער צווייטער זאָל אַזוי ווי מעלניק אין וואַגאָן זיצן לעבן איר און גלעטן אירע האָר... אַך...

זי האָט זיך אַלץ געטאָן צו דער טיר און געבליבן שטיין. גיין

אָדער ניט גיין? גיין. זי האָט געעפנט די טיר און מיט שטילע טריט אַריינגעגאַנגען אין צימער, וואו ער האָט געשפּילט.

ער האָט זי ניט געזען. ער האָט אָבער אינסטינקטיוו דערפילט אַז עמיצער איז דאָ. אומגעקוקט זיך.

— א, — האָט ער געזאָגט, און אויפגעהערט שפּילן. אונדזער כאַווערטע סאָניאַ איז דאָ, אונדזער קאָמיסאַר פון דער פאַבריק. א, ווי לאַנג, אַז איך האָב אייך ניט געזען. פון זינט מ׳האָט אייך באַשטימט אַלס קאָמיסאַר, זעט מען אייך ניט. זיצט.

זי האָט זיך אַנידערגעזעצט.

— ווי קומט עס איר זיינט היינט אין דער היים? — האָט ער געפרעגט.

— איך וויל זיך היינט אָפּרוען, — האָט זי געענטפערט.

— פון עפּעס צו פון עמיצן.

— אייך אינטערעסירט מיסטאָמע מער צו פון עמיצן.

— א, דער עפּעס איז דאָך סיי ווי סיי פאַרבונדן מיט דעם עמיצן.

— יאָ. איך בין מיד, איך אַרבעט שווער.

זי איז צוגעגאַנגען צו דער קושעטקע און אַנידערגעזעצט זיך. דער רעגן האָט געקלאַפּט אין פענצטער און זי האָט זיך דערפילט עפּעס אַזוי גוט און וואַרעם.

— מעג איך זיך אַנידערזעצן לעבן אייך? — האָט ער געפרעגט.

— איר מעגט. — האָט זי געענטפערט.

— מעג איך אויסלעשן דעם לאָמפּ?

— צו וואָס?

— איך האָב ליב אַזוי... עס שאַפט עפּעס אַ בעזונדערע שטימונג?

— פאַרלעשט, אויב איר האָט ליב אַזוי...

ער האָט פאַרלאָשן דעם לאָמפּ און צוריק געגאַנגען צו איר. אַנידערגעלייגט זיין קאָפּ אויף אירע קני.

— גייט דאָס אויך אַריין אין דער פּראָגראַם פון אייער שטימונג?

ער האָט גאָרניט געענטפערט. אַרומגענומען איר קאָפּ מיט זיינע הענט, אַראָפּגעבויגן זי צו זיך און איינגעזויגן זיך אין איר

מויל מיט זיינע ברענענדיקע ליפּן.

— וויקטאָר, וויקטאָר!...

וויקטאָר האָט ווי אַ פאַרנעבלטער געזוכט אירע ליפּן, גערדריקט און געקושט איר ענטבלויזטן אַקסל... — סאָניאַ... סאָניאַ...

זי האָט זיך אויסגעריסן פון זיינע הענט און איז אַרויס. אַריינגעלאָפן צו זיך אין צימער, פיבערנדיק פון ליידנשאַפטלעכער אויפרעגונג.

5

עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר סאָניאַן ווייסע ליכטיקע טעג און רויטע גליענדיקע נעכט. מענטשן האָבן באַוואונדערט איר ענטוזיאַזם, איר ענערגיע און כיישעק צו אַרבעטן. אירע רעדעס האָבן ווי באַפליגעלטע געריסן זיך פון איר מויל און גערופן צו לעבן... צום פרייען לעבן...

און די נעכט... אַך, די נעכט... זיינע אַלעגאָריעס אין וועלכע ער האָט געפלאָכטן זיינע ווערטער פון ליבע; די מעלאָדיעס, וואָס האָבן געשטראָמט פון זיינע הענט און געכוואַליעט איר האַרץ מיט פרייד און זיסן טרויער... זי האָט זיך קיינמאָל ניט פאַרגעשטעלט, אַז טרויער קאָן דערגיין ביז זיסקייט און זיסקייט און פרייד קאָן דערגיין ביז פיין... טראָגנדיק זיך אין שטראָם פון טאָג טעגלעכער אַרבעט, האָט זי געוואוסט און געפילט, אַז איר האַרץ פלאַטערט שוין עפּעס מיט אַנדערע עמאָציעס, אין געוואַרט אַף די ליכטיקע בלאָע בליצן, אַף דעם ווייטן שטורם, וואָס דאַרף קומען, אַרומכאַפּן זי און פאַרטראָגן אַף מעכטיקע פליגל... עך, דער טייוול זאָל עס נעמען! דער מענטש איז דאָך אַ ראַקעטע... מ׳צינדט אים אָן וועט ער אויפרייסן... מיט פייערווערק... כאַ, כאַ, כאַ!

דער אַלטער אַפּטייקער בארג און זיין פרוי האָבן אָנגעהויבן עפּעס צו פאַרדעכטיקן. עפּעס שלעפּט ער זיך שוין צופיל אַרום מיט דער באַלשעוויטשקע. זיי וואָלטן זיך קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז וויקטאָרן זאָל געפעלן אַזאַ טיפּ פרוי. וואָס האָט ער דערזען אין איר. זיי האָבן ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. און עס פלעג זיי זייער ערגערן ווען וויקטאָר האָט פּלוצים אָנגעהויבן אויפצופירן זיך ווי

אַן עמעסער קאָמוניסט. ער האָט אָנגעהויבן צו גיין אויף זייערע פאַר־זאַמלונגען, געדוקעט זיך מיט די קאָמיסאַרן, עס האָט נאָר געפעלט, אַז ער זאָל אָנהויבן אַרויסטרעטן מיט פּראָפּאַגאַנדע רעדעס. וואָלטן זיי געוואוסט, אַז דאָס איז נאָר אַן אָנשטעל אַזאַ, אַז ער איז נאָר „אַ געפאַרבטער" רויטער, וואָלט עס ווייניק געאַרט. זיי האָבן אָבער באַמערקט, אַז וויקטאָר האָט זיך איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן — און ווער ווייס — ער קאָן נאָך עפּשער ווערן אַ קאָמיסאַר. זיי האָבן אָבער געשוויגן און גאָרניט געזאָגט. זיי האָבן געקאָנט וויק־טאָרן און מוירע געהאַט אַז ער זאָל נאָך אײַנגאַנצן ניט אַוועק פון הויז.

איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט איז ער אַהיים געקומען אַן אויפ־גערעגטער און אַ בייזער. ניט געוואָלט צוגיין צום טיש עסן.

— פאַרוואָס גייסטו ניט צים טיש עסן? — האָט אים די מוטער געפרעגט. — וואָס איז געשען?

— ס'איז גאָרניט געשען. — האָט ער געענטפערט. — די מענטשן אין שטעטל לאָזן זיך אויס פון הונגער. שוין פיר טעג, אַז ס'איז קיין ברויט ניטאָ און ווער ווייסט ווען עס וועט אָנקומען.

— טאָ וואָס זשע ערגערסטו זיך אַזוי?‏?! — האָט די מוטער געפרעגט. ס'איז עפּעס אַ נייס? וואָס וויל ער די שטאָט פאַרזאָרגן?... וואָס אַ מענטשן פעלט איין!

וויקטאָר איז נערוועז אויפגעשפּרונגען, וואָס ס'אַרט אים? ס'אַרט אים וואָס באַ זיי אין קעלער שטייען פינף פעסער מעל — זיי האָבן צו פרעסן און דאָרט גייען קינדער אויס פון הונגער.

— טאָ—טאָ—טאָ! האָט זיך רער פאָטער אָנגערופן. וואָס פאַר אַ טייערער באָלשעוויק ער איז געוואָרן. וועט ער, עפּשער, נאָך גיין אין טשעקאַ מאָסערן דעם טאַטן — זאָל ער גיין צו אַלדע רוכעס דער אויסוואורף! דאָס האָט די פּאַסקודנע מויד — די פּראָסטיטוטקע געמאַכט אים פאַר אַזאַ באָלשעוויק!

וויקטאָר איז געוואָרן בלייך פון אויפרעגונג און אַלאָז געטאָן זיך צו דער טיר.

אויף דער שוועל איז געשטאַנען סאָניאַ. מיט פייערדיקע אויגן האָט זי געקוקט אויף דעם אַלטן באַרג.

זי איז אַרויס פון הויז, און מיט אַ פּאָר שטונדן שפּעטער

האָט מען וויקטאָרן אַרויסגערופן אין דער טשעקאַ. ער האָט דאָרט געטראָפן דעם קאָמיסאַר פון טשעקאַ, סאָניאַן און מעלניקן. און ווען ער האָט זיך אָנידערגעזעצט, ניט ווייסנדיק וואָס צו ערוואַרטן פון דער פּלוצימדיקער איינלאַדונג און פון די דריי פּאָר אויגן, וואָס האָבן געקוקט אַף אים מיט פאַרשידענע בליקן, האָט ער דערהערט סאָניאַן זאָגן:

— כאַווער קאָמיסאַר, דער כאַווער, וויקטאָר באַרג האָט אייך געוואָלט עפּעס זאָגן. — זאָגט! — האָט זי זיך געווענדעט צו וויקטאָרן. און וויקטאָר האָט זיי דערציילט פון די פינף פעסער מעל, וואָס שטייען בא זיי אין קעלער.

באַנאַכט איז מעלניק געקומען מיט סאָלדאַטן פון טשעקאַ און שטיל אָן טומל אַרויסגעקאַטשעט די פינף פעסער מעל פון דעם אַפּטייקערס קעלער.

די פרוי באַרג איז געלעגן מיט אַ קאַלטן קאָמפּרעס אַפן קאָפּ, און דער אַפּטייקער איז אַרומגעלאָפן איבערן הויז און געשיפּעט...

— אַזאַ באָלשעוויסטישע מויד... טאַקע פאַרמאַסערט אונדז די פאַרשאָלטענע!... טאַקע פאַרמאַסערט...

און וויקטאָר איז געשטאַנען באַם פענצטער, אַ צופרידענער, אַ באַפרייטער... ניטאָ מער קיין מעל אין קעלער. ניטאָ מער פּאַר וואָס צו ציטערן. און די אַרבעטער אין שטאָט וועלן האָבן וואָס צו עסן. און סאָניאַ וועט אים איצט גלויבן, און פאַרשטיין בעסער...

# אינהאַלט

## אין שאָטן פון הימלקראַצערס

אין שאָטן פון הימלקראַצערס ........ 7
זריע אַפן ווינט ........ 22
כאַוועד לעשניק ........ 45
אָפגעזונגענע לידער ........ 83
בורלעסק ........ 99
מיסטער בלעקסטאָן ........ 108
שמולעוויטש ........ 123
אַפן בריק ........ 142
בעסי ........ 149
איין זייט לעוואָנע ........ 172

## אין יענע טעג...

אין וואַגאָן ........ 205
דער טולופ ........ 215
הענט ........ 226
סאָניאַ ........ 233